STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05877

GEZAMLTE VERK

Joseph Opatoshu

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאַמלטע ווערק

פון

י. אָפּאַטאָשו

XIV

ווילנע — 1936

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

י. אָפּאַטאָשו

מי און פּורעם

דערציילונגען

ווילנע — 1936

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

J. Opatoszu — „Mi un Furem"

Zakłady Graficzne inż. G. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23.

אינהאַלט:

	זײַט
קאַרפּן	7
פּלאַמען	16
בוים	22
פּרילינג	28
הונגער	33
ווינטן	39
ניי-יאָר	44
אייביקייט	50
א „ווינדא-קלינער"	56
לוסי לי	60
א גענגסטער	65
גאָטס הויז	71
א הונט	77
ווערים	83
א גאָלדענער מעדאַל	89
רציחה	95
אין א רייט-אקאדעמיע	100
צווישן קוילן-גרעבער	106
באַזיגט	113
א לעקציע	119
עפי	125
גערעכטיקייט	131

יידישקייט	136
פרעמדע	141
מענטשן	147
א רב	154
משיח	160
ר׳ שבתי	166
הינטערן דילענסי בריק	171
וועלוול	176
קאצק	182
אין א שטעטל	188
אין א בויד	194
אן אמעריקאנערין	200
א שפאס	206
א שטרייק	211
ווינטער	217
א פערד-מגפה	223
אויף סמאטשע גאס	228
אויף קראכמאלנע גאס	233
פיש	238
קרובים	243
אין זאמאשטש	250

קאַרפּן

רעכטס — דער האָדסאָן. לינקס — לאָנקעס, טייכן און געדיכטע שטיקער וואַלד, און אין דער מיט — פינקלדיקע רעלסן. די רעלסן זײַנען געלעגן אויף שפּאַלן, און איבער די שפּאַלן האָט געשפּאַנט אַ פּאַרשוין, וואָס איז געווען ברייטער, ווי העכער. קיין פּעקל, קיין שטעקן, קיין היטל. די געלבלעכע האָר, וואָס זײַנען שוין לאַנג נישט געווען געשוירן, האָבן זיך געקרײַזלט אַרום די אויערן, ווי איבערגעוואַקסן גראָז אַרום שוואָמען. די הויזן אויסגעוואַקסן, ס'רעקל צעקנייטשט און די נײַע, געלע שיך האָבן נישט געפּאַסט צום גאַנצן הילוך.

ס'איז געווען קענטיק, אַז דעם פּאַרשוין איז דאָ, אונטערן פרײַען הימל, גוט. ער איז נישט געגאַנגען. ער האָט אונטערגעשפּרונגען, געשפּרײַזט איבער צוויי שפּאַלן מיטאַמאָל. דערצו האָט ער זיך געהאַלטן אין איין ציִען. דאָ האָט ער אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, דאָ אַ דריי מיטן האַלדז. און די אויגן, בלויע, ליכטיקע אויגן, זײַנען פול געווען מיט חידוש, האָבן געקוקט אויפן אַרום־און־אַרום מיט נײַע בליקן פון פאַרגאַנגענע קינדעריאָרן.

ס'איז געווען סוף מאַי. נאָכמיטאָג. די לופט האָט געעטעמט מיט יונגע, גרינע פלאַנצן, געעטעמט מיט זון און מיט קילע וואַסערן. דאָס האָט לײַכטער געמאַכט דעם טראָט, צוגענומען בײַם פאַרשוין יעדע זאָרג. דאָס וואָס צו דער באַן־סטאַנציע איז געווען פיר און אפשר פינף מײַל, האָט אים איצט נישט געאַרט. ער האָט געטאַמעוועט אין זיך דעם אימפּעט, גענומען גיין

פּאַמעלעכער — אַ טראָט אַ שפּאַל, אַ טראָט אַ שפּאַל — און אַן אויפגעהייטערטער דערביי געטראַכט, וואָס זיין ניינציק־יעריקע באָבע פלעגט צו אים זאָגן, ווען ער האָט זיך געאיילט:

— וואָס איז ס׳געאייל, בערל? ליטישע בהמות לויפן און קעלבן זיך, מיינע גייט פּאַמעלעך און קעלבט זיך אויך.

שוין איבער אַ וואָך, ווי בערל האָט געאַרבעט ביי דער באַן. ער האָט געהאָלפן אַפּערשלעפּן די צעפּוילטע שפּאַלן פון אונטער די רעלסן און אַרונטערלייגן נייע. די אַרבעט איז נישט געווען קיין שווערע. דערצו זיינען געשטאַנען ליכטיקע און זוני־קע טעג. ס׳איז אים אַזוי גוט געווען דאָ אונטערן פרייען הימל, אַז ער האָט אַפילו נישט געטראַכט, אַז די אַרבעט וועט אין אַ וואָך אַרום, העכסטנס אין צוויי וואָכן אַרום, זיך ענדיקן.

בערל איז געקומען פון מלאַווקע, אַ פּויליש דערפל, וואָס איז געלעגן האַרט לעבן דער פּרייסישער גרענעץ. דער פאָטער זיינער האָט געהאַלטן די מלאַווקער וואַסער־מיל אין אַרענדע.

די יידן, וואָס בערל האָט געקענט, זיינען כמעט אַלע גע־ווען גרענעץ־יידן. טייל האָבן געמולכט פון פּרייסן בלאָזן אָקע־וויט, קעסטלעך ציגאַרן, זיידנס און אַלטוואַרג. אַנדערע האָבן „געשוואַרצט" איבער דער גרענעץ פערד, געשוואַרצט פאַרשווינען, וואָס זיינען געקומען פון גאַנץ רוסלאַנד.

בערל האָט נישט ליב געהאַט די גרענעץ־יידן. ער האָט זיי פיינט געהאַט. בערל איז צוגעשטאַנען צום פאָטער — מאַך מיך פאַר אַ באַלמעלאָכע. — האָט זיך אָנגערוקט די וועלט־מלחמה, אויס וואַסער־מיל, אויס מלאַווקע. דער שונא האָט אָפּגעווישט די הייזער, די שטעלער, די שייערן. ער האָט אויסגעגלייכט דאָס דערפל מיט דער ערד.

קיין ניו־יאָרק איז בערל אָנגעקומען נאָך דער מלחמה. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שאַפּ אַריין, ווו מען האָט גענייט הויזן. דאָס זיצן פון דער פרי ביז פאַרנאַכט ביי דער ניי־מאַשין איז פאַרן דאָרפיונג געווען אַ תּפיסה. ער האָט פיינט געקראָגן דעם שאַפּ, ווי ער האָט פיינט געהאַט די גרענעץ־יידן, געוואָלט וואָס גי־

כער פון דאָרט אַנטלויפן. איז אויסגעבראָכן דער קריזיס און — אויס שאַפּ, אויס תּפיסה.

ווי אַ שטיקל אחריות, ווי אַ שטיקל עול — בערל האָט אַלץ פון זיך אָפּגעשאָקלט, עס צוגעוואָרפן דעם קריזיס, נישט געהאַט מער קיין שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. ס'איז אים גוט געווען. האָט ער אין דעם שטאָטישן פאַרק עטלעכע טעג געאַרבעט, האָט ער אין יענעם שטאָטישן פאַרק עטלעכע טעג געאַרבעט. און אַז נויט-און דחקות האָבן אַ כאַפּ געטאָן פאַרן גרגרת, איז בערל אַוועק צופוס פון ניו-יאָרק. דאָ האָט ער געהאָלפן אויפרײַסן אויסגעפּאָרענע, אויסגעקרישלטע אַספאַלט-וועגן, דאָרט האָט ער געהאָלפן גיסן קאָנקריט-וועגן. דאָ אָפּשטעכן אַ באַרג, דאָרט אויסגלײַכן אַ טאָל. און איצט האָט ער געקראָגן אַרבעט בײַ דער באַן.

בערל איז אַראָפּ פון די שפּאַלן און האָט זיך גענומען לינקס. ער איז געבליבן שטיין בײַ אַ טײַך, וואָס איז אין דעם שטילן נאָכמיטאָג געווען קלאָר און טיף. בערל איז אַזוי געשטאַנען אַ לענגערע צײַט מיט ברייט-צעעפנטע אויגן. ער האָט געוואָלט דערגרונטעווען די פלאַנצן, וואָס האָבן זיך געוויגט אין דער טיפעניש, זיך געוויגט צווישן זשאַבע-גראָז. די פלאַנצן האָבן געוואָרפן טונקל-גרינע שאָטנס אויפן טײַך-שפּיגל, וואָס האָט געבלענדט אונטער דער זון מיט אוצרות. און מיטאַמאָל האָט בערל דערזען, ווי קאַרפּן מיט אויפגעשטעלטע פליספעדערן פלאָנטערן זיך צווישן די געוויקסן, הייבן זיך, שרויפן זיך אַרויף אַלץ העכער און העכער. אָט שטעקן זיי שוין אַרויס די קעפּלעך מיט די אָפענע מײַלער. איבער די פליישיקע ליפּן — וואָנסעלעך. דערנאָך — די פעכער-ווײדלען. און ווי די זון-פליטערלעך האָבן אָנגעהויבן צינדן די שופּן, די פליספעדערן, האָבן די פיש גענומען אויסשנײַדן שאַרפע ווינקלען און זיך געלאָזט נורטעווען אַלץ טיפער מיטן שטראָם.

בערל האָט אַזש אויפגעציטערט, קריק אָנגעטאַפּט און אַרײַנגעטעמט אין זיך די קינדער-יאָרן. ער האָט געהאַט טענות צו זיך אַליין, נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ס'דאָרף רײַסט זיך אַזוי

אין שטאָט אַרײַן, ווו אָנשטאָט פייגל־געשפּיל קוויטשען הײזעריקע פאַבריק־פײַפלעך.

ער האָט אַ קוק געטאָן אין הימל אַרײַן. ס'האָט אים נישט געאַרט, וואָס ס'איז שוין באַלד פינף. ס'האָט אים נישט געאַרט, וואָס ער וועט אָנקומען צו דער באַן־סטאַנציע, ווען דער עולם וועט שוין האָבן אַוועקגעלייגט די אַרבעט.

ער האָט פאַררייכערט אַ ציגאַרעט און זיך אַרומגעקוקט. פון ביידע זײַטן טײַך האָט ס'לאַנד זיך געבערגלט. אַ בערגל איבער אַ בערגל. און דאָרט, ווו דער באַרג־אַרויף איז געווען באַדעקט מיט קליינע שמעקעדיקע נאָדל־ביימלעך, האָט די לופט פון דערווײַטנס אויסגעזען טונקל־בלוי. אין אַ פאַרשאָטנטן ווינקל פון טײַך, ווו דער שטראָם האָט אונטערגעבראָכן דעם ברעג, אָפּגעלעקט די ביימער־וואָרצלען, איז געלעגן אַן אויסגעריסענע ווערבע. די קאָלטענעוואַטע קאָרטשעס זײַנען געהאָנגען איבערן וואַסער. איבערן גאָלן שטאַם, ווו ס'איז שוין קיין זכר נישט געווען פון קיין קאָרע, האָט זיך געצויגן אַ דין, שמאָל חיהלע, זיך געצויגן און געדרייט מיטן האָריקן העל־ברוינעם עק.

פון פרייד האָט בערלען פאַרפעלט אָטעם. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס חיהלע מוז זײַן אַ ווידרע, וואָס לעבט אויף פיש. די ווידרעס, וואָס בערל פלעגט אַמאָל כאַפּן אין מלאַווקער טײַך, זײַנען געווען קלענער, די קעפּלעך פלאַטשיקער און דער עיקר — די פעל איז געווען ברוינער און אָרעמער. אַזאַ פעל איז דאָך ווערט געלט. בערל האָט געזוכט מיט די אויגן אַ דרענגל, אַ צווײַג, געוואָלט אָפּמעסטן דער ווידרע איבערן קאָפּ. און כאָטש ס'האָבן זיך געוואַלגערט לעבן אים דרענגלעך, צווײַגן, האָט זיך די האַנט בײַ אים נישט געבויגן. ער האָט אַ שלײַדער געטאָן דעם ציגאַרעט אין טײַך אַרײַן און זיך צערעדט צום חיהלה, ווי צו אַ קינד:

— דו, נאַשערין, ווי שמעקט דיר אַ לעבעדיק שטיקל פיש?

ס'וואַסער לעבן בערלען האָט זיך מיטאַמאָל צעשפּריצט. די ווידרע האָט געפירט מיטן עק, ווי מיט אַ רודער, געשאַרט דאָס

וואַסער מיט די לאַפּקעס ווי מיט וויאָסלעס, און אין דעם האַלב־צעעפנטן פּיסק האָט געצאַפּלט אַ העכטל.

בערל האָט דערהערט קולות און אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. פון הינטערן וועלדל איז מיט די רעלסן אָנגעפאָרן אַ נידעריקע פּלאַטפאָרמע אויף פיר רעדער. אויף דער פּלאַטפאָרמע זײַנען געזעסן דרײַ אַרבעטער: צוויי נעגערס, וואָס האָבן געטאָן די שווערע אַרבעט, און אַ מעכאַניקער. די פּלאַטפאָרמע האָט זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט. די נעגערס האָבן געשלעפּט די אַלטע שפּאַלן, זיי געלייגט אויף דער פּלאַטפאָרמע אין וואַרשטעס. דער מעכאַניקער, אַן איבערגעוואַקסענער, אין „אָוועראָלס" *, האָט דורכגעקוקט און אויסגעפּראָבירט יעדע מוטערקע, געזען, צי זיי זײַנען גוט פאַרשרויפט, צי די געווינטן זײַנען נישט אויסגעריבן.

— אָט איז בען!

— האַלאָ, בען!

אַ נעגער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פּלאַטפאָרמע. ער האָט אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל אַ זעג מיט צוויי הענטלעך און זיך געלאָזט צו בערלען. פון דער זעג, וואָס האָט זיך געוויגט, האָבן זיך געטראָגן טענער, ווי פון אַ קאַמערטאָן.

— קום מיט מיר אַריבער צו דעם אַלטן באַב, צום פאַרמער, — האָט דער נעגער אַ קוועטש געטאָן מיט אַן אויג. — מיר האָבן אַ ביסל שפּאַלן, נײַע.

— איך פאַרקויף נישט קיין געגנבעטע סחורה, — האָט בערל מיט צוויי פינגער אַרויסגעצויגן פון העמד־קעשענע אַ ציגאַרעט.

— זײַ נישט קיין נאַר, בען, — האָט דער נעגער אַ פּײַקל געטאָן מיט אַלע פינף פינגער איבער דער זעג. — דאָס האָבן די „באָיס" איבערגעלאָזט די שפּאַלן, זיי פאַרגעסן.

— מיך אַרט נישט, דזשים, — האָט בערל גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן דעם נעגער איבער אַ פּלייצע. — שטעק אים אָפּ!

— טאָ קום מיט.

---

* אָווערגלס — איבערהויזן.

— נישט איך, — האָט בערל פאַרצויגן דעם ציגאַרעט. — נעם מיט בוקערטן.

— היי, בוקערט!

דער צווייטער נעגער האָט מיטן גאַנצן כּוח אַ שטופּ געטאָן די קאָלבע און די פּלאַטפאָרמע האָט מיט אַ סקריפּ זיך גענומען גליטשן איבער די רעלסן.

דער מעכאַניקער האָט זיך אויסגעגלײַכט, דערזען לעבן זיך בערלען און אַ הייב געטאָן די מכשירים, וואָס זײַנען געלעגן אין אַ לעדערנעם בײַטל. דעם בײַטל האָט ער אַריבערגעוואָרפן איבער אַן אַקסל. ער האָט אויסגעשפּיגן אַ געלן פּלאַסטער קײַ־טאַבעק און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן צו בערלען:

— מען קען זיך אויף דיר שטאַרק פאַרלאָזן, בען. אַז אָנשטאָט דורכצוקוקן די שפּאַלן, שטייסטו און קוקסט אין טײַך אַרײַן. ווען דער „פאָרמאַן" כאַפּט דיך, איז אויס „דזשאַב".

— שמעקסט? — האָט בערל צעבלאָזן די נאָז־פליגל און זיך נישט צוגעהערט, וואָס דער מעכאַניקער שטראָפט אים. — נישט בלויז ס'וואַסער, נאָר אויך די לופט איז פול מיטן ריח פון לעבעדיקע פיש. ווען כ'האָב אַ זעקל, צי אַן עמער, וואָלט איך דיר געוויזן, ווי מען כאַפּט פיש. ווייסט גאָר וואָס, דזשעק, גיב מיר דעם בײַטל דײַנעם.

— און די מכשירים?

— שיט זיי אויס אין גראָז אַרײַן.

— ס'לעדער וועט אײַנלויפן.

— טאָ גיב מיר די „אָוועראָלס". איך וועל פאַרבינדן די „נאָגאָוויצעס", און איידער וואָס, ווען, האָבן מיר פולע הויזן מיט צאַפּלדיקע פיש.

— וואָס געבן? די „אָוועראָלס"? — האָט דזשעק זיך אַ רוק געטאָן פון בערלען. — ביסט משוגע? קום בעסער אַהיים, אַז נישט וועלן מיר קיין אָוונטברויט אויך נישט האָבן. דײַנע אײַנפאַלן זײַנען שטענדיק פון אַ פּויער, פון אַ דאָרפסמענטש, נישט פון קיין אַרבעטער.

— וואָס מיר פויער, וואָס מיר אַרבעטער, — האָט בערל מיט זײַן שטאַרקער האַנט, ווי מיט אַ שטאַבע, אַרומגעגומען דזשעקן, אַז יענער האָט זיך אַזש אַ בויג געטאָן. — איך האַלט, אַז מיטן פרילינג דאַרף יעדער מענטש אַוועק פון שטאָט, דאַרף זיך צונויפלעבן מיט דער אויפגעאַקערטער ערד, מיט די פיש אין טײַך. ווען ס'ווענדט זיך אָן מיר, דזשעק, וואָלט איך דאָ געבליבן. מיט יעדן אָטעם, מיט יעדן קער, נעמסטו אין דיר אַרײַן הימל, טײַך און לאָנקע. און וואָס דאַרף מען נאָך? וואָס דאַרף דער מענטש מער?—האָט בערל דערטאַפּט אַ בלעכענעם, צעבויגענעם עמער און אים גענומען אַרומווישן.

— און ווען איך קריג אַרבעט, וואָלט איך נאָך הײַנט קריגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, — האָט דזשעק אָן אָנגעכמורעטער אַ זאָג געטאָן און ס'איז געווען קענטיק, אַז ווינט, זון האָבן קיין שליטה נישט איבער זײַן מאַט, פאַרוויכערט פּנים. — ווען מענטשן וואָלטן מער נישט באַדאַרפט ווי בלימעלעך אין פעפּלעך, וואָלטן זיי קיין שטעט נישט געבויט. דעם נישט־גוטן פון די וועלדער האָט שוין דער שטאָט־מענטש פאַרטריבן, איצט דאַרף דער אַרבע־טער פאַרטרײַבן די פוילקייט, וואָס פייגל־געזאַנג און זון־פאַרגאַנג יאָגן אָן. ווי ווערט עס אײַך נישט דערעסן דאָס אַלטע לידל, וואָס ס'ציט זיך שוין טויזנטער יאָרן?

— און ס'וועט זיך ווײַטער ציִען, — האָט בערל אָן אויפ־געלייגטער געשעפּט עמערס וואַסער און עס געגאָסן איבער דער לאָנקע. — ס'וועט זיך אייביק ציִען, ווי ס'ציִען זיך לאָנקעס, טײַכן און פויערשע פּראַצע.

— הער שוין אַמאָל אויף צו גיסן ס'וואַסער, — האָט דזשעק זיך אַ בייזער געטאָן און זיך אָפּגערוקט, מען זאָל אים נישט באַשפּריצן. — וואָס, ווילסט אויסשעפּן דעם טײַך?

— כ'וויל כאַפּן אַ ביסל גראָז־שפּרינגערס, — האָט בערל זיך צעלאַכט. — אין טרוקענעם גראָז גיי זײַ אַ בריה און כאַפּ זיי, דו, שטאָטישער חכם!

— דער פויער וועט קיינמאָל נישט פאַרשטיין דאָס גרויס־שטאָטישע, דעם אַרבעטער. — — —

בערל האָט מער נישט געהערט, וואָס דזשעק רעדט. ער האָט אָנגעקליבן אַ פּאָר טוץ שפּרינגערס אין אַ הויפן גראָז אַרײַן און דערמיט גוט אויסגעריבן דעם בלעכענעם עמער. ער האָט אַרײַנגעלייגט אין דעם עמער אַ שטיין און דערנאָך אַרײַנגע־שטעלט דעם עמער אין טײַך אַרײַן. אַליין איז ער געלעגן אויף אַלע פיר, האָט זיך געצויגן, ווי אַ ווילדע קאַץ, וואָס טשאַטעוועט פיש, ווען זיי וואַרפן דעם רויגן.

איבערן עמער האָט דאָס וואַסער זיך נאָך געבלעזלט, זיך געדרייט אַ קרײַז אין אַ קרײַז. דער אויסגעריסענער בוים האָט זיך געשפּיגלט אין טײַך, זיך געטאָפּלט. פון דער קלאָרער טיפע־ניש, וואָס האָט געפינקלט מיט אויסגעצוואָגענע שטיינדלעך, האָבן זיך געהויבן קאַרפּן, זיך אַרויפגערעדלט מיט די פליספעדערן.

בערל האָט נישט געקענט אײַנליגן אויפן בויך. אַלץ אין אים האָט זיך געצויגן אין טײַך אַרײַן. ער האָט פאַרקוועטשט די ליפּן. דאָס גרימערײַ, וואָס האָט זיך בײַ אים געטראָגן פון די געדערים, איז געבליבן שטעקן אין האַלדז. ער האָט עטלעכע מאָל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו דזשעקן — רוק זיך אָפּ, רוק זיך אָפּ. די פיס האָבן זיך געגראָבן אין דער ווייכער ערד און דער אויבערשטער טייל קערפּער האָט זיך עטוואָס אונטער־געהויבן, די הענט זאָלן ווערן פרײַ. מיט אַ חיהשער פלינקייט האָט בערל אַ הייב געטאָן דעם עמער, אים אַ שלײַדער געטאָן איבערן קאָפּ. פיש, ווי שפּינדלען, האָבן זיך איבערגעקוליעט אין דער לופט און מיט אַ שפּריץ קריק אַרײַן אין וואַסער. לעבן ליידיקן עמער האָבן דרײַ שפּאָרע קאַרפּן זיך געצאַפּלט אויפן גראָז.

בערל איז געווען גליקלעך, ווי אַ יינגל. ער האָט אַרומ געכאַפּט דעם אָנגעכמורעטן דזשעקן, זיך געדרייט מיט אים אַרום די פיש און מיטאַמאָל אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ שטריקל און אַ מעסערל.

— וואָס ווילסטו טאָן? עפענען די פיש? — האָט דזשעק פון בלויזן געדאַנק אַוועקגעדרייט דאָס פּנים און זיך געוואָלט

קלאָר מאַכן, פאַרוואָס די סענטימענטאַלע פויערים זײַנען אין דער זעלבער צײַט אַזוי אַכזריותדיק.

בערל האָט געלאַכט, זיך געבויגן פון געלעכטער, כאָטש ער איז שוין לאַנג אַזוי הונגעריק נישט געווען. דורך די זשאַבערעס האָט ער דורכגעצויגן אַ שטריקל, עס פעסט פאַרקניפּט און אַ נעם געטאָן דעם שטאָטמענטש אונטערן אָרעם:

— בענקסט טאַקע מיט אַן אמת נאָך ניו־יאָרק?

דזשעק האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך אַרויסגע־דרייט פון בערלס אָרעם, גענומען גיין אויף אַפריִער, נישט געקענט קוקן, ווי די פיש צאַפּלען זיך.

מיט די רעלסן איז אָנגעפאָרן די פּלאַטפאָרמע, אָן שפּאַלן. בוקערט האָט אויפגעהערט שטופּן די קאָלבע און אָפּגעדעקט אַ מויל מיט אַזויפיל ציין און צונג, אַז די ווערטער האָבן זיך בײַ אים געפּלאָנטערט:

— פיש! לעבעדיקע פיש!

דזשים האָט אַ הייב געטאָן אַ פּלעשל, ווי מען הייבט אַ קינד:

— אמתער סקאָטש!

בערל האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער פּלאַטפאָרמע. ער האָט אָנגעהאַנגען דאָס שטריקל מיט די קאַרפּן אָן אַן אײַזערנעם שטאַנג און געמאַכט פּלאַץ פאַרן מעכאַניקער:

— גיכער, דזשעק!

— פאָרט, פאָרט, איך וועל אײַך אָניאָגן.

דער מעכאַניקער האָט נישט געקוקט, ווי די פּלאַטפאָרמע איז פאַרבײַגעפאָרן, ווי די קאַרפּן האָבן געשלײַדערט מיט די ווידלען. ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און גענומען שטעלן די לאַנגע פיס. צוויי און דרײַ שפּאַלן אַ טראָט. פון דעם פאַר־רייכערטן פּנים האָבן די גרויע אויגן אַרויסגעפינקלט, דערציילט וועגן אַן אַנדער לעבן, אַ נײַ לעבן, וואָס טראָגט זיך מיט שפּאַלן, מיט רעלסן, נישט מיט דאָרפישע וועגלעך, וווּ פייגל־געזאַנג און אכזריות גייען האַנט בײַ האַנט.

פלאַמען

אין די בערג האָט דער אָוונט פרי גענומען צופאַלן. דער הימל איז געווען ווײַס, די לופט — ווײַס, די זון אָבער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין זעצן צווישן ווײַסע וואָלקנס, האָט זיך גערויטלט. איבער די טיפע שנייען האָבן זיך געשאַרט בלויע פאַסן, זיך געוויקלט צווישן די טרוקענע שנייעלעך, וואָס זײַנען פון מאָל צו מאָל אָנגעלאָפן מיט רציחה, איבערגעלאָזט דאָ אַ פריזמע, דאָרט אַ קבר.

ווי אַ קער מיטן קאָפּ — בערג, טאָלן און שניי. און אין אַ טאָל, איבערן שניי, האָט זיך געהויבן אַ שנירל רויך, זיך געהויבן גלײַך, ווי אַ דין שטעקעלע. אונטערן רויך — אַ קוימען פון רויטע ציגל, אַ פאַרשנייטער דאַך, אַ קײַלעכדיקע וועראַנדע. אַלץ אין שניי. האַרט לעבן דאַך — אַ טעלעגראַף־סלופּ מיט צוויי דראָטן, וואָס האָבן שטענדיק גערוישט, אָנגעזאָגט, אַז ס'טראָגט זיך ערגעץ אַ זאַווערוכע און טיפער געמאַכט די שנייען, בולטער די שטילקייט.

אַ הױָריקער הונט, אַ געלבלעך־רויטער, מיט אַ לענגלעכער מאָרדע, איז אַרויס אויף דער וועראַנדע און האָט אויפגעשטעלט די אויערן. דער הונט האָט אַ שמעק געטאָן די לופט מיט די פּײַכטע, קאַלטע נאָז־לעכער, און די האָר אויפן רוקן האָבן זיך בײַ אים צעבערשטלט. ער איז אַראָפּ פון דער וועראַנדע מיט אַ בילערײַ. די פיס, לײַכטע, בויגיקע, האָבן קוים אָנגערירט דעם שניי און אין דער לופטן האָבן די רויטלעכע, צעבאַרשטע האָר געשימערט מיט ציטרין.

דער הונט האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער קאָפּ, די אויערן, דער רוקן, דער עק — אַלץ האָט זיך געטורעמט. די זײַטן האָבן זיך אײַנגעצויגן, די ווײַסע בײַס־ציין — אָפּגעדעקט, און אַ ג ר י־ מ ע ר ײַ, ווי אַ מלחמה־רוף, האָט אויפגעציטערט די לופט. דער הונט האָט זיך צוגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס, איז געווען גרייט זיך צו וואַרפן אויפן פרעמדן, וואָס איז אָנגעקומען מיטן וועלדל.

דער פרעמדער, ברייט אין די אַקסלען, מיט פעסט־צונויפ־געקלאַפּטע פּלייצעס, איז געבליבן שטיין ווי אַ געבײַדע. אַ צענעם די הענט — און דאָס אויסגעוואַקסענע רעקל, וואָס האָט זיך ניט געקענט פאַרקנעפּלען, וואָלט געפּלאַצט אויף אים. הינטערן רעקל אַ סוועטער מיט אַ קאָלנער, ווו די האָר זײַנען געווען באַדעקט מיט ווײַסן ג ע פ ר י ר. אויפן קאָפּ — אַ קעפּ, אויף די פיס — אַרומגעשנירעוועטע זעק.

דער פאַרשוין מיטן הונט האָבן זיך אָנגעקוקט, ווי דם־שונאים. דער הונט האָט געטשאַטעוועט, איז געווען גרייט אַ שפּרונג צו טאָן דעם פרעמדן אין פּנים אַרײַן. פון דער נאָז, פון מויל האָט געשלאָגן פּאַרע. דער פרעמדער האָט זיך אַ שטעל געגעבן מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, ווי אַלץ אַרום וואָלט געהערט צו אים. די אויגן, ניט קיין גרויסע, העל־גרויע, האָבן געפינקלט מיט דורכ־זיכטיק אײַז. דאָס דרענגל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער רעכטער האַנט, האָט זיך אַ וויג געטאָן, איז געבליבן הענגען איבערן הונטס קאָפּ — ווער, ווען? ס'איז געוואָרן הייס. דער הונט האָט אַראָפּגעלאָזט די מאַנדל־אויגן און מיט אַ האַווקען זיך גענומען רוקן אויף קריק. און וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען צום הויז, אַלץ העכער און זיכערער האָט ער זיך צעבילט.

ס'איז אַרויסגעקומען אַ פרוי, הויך און ברייט, ווי אַ מאַן. דער הונט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו זײַן באַלעבאָסטע מיט אַ בילערײַ, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין דער פאַרשנייטער שטיל־קייט. די פרוי האָט אַוועקגעזעצט דעם הונט לעבן זיך און אַ הויב געטאָן די האַנט צום פרעמדן, ער זאָל ניט גיין. זי האָט אים געפרעגט:

— ווען דאַרפט איר דאָ?

דעם פרעמדנס קאַלטע אויגן זיינען געוואָרן וואַרעמער, ס׳ברייטע פּנים צעפּאַטשט פון קעלט, ווייכער. ער האָט אַ רוק געטאָן דעם קעפּ איבערן שטערן, איינמאָל, נאָכאַמאָל און גוט־ברודעריש געזאָגט:

— כ׳דאַרף די באַלעבאָסטע.

— צו וואָס דאַרפט איר זי?

— ס׳איז מיר קאַלט, כ׳בין הונגעריק, וויל איך בעטן ביי דער באַלעבאָסטע אַ וואַרעם לעפל געקעכץ, אַ הייס טעפּל קאַווע. ס׳גייט אויף נאַכט אַ גוטער פראָסט.

— צופיל בעטערס היינטיקע צייטן — האָט די באַלע־באָסטע אַ שליידער געטאָן די ווערטער. — ניטאָ דער טאָג ס׳זאָלן ניט דורכגיין קיין אַרבעטסלאָזע. גיי גיב יעדן, וועט דיר אויסקו־מען אַליין צו גיין איבער די הייזער.

— איך גיי ניט איבער די הייזער — האָט דער פרעמדער זיך אַ שטעל געטאָן, ווי האַמלעט. — עס איך אָפּ אַ מאָלצייט, צאָל איך דערפאַר. אויב ניט מיט געלט, איז עס מיט מיין טאַ־לאַנט. איך בין אַ שוישפּילער, אַ טראַגיקער. אויב איר ווילט, שפּיל איך פאַר אייך אַ שטיק פון האַמלעט, אַ שטיק פון מאַק־בעט, אַ שטיק פון שיילאָק.

אין דער פרויס בליק, וואָס איז געווען שאַרף ווי אַ האַק, האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן: מיך וועסטו ניט אָפּנאַרן, וועסט מיר אויך די ציין ניט פאַרדרעדן. כ׳ווייס, אַז אַזאַ „פּלוישער" ווי דו האָט שוין ניט פון איין אויוון ברויט געגעסן. זי האָט מיט אַ פינגער געוויזן אויף אָנגעזעגטע קלעצלעך האָלץ און געזאָגט:

— אַקטיאָרישע שטיק וועל איך שוין בעסער זען אין אַ וואָ־דעוויל. צעהאַקט מיר דאָס ביסל האָלץ, וועל איך אייך געבן אָפּצועסן.

— גוט, כ׳האָב שוין אויף דער סצענע אויך חאָלץ געהאַקט.

דער פּרעמדער האָט אָפּגעבונדן די זעק פון די פיס און איז אַרויסגעשפּרונגען אין אַ פּאָר האַלבע לײַכטע שיך. די באַלעבאָסטע האָט געעפנט די קיך־טיר און אים אַרונטערגעלאָזט.

די קיך איז געווען אַ גערעמע. דורך די טירלעך און פּײַערקעס פון דעם אײַזערנעם אויוון האָבן זיך געשפּאַרט פלעמלעך, געשפּרייט אויף איבער צווי איילן אַ רויטן אָפּגלאַנץ. אין דעם רויטן שײַן האָט זיך געוואַרעמט אַ קאַץ.

דער פּרעמדער האָט אַראָפּגענומען דעם קעפּ, דאָס רעקל, דעם סוועטער און אין דער „דזשוירזי" מיטן איבערגעלייגטן קאָלנער האָט ער אויסגעזען ריירעוודיקער. די האָר, געדיכטע, מיט אַ גרויער פּאַסמע, זײַנען געלעגן איבערן קאָפּ, איבערן שטערן מיט גדלות.

די פרוי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ שיסל קרויט, אַ שיסל קאַרטאָפל. פון די שיסלען האָט זיך געהויבן אַ פּאַרע. דער פּאַרשוין האָט געגעסן, געקייט אויפן קול מיט די באַקציינער און איינס־צוויי אויסגעליידיקט די שיסלען. און אַז ער האָט איבערגעכאַפּט דעם הונגער, איז ער געוואָרן חבר מיטן הונט, האָט באַטראַכט פון דער זײַט די באַלעבאָסטע, וואָס איז געווען ברייט אין די פּלייצעס, ברייט אין געזעס. און אַז זי איז געשטאַנען מיט די הענט אויף דער טאַליע, האָט זי אויסגעזען, ווי אַן אָנגעשטאָפּטער מענטש, וואָס מען שטעלט אים אַוועק אין פעלד איבערצושרעקן פייגל. דער בליק אין די אויגן איז נאָך איצט שאַרפער געוואָרן, געקראָכן איבערן פּרעמדנס פּלייצעס, איבער זײַנע האָר. זי האָט אים געפרעגט:

— איר ווילט נאָך אפשר עפּעס עסן?

ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן, זיך עלעגאַנט פּאַרנייגט:

— איר האָט מיך זאַט געמאַכט, באַלעבאָסטע. אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק. און ווו איז דער באַלעבאָס?

— דער מאַן מײַנער? ער, פּרעד, איז אַ גאַנצע וואָך אין וואַלד, לאָזט אַראָפּ ביימער. אויף זונטאָג קומט ער אַהיים. פרעד מײַנער אַרבעט שווער, ניט ווי איר, ליידיק־גייערס, וואַנדערפייגל און קאָמעדיאַנטן.

— און אין דער וועלט־מלחמה איז אײַער פערד געווען? — איז דער פרעמדער איר אַרײַן אין די רייד.

— ניט געווען. ווי ס'האָט אָנגערוקט צו אים איז גע־וואָרן שלום.

— אויב אַזוי, האָט דער פרעמדער זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער באַלעבאָסטע, — אויב אַזוי, ווייס אײַער מאַן ניט, וואָס צרות זײַנען. איר זעט די גרויע האָר אויף מײַן קאָפּ? דאָס בין איך גרוי געוואָרן, ווען איך האָב דערזען דעם טויט פאַר די אויגן.

דער פאַרשוין האָט צוגערוקט צום אויוון אַ שטול. ער האָט געמיטלעך אַפּערגעוואָרפן די פיס, פאַרדריכערט אַ פּיפּקע און גענומען רעדען, גענומען דערציילן, ווי ער וואָלט ניט געווען קיין אַקטיאָר־טראַגיקער, נאָר אַ געבוירענער זעלנער. אין מיטן רעדן האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אַוועקגעזעצט די באַלעבאָסטע אויף זײַן פּלאַץ און אַליין האָט ער גענומען שפּרײַזן איבער דער קיך, איז געגאַנגען, די הענט אין די קעשענעס, הין און צוריק. דער הונט, אַן אומרואיקער, האָט אים נאָכגעקוקט. און מיט אַמאָל — אויס זעלנער, אויס מלחמה, אויס דײַטשע הונען, אויס פראַנקרײַך. מעשיות, איינע אויסטערלישער ווי די צווייטע, האָבן זיך גענומען וויקלען צווישן די וואַרעמע פיר ווענט. מעשיות, וואָס ער האָט אויף פּאַרוואָרפענע וועגן געהאַט געהערט, וואָס ער האָט געהאַט געלייענט; מעשיות צענדלינגער מאָל איבער־געזאָגטע, ביז זיי זײַנען געוואָרן זײַנע — דאָס אַלץ האָט זיך געהעקלט, געקניפּלט אין דער האַלב־טונקעלער קיך. און מיט אַמאָל — אויס קיך, אויס באַלעבאָסטע, וואָס איז ברייט אין די אַקסלען, ברייט אין געזעס. ער, דער פאַרשוין, פּיט, ליגט ערגעץ אין אַ נאַסן גראָבן, ליגט ערגעץ אין פראַנקרײַך. פון אַלע זײַטן באָמבאַרדירט מען דעם גראָבן, מען צערײַסט אים אויף שטיקער. ער ליגט אין זיבן שווייסן, ליגט אויפן בויך און בעט צו גאָט: „אָ, גאָט, ראַטעווע מיך אַרויס פון דעם גהינום! אָ, גאָט, אַז דו וועסט מיך אַרויסראַטעווען, וועל איך דער גאַנצער וועלט דער־ציילן דײַן גרויסקייט, אָ, גאָט...“

די לעצטע ווערטער האָט פּיט געזאָגט מיט אַזוי פיל האַרץ און מיט אַזאַ ווייבענדיק קול, אַז די באַלעבאָסטע, אַ גערירטע ביז צו טרערן, האָט זיך אַזש איבערגעצלמט. זי האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן דער פּאַרשוין זאָל ענדיקן די מעשה, און אַ נײַגעריקע אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר ביידע הענט:

— האָט גאָט זיך צוגעהערט צו אײַער תפילה?

דער פּאַרשוין האָט גערעדט, גערעדט וועגן גאָט, לאַנג גערעדט. און אַז ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף איין בענקל אַנטקעגן דעם צעפלאַמטן אויוון, איז מיט אַמאָל געוואָרן אויס גאָט.

פלאַמען אויפן דיל, פלאַמען אין די אויגן, פלאַמען אין אַלע גלידער — און איבערן פענסטער — שניי, שניי. פלאַמען אין שניי.

ב ר י ט

איינס נאָכמיטאָג. די זון האָט געבאַקן, געגליט, געטריקנט אין דעם איסט־ריווער, וואָס האָט געשמעקט מיט אָפּפאַל, מיט געזאַלין, מיט חלשות.

אַ גאַנצן פאַרמיטאָג האָט די זון זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם גאָר שמאָלן הויף פון דעם צוויי־גאָרנדיקן הויז און זיך קוים דערדראַפּעט ביז צום ערשטן שטאָק. דאָס הויז איז געווען אַן אַלטס, אַ הילצערנס. פון ביידע זײַטן — פיר־ און פינף־שטאָקיקע מויערן. די אויערן, גרויע, פאַרמרה־שחורהטע, זײַנען געהאַנגען איבער דער הילצערנער געבײַדע, האָבן זי פאַרשטעלט און בלויז צוגעלאָזט די זון פון אַ שמאָל דורכגאַנג־ליקל.

פון שטיינערנעם הויף, ווו עס איז שטענדיק געווען טונקל, האָט זיך געהויבן אַ טוכלע קילקייט. דער טוכלער ריח האָט זיך געפּאַקט דורך די אָפענע פענסטער, וואָס זײַנען געווען האַרט לעבן דער ערד. אַרום די פענסטער — אײַזערנע שטאַכעטן, וואָס מען זעט אַרום תפיסה־פענסטערלעך.

דאָ, אויף גאָרעק סטריט, האָבן הינטער די שטאַכעטן גע־ווינט מענטשן.

הערשל, אַ געוועזענער בלעכער, וואָס האָט פאַרנומען צוויי צעלקערלעך מיט אַ קיך, איז געלעגן אין אַ צעוואָרפן בעט. פון די אויסגעשטופּטע הויזן האָבן אַרויסגעשטאַרט צוויי באַנדאַזשירטע פיס. הערשל איז געווען אַליין אין שטוב. דאָס ווײַב זײַנס איז געשטאַנען מיט אַ בלעך מאַנדלען אונטער דער דעלענסי־בריק. דאָס עלטסטע ייִנגל — אַ מאַנסביל פון נײַן יאָר — האָט אַריבער־

געוואָרפן איבערן אַקסל אַ קעסטל מכשירים און איז אַוועק אין גאַס אַרײַן פּוצן שיך. די איבעריקע צוויי קינדער — פון זיבן און פינף — האָבן זיך געוואַלגערט בײַם „דאָק", געלאָזט איבערן איסט־ריווער שיפלעך און „קאַטשקעס". פון די אַלע פּאַרדינסטן איז שוין חדשים נישט געווען וואָס צו עסן און די משפחה איז געשוואָלן פון הונגער.

אין סאַמע ברען, ווען אַ בלעכער האָט פּאַרדינט צען און צוועלף דאָלער אַ טאָג, איז הערשל אַראָפּגעפאַלן פון אַ דאַך און פון דעמאָלט אָן האָט ער מער נישט געקענט קומען צו זיך. ער האָט זיך געדאָקטערט אין שפּיטאָלן, אין דער היים, ביז עס איז אים אַזוי נמאס געוואָרן, אַז ער האָט אַ מאַך געטאָן אויף אַלץ מיט דער האַנט. לעצטנס האָבן די פיס בײַ אים אָנגעהויבן געשוואָלן ווערן, זײַנען קוים אַרײַנגעקראָכן אין די הויזן. הערשל איז כּמעט ווי נישט אַרומגעגאַנגען. ער איז געלעגן און זיך געשראָקן דאָס געשווילעכץ זאָל זיך נישט אַ רוק טאָן צום האַרץ.

אין דער אָפענער טיר האָט זיך באַוויזן הערשלס שכן, משה שלײַפער, אַן עלטערער ייִד, אַ שמײַדיקער, ווי ער וואָלט געווען געבויגן פון פּאַרזשאַווערט דראָט. דער ייִד האָט געשלײַפט מעסערס, שערן, צוגעפּאַסט און צוגעפײַלט שליסלען.

— ביסט אַליין? — האָט דער שלײַפער זיך געפרעגט.

— אַליין.

דער שלײַפער האָט אַ שאַר געטאָן אַ בענקל צום חולה און זיך צוגעזעצט. די אויגן, אונטער די שוואַרצע, געדיכטע ברעמען, האָבן נישט גערוט, זײַנען פּאַרלאָפן די ווערטער דעם וועג. און די ווערטער — אַ קנופּ מיט אַ שלייף, אַ קנופּ מיט אַ שלייף.

— הער מיך אויס, הערשל.

— וואָס?

— מען דאַרף נישט נעמען קיין שטיצע פון זיי.

— פון די מיסיאָנערן?

— יאָ.

— איך האָב נאָך דערווײַל נישט גענומען.

— און זאָלסט ווײַטער נישט נעמען. די פּאָר פּונט מעל, די פּאָר פּונט קאַשע און פּאַסאָליעס וועל איך דיר ברענגען. זעסט, הערשל, ווען איך קען אַזוי אַראָפּוואַרפן פון די פּלייצעס אַ צען, פופצן יאָר און ווען איך האָב נאָך צו מיר אַ דרײַ, פיר פּאַרשוין, וואָלט איך פאַריאָגט פון גאָרעק סטריט יעדן נשמה־כאַפּער. איך וואָלט זיי אונטערגעהאַקט הענט און פיס. און דוקא די פרומע — די וואָס לייגן תפילין, וואָס היטן אָפּ שבת — אַ לופט זיי אין די אויגן.

הערשל איז געלעגן, ווי אַ געץ. די ליפּן — בלויע שמאַטע־קעס, ווי אין דרויסן וואָלט געווען דעצעמבער, נישט יולי. די אײַנגעפאַלענע אויגן האָבן געוואָלט אײַנזאַפּן וואָס מער ליכט. צווישן די שטעכיקע האָר פון דער באָרד, וואָס איז שוין וואָכן נישט געווען געגאָלט, האָט זיך געפּלאָנטערט אַ זלידנע פליג. צוויי פינגער הערשלס — פאַרחלשטע, האָבן זיך געיאָגט נאָך דער פליג און דער מוח זײַנער, אַ מידער, אַ דערשוויצטער, האָט נישט אײַנגעזען, פאַרוואָס ער, הערשל, זאָל זיך אָפּזאָגן פון שטיצע. און אַז די שטיצע קומט פון אַ מיסיאָנער איז וואָס?

ווערטער, ווי פינסטערע ווענט, האָבן זיך געהויבן איבער אים, נישט אַריבערצוגיין, נישט אַרומצוגיין. דער אויסגעמאַטער־טער מוח האָט צעעפנט אַלע קעמערלעך, ליידיקע קעמערלעך. אין דער פּוסטקייט האָבן דאָ און דאָרט אויפגעטוקט ווערטער — מיסיאָנער, סאָציאַליזם, קאָמוניזם, שטרײַק, הונגער. וואָס גייט אים דאָס אַלץ אָן, ווען די פיס, ווי אַרײַנגעקלאַפּטע קלינעס, צעשפּאַרן די הויזן? דאָס געשווילעכץ הייבט זיך איבערן קערפּער, ווי קאַלט וואַסער, דערגרייכט שוין באַלד ס׳האַרץ. איבער הערשלס צעקרימט פּנים האָט זיך צעלייגט אַ שמייכל. ער האָט אונטער־געטראָגן די צוויי פאַרחלשטע פינגער צו די אויגן, געקוקט, ווי די זלידנע פליג צאַפּלט זיך מיט אַ זשומערײַ. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן שלײַפער און סתם אַ זאָג געטאָן:

— זאָגט איר, אַז מען דאַרף נישט נעמען פון זיי קיין שטיצע?

— מען דאַרף נישט, הערשל — האָט דער שלײַפער זיך אויפגעשטעלט — מען דאַרף נישט פאַרלירן אי די וועלט, אי יענע וועלט.

— מען דערקענט טאַקע אַזוי? כ׳מיין, אָן מיר? — האָט הערשל זיך אויפגעזעצט און ס׳פּנים איז בײַ אים געווען אָן מראה.

— וואָט דערקענט מען? — האָט הערשל זיך איבערגעפרעגט.

— כ׳מיין, כ׳האָב זיך טאַקע אַזאַ רוק געטאָן?

— גיי שוין, גיי — האָט דער שלײַפער זיך אַרויסגעשאַרט, נישט געהערט, ווי הערשל האָט אָפּגעזיפצט: „כ׳וועל שוין לאַנג נישט אָנטרײַבן".

הערשל האָט אַרומגענומען די געשוואָלענע פיס מיט בײדע הענט. ער האָט געקוקט אויף די אויסגעבויגענע פענסטער־שטאַ־כעטן, אויף די צוויי קעץ, וואָס האָבן זיך באַשמעקט, זיך געצויגן פאַרבײַ פענסטער, און ס׳איז ווידער געוואָרן גרוי און טונקל, ס׳איז געוואָרן אָוונט, ווען איבער די ווענט האָט די זון געבאַקן און געגליט.

הערשל האָט נישט באַמערקט, ווי אַ מיטליעריקער ייד, אַ הויכער, אַזש געבויגן פון הויכקייט, איז אַרײַנגעקומען. דער ייד מיט דער נביאשער באָרד האָט אָפּגעהוסט:

— וואוינט דאָ מיסטער קאָן?

הערשל האָט זיך אויסגעדרייט. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס איז נישט דער מיסיאָנער, און האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

דער פרעמדער האָט אויף גיך אַ שאַר געטאָן מיט די אויגן איבערן ווירטשאַפט, דערנאָך האָט ער אָנגעשטעלט דעם בליק אויפן חולה:

— כ׳בין פון דער חברה „תומכי־עניים".

— זיצט, נעמט אַ בענקל און זיצט — האָט הערשל זיך געבעטן מיט אַן אָנגעשפּאַנטן קול.

דער פרעמדער האָט זיך צוגעזעצט:

— איר זײַט שוין לאַנג קראַנק, מיסטער קאָן?

— באַלד צוויי יאָר.

— ווער האַלט אויס ס'הויז?

— מען הונגערט.

— ווי גרויס איז די משפחה?

— איך, ס'ווייַב, דרייַ קינדער — פינף פּופּלערס!

— וואָס זאָגט דער דאָקטאָר צו אייַער קרענק?

— ווו אַ שפּיטאָל האָב איך זיך שוין אויסגעוואַלגערט. כ'האָב געזען דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן — ס'העלפט נישט. כ'האָב ס'געפיל, אַז די פיס וועלן פונם געשווילעכץ פּלאַצן.

— איר באַלאַנגט נישט — — —

— צו אַ יוניאָן? שוין אַ יאָר, ווי די יוניאָן האָט מיך אויסגעשלאָסן!

— און צו אַ חברה, צו אַ שול?

— ניין, כ'באַלאַנג נישט.

— אַ שאָד, אַ שאָד. אַ ייד דאַרף נישט זייַן אָפּגעריסן פון קהל. נישט אַלץ איז די וועלט. ס'איז דאָ אַ יענע וועלט אויך. איר גלויבט דאָך אין יענער־וועלט?

— אין יענער וועלט? — האָט הערשל אָפּגעמאָסטן דעם פרעמדן — כ'ווייס נישט. אין דער וועלט, אָבער, גלייב איך נישט. איך בין קראַנק, ס'ווייַב איז קראַנק, ס'ייִנגסטע קינד האָט די ענגלישע קרענק. דערצו הונגערן מיר נאָך. נישט איך — איך דאַרף גאָרנישט. די קינדער, יונגע קינדער, וואַקסן, ווילן עסן און זיי הונגערן. קינדער טאָרן נישט הונגערן.

— גערעכט, גערעכט. קינדער, גאָטס קינדער, טאָרן נישט הונגערן. די חברה „תומכי עניים" וועט זען, מיסטער קאָן, אייַער משפּחה זאָל מער נישט הונגערן — האָט דער פרעמדער זיך אויפגעשטעלט און אַ רוף געטאָן — מעקס, זאָלסט יעדע וואָך דאָ איבערלאָזן אַ זעקל.

אַ פאַרחידושטער האָט הערשל געדרייט מיטן קאָפּ, נישט געזען מעקסן, געהערט אָבער, ווי אימיצער שפּרייַזט איבערן הילצערנעם קאָרידאָר. און אַז דער פרעמדער האָט זיך געהאַט צעוואָשן די הענט בייַם קו'אָן־פאַס, און זיך געשטעלט מנחה דאַווענען, האָט מעקס אַרייַנגעבראַכט אַ זעקל „גראָסעריס".

הערשל האָט פון גרויס איבעררעשונג אַראָפּגעלאָזט די פיס פון בעט און איז געבליבן זיצן אויפן פּאָרענטש. עס איז אים איצט גוט געווען. ער האָט געקוקט אויפן פרעמדן, זיך איינגעהערט, ווי ער ציילט די ווערטער פון דער „מנחה", און געגלויבט, אַז ס'וועט נאָך מיט די קראַנקע פיס אויך אַ נס געשען.

נאָך מנחה האָט דער פרעמדער אַרומגעכאַפּט מיט די אויגן דעם חולה און זיך אַרויסגעשאַרט אַזוי שטיל, ווי ער איז אַרײַנגעקומען.

הערשל איז געשטאַנען איבערן צעפּאַקטן זעקל — מעל, צוקער, קאַשע, פּאַסאָליעס — אַזוי ווי דער שלײַפער האָט אים געזאָגט. אויפן דעק פונם זעקל בלעטלעך. פּישל האָט אַרויסגעשלעפּט אַ בלעטל — „דאָס פאַרגאַנגענע ליכט". ער האָט געלייענט עטלעכע שורות און עס אַ שלײַדער געטאָן פון זיך:

— כ'האָב זיי אין דר'ערד, די נשמה־כאַפּערס!

די פיס האָבן נישט געקענט דערהאַלטן דעם גוף. הערשל האָט זיך קריק צוגעשלעפּט צום בעט און איז אַוועקגעפאַלן, ווי אַן אונטערגעזעגטער. ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דער פרעמדער, מיט די פרומע רייד, מיט דער „מנחה", האָט אים אָפּגענאַרט, מיאוס אָפּגענאַרט.

דער פאַרדראָס האָט אויך נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. באַלד האָט הערשלס בליק זיך גענומען לעשן. די אויגן — וואַסער־געוויקסן — האָבן געזונקען אין דער גרויקייט, וואָס איז געקראָכן פון די פענסטער, זיך געלייגט איבער די ווענט. די פאַרחלשטע פינגער האָבן זיך געשאַרט אין חלל און די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָבן געזוכט די פינף־און־דרײַסיק יאָר, וואָס ער, הערשל, האָט צעטרענצלט ערגעץ איבער לענדער, אויף דעכער און מיטגעבראַכט פון דאָרט שרעק און טרויער פאַר יענער־וועלט.

פ ר י ל י נ ג

די שטיינערנע בערג, פֿאַרשנייטע, ווו עס האָט אַ גאַנצן ווינטער געפּײַפט און געבלאָזן, און אַז עס איז געוואָרן שטיל איז עס געווען אַ טויטע שטילקייט — די בערג האָבן מיטן פרילינג אויפגעלעבט. אויס אײַז, אויס שניי. אַ פאַרנעפלטע בלויקייט האָט זיך געהויבן פון די בערג-שפּאַלטן, שנירלעך וואַסער זײַנען גע-פאַלן מיט אַ קלימפּער פון שטיין אויף שטיין, געפאַלן טאָג און נאַכט, האָבן זיך געקײַקלט אין טאָל אַרײַן, ווו דער אָנגעשוואָלע-נער טײַך, אַ צעשפּילטער, אַ צעפאַלדעוועטער, איז יעדן פרילינג אַרויס פון די ברעגן.

נאָכן ווינטער האָבן די בערג-אײַנוווינער — ווילדע ציגן, ווילדע הינט און הירשן — זיך גענומען „יאָגן". מען האָט זיך געיאָגט אין די גרינלעכע פאַרנאַכטן, אין די טיפע בלויע נעכט, אין די טויִקע פאַרטאָגן, וואָס האָבן געשימערט מיט ציטרין.

ווילדע ציגן האָבן זיך געטראָגן סטאַדעסווײַז. זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ האָריקן באָק מיט גאָרנדיקע הערנער, און די שטיינערנע בערג זײַנען פול געווען מיטן קלויען-געקלימפער — טיק, טיק, טיק.

דאָרט, ווו די טאָל-וועגלעך האָבן זיך גענומען שנײַדן אין די בערג, האָט דער רויטער הערשל געהאַט זײַן „דעפּאַרטמענט סטאָר". יעגערס, טרעפּערס, פאַרמערס, וואָס זײַנען געווען צע-וואָרפן אין דער געגנט, האָבן געוווינט מײַלן-ווײַט איינער פון צווייטן, זײַנען געקומען צו הערשלען אײַנהאַנדלען פון ביקסן-שרויט ביז אַ ווינטער-פעלץ.

פריער האָט דער געלער הערשל זיך אַרומגעשלעפּט אין די בערג מיט אַ פּאַק סחורה, דערנאָך מיט אַ פערד־ און־וועגעלע. היינט איז ער רײַך. הינטערן געוועלב ציען זיך הונדערטער אַקער לאַנד. דאָס לאַנד איז אַרומגעצוימט מיט דראָט. די בהמות און פערד, וואָס האָבן געוווּסט צוויי זאַכן — עסן און מערן זיך — האָבן זיך כמעט יעדעס יאָר געטאָפּלט.

דער געלער הערשל איז ניט געווען אויפגעלייגט. שוין דרײַ טעג ווי ער האָט ניט געהאַט זײַן רויטלעכן יאָגהונט. מיטן הונט איז ער געגאַנגען פון טרעפּער צו טרעפּער, אויפגעקויפט בײַ זיי פעל. אָן דעם הונט האָט ער זיך ניט גערירט פון שטוב.

— כ'האָב מורא, יוסל, אַז ס'איז נאָכן הונט — האָט דער פּאָטער אַ זאָג געטאָן צום זעכצן־יאָריקן זון, וואָס האָט מיט אַ הייבער אויסגעכאַפּט אַ פּאַס נאַפּט. — ער האָט אַ מיאוסע טבע, דער הונט אונדזערער: ער באַפאַלט די יונגע ציגעלעך. און זיי, די ווילדע ציגן, פאַרשווײַגן ניט. וואַרפן זיך מיט די שפּיציקע הערנער אויף דעם שונא, דערשטעכן צום טויט.

— און איך זאָג דיר, טאַטע — האָט יוסל אַוועקגעקײַקלט דאָס ליידיקע פּאַס — אַז פּרינץ איז בײַ פּיטערן.

— בײַם טרעפּער? — ער ווײַנט דאָך אַ דרײַ מײַל פון דאַנען, און דערצו אין אַזאַ העק!

— איז וואָס? — האָט יוסל ניט געקוקט אויפן פּאָטער און טיף אין אים האָבן זיך געצונדן פלעמלעך. — פּיטער האָט אַ יונגע צויג.

טאַטע־זון, געוויקסיקע, מיט צעפּאַטשטע פּנימער פונם שווערן ווינטער, האָבן געשוויגן. ביידע האָבן זיך דערמאָנט ווי מען האָט נאָך ווינטער ניט געקענט אָפּרײַסן פּרינצן פונם טרע־פּערס הונט.

דער פּאָטער האָט אַ זאָג געטאָן:

— וואָלסט זיך אפשר אַריבערגעכאַפּט נאָכן הונט?

— אַז דו ווילסט.

— שנײַד מיטן וואַלד, וועסטו דיר אײַנבערענגען אַ האַלבן מײַל.

יוסל האָט זיך אָנגעשאָטן אין איין קעשענע אַרײַן ראָזינ=
קעס, אין דער צווייטער — מאַנדלען און איז אַרויס פון געוועלב.

ער האָט געשניטן צום וועלדל. דעם קאָפּ אויף אַפּריער.
די פיס, בויגיקע, האָבן זיך לײַכט געוויגט. דאָס פנים — ברייט,
אָפן. אין די שוואַרצע אויגן — אַ גוטער, קינדישער שמייכל.

אַרום און אַרום — בערג, טאָלן און אַ טיפע שטילקייט,
וואָס רוישט, וואָס אָטעמט מיט לעבן. דאָס טונקעלע וועלדל איז
אַנטקעגן געקומען, ווי אַ כמאַרע, האָט פאַרשטעלט די זון, וואָס
האָט זיך גערוקט קיין מערב.

יוסל האָט זיך אַ ווײַל אָפּגעשטעלט און פאַרוויכערט אַ סי=
גאַרעט. זײַן בליק האָט געבלאָנדזשעט איבערן טאָל, ווו דער טײַך
האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער לופט, מיטן הימל, און די זון,
וואָס האָט זיך געהאַלטן אין זעצן, האָט פון מאָל צו מאָל אויפ=
געפינקלט, מיטגעבראַכט דעם שימער פון לויפנדיקע כוואַליעס.

אָט איז שוין דאָס וועלדל. קליינע נאָדל=ביימלעך, וואָס
גרייכן צו די קנעכלעך.

ער האָט גייענדיק געריסן יונגע צווײַגלעך, זיי געריבן
צווישן די פינגער, אײַנגעאָטעמט דעם גוטן, געשמאַקן ריח און
געטראַכט, אַז פּיטערס טאָכטער, פרענסיס, איז מיט אַ יאָר יינגער
פון אים.

ס'לײַב נאָך אַ טאָג אַרבעט איז ניט געווען מיד. באַהאַל=
טענע כוחות, וואָס זײַנען געשלאָפן אין די ברייטע פּלייצעס, אין
די לײַכטע פיס, האָבן זיך געוועקט מיט אַ שטום געשריי. דאָס
געשריי האָט זיך געטראָגן פונם בלוט, וואָס איז האַסטיק געראונען,
ווי דער טײַך אין טאָל, זיך געטראָגן פון די שפּיץ פינגער אין
די שלייפן אַרײַן.

יוסל איז שוין געווען אויף דער צווייטער זײַט וועלדל.
ער איז ניט געגאַנגען. ער האָט געשפּאַנט, געשניטן צום שטיי=
נערנעם באַרג, ווו פּיטערס שטיבל איז געשטאַנען.

ס'איז אָנגעלאָפן אַ ווײַסער הונט. דער קאָפּ — פאַרריסן.
דער עק — אַ לירע. ער האָט באַגעגנט יוסלען מיט אַן אויפ=
געהײַטערט בילערײַ. נאָכן הונט — פרינץ. דער קאָפּ אַראָפּ=

געלאָזט, די צונג אַרויסגעבלעקט. פרינץ, אַן אָפּגעיאָגטער, איז פאַר די דרײַ טעג געוואָרן אויסגעמאָגערט. ער האָט געדעכעט מיט די זײַטן. פרינץ האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויף יוסלען מיט שכּורע מאַנדל־אויגן און האָט זיך ווי פאַרשעמט פאַרן באַלעבאָס. ס׳האָט אָנגעהאַלטן אַ רגע. מיט אַ שפּרונג האָט פרינץ זיך אויסגעצויגן פאַר יוסלס פיס, ווי ער האָט אײַנגענורעט דעם קאָפּ און איז זיך פאַרגאַנגען מיט אַ הכנעהדיקן געוויין.

די צויג האָט נאָך העכער פאַרריסן דעם קאָפּ, איז געווען גרייט זיך אָפּצוריַיסן אויף יוסלען, און איר עק האָט זיך געוויקלט, געקײַקלט, געזונגען.

— וואָס איז, פרינץ? — האָט יוסל אים געגלעט איבער די אײַנגעצויגענע אויערן. — האָסט זיך פאַרבענקט אַהיים?

— נעם אים, נעם אים אַהיים — האָט יוסל דערהערט הינטער זיך אַ זינגענדיק קול. — מיר קאָנען זיך ניט אָפּיאָגן פון אים.

ס׳האַרץ בײַ יוסלען האָט אַ פלאַטער געטאָן. ער האָט זיך אויסגעדרייט. ער האָט כמעט ווי ניט דערקענט פרענסיסן. ווי זי האָט אַ „שאָס" געטאָן! איז אויסגעוואַקסן! און ווי זי וויגט זיך עס אויף די גלײַכע, שטאַרקע פיס! די האָר — סנאָפּעס צוגעברענט שטרוי — האָבן זיך געלייגט איבערן ליכטיקן שטערן, איבער די פולע באַקן. די אויגן, גרויע, האָבן זיך געפלעמלט, ווי בײַ אַ חיה.

זי איז צוגעקומען נאָענט, גאָר נאָענט, אַז יוסל האָט דער־פילט אַ ברי אין די קני. ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט אויף קריק. זי האָט מיט דער שפּיץ צונג אַ וויש געטאָן איבער די רויטע, פליישיקע ליפּן און גערעדט וועגן פאָטער אין דריטער פערזאָן:

— פיטער האָט געוואָלט דערשיסן פרינצן.

— נו?

— האָב איך אים קריקגעהאַלטן. אים געזאָגט, אַז ס׳איז דײַנער.

— אַדאַנק.

ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט, זיך צעשמייכלט.

יוסל האָט זיך אָנגערופן:

— און דו, פרעׂנסיס, האָסט אַ שאָס געטאָן, ביסט אויס־געוואַקסן.

— כ׳בין אַזוי הויך ווי דו — האָט פרענסיס זיך אַ שטעל געטאָן האַרט לעבן יוסלען, אַז ס׳בלוט האָט אים אַ שפּאַר געטאָן אין קאָפּ אַריין. — כ׳בין העכער פון דיר.

— ביסט ניט.

יוסל האָט זיך געצויגן, דווקא געוואָלט זיין העכער.

זיי האָבן זיך געשטעלט זייט צו זייט, פּלייצע צו פּלייצע, און אַז פרענסיס איז עטוואָס געווען העכער, האָט יוסל פון פאַרדרוס אַ זאָג געטאָן:

— אָבער איך בין שטאַרקער!

— ביסט ניט! — האָט פרענסיס זיך אַ וויג געטאָן אויף די שטאַרקע פיס, ווי אויף רעסאָרן.

ביידע האָבן פלינק זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די זייטן, זיך געשאַרט אַהער, זיך געשאַרט אַהין. די אָטעמס זיינען געוואָרן שווערער, זיך געריסן פון די צעעפנטע מיילער מיט אַ סאָפּען.

יוסל האָט אַ כאַפּ געטאָן פרענסיסן, זי אַ הייב געטאָן און זיך מיט איר אַראָפּגעלאָזט צווישן די קליינע באָדל־ביימלעך. ריחות שטאַרקע, שווערע, האָבן זיך געטראָגן פון די בערג, פון דער צעפּאַרעטער ערד, פון פרענסיסן. יוסל האָט געסאָפּעט:

— נו, ווער איז שטאַרקער, פרענסיס?

— איך! איך!

דערלעבן האָבן זיך ביידע הינט געיאָגט אין אַ ראָד. די האָר אויף די אויסגעצויגענע לייבער צעבאַרשט. די עקן אויפגע־שטעלט. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן, זיך געקייקלט, ווידער אויפ־געשפּרונגען, און מיט אַן אויפגעהייטערט וואָיען זיך געלאָזט לויפן נאָך אין אַ ברייטער ראָד.

הונגער

צוויי גרויע הינט, געוויקסיקע, מיט איינגעפאַלענע בייכער, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ בילעריי פון דער צעפאָרענער וועראַנדע. דער בריווטרעגער, וואָס האָט געהאַלטן אין עפענען ס'טירל, האָט עס צוריק פאַרמאַכט. מיט אַ פייף האָט ער אָפּגע־שטעלט די צווילדעוועטע הינט, זיי זאָלן ניט אַריבערשפּרינגען דעם פּלויט. ער האָט זיך צעשריען:

— מיסעס ניו־ו־מען! אַ בריוו, מיסעס ניומען!

און אַז מיסעס ניומען, וואָס האָט פון ניט־דערעסן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, האָט זיך אַרויסגעוואַקלט אויף דער ווע־ראַנדע, האָט דער בריווטרעגער צוגעגעבן:

— אַזעלכע משוגענע הינט, מיסעס ניומען, האַלט מען אויף דער קייט, ניט מען לאָזט זיי ווירטשאַפטן אויף דער פריי!

מיסעס ניומען האָט זיך צעשריען אויף די הינט — אויף טאָמען, אויף פרענקן — וואָס האָבן אַראָפּגעלאָזט די ווידלען און מיט גרויס הכנעה זיך געדרייט אַרום איר. די הינט האָבן געהייסן נאָך אירע זין, וואָס מען האָט נאָך דער מלחמה צוריק־געבראַכט פון פראַנקרייך אין טרונעס.

און אַז די הונגעריקע הינט האָבן זיך צעלייגט אויף דער וועראַנדע מיט אַ פאַרשטיקט גרימעריי, ערשט דעמאָלט האָט מיסעס ניומען זיך געלאָזט צום בריווטרעגער מיט אַ נעבעכדיק פנים:

— שטילע הינט, מיסטער פּוירקינס, טוען גאָרניט. די הינט האָבן היינט ווייניק וואָס געגעסן, האָבן נעכטן אויך גאָרניט גע־

געסן, בילן זיי פון הונגער. איר זאָגט אַ בריוו? אוודאי פון מײַן טאָכטער?

— יאָ, מיסעס ניומען, דער בריוו איז פון מיימין. וואָס טוט זי דאָרט מיימי, אין ניו־יאָרק?

— זי איז בײַ גוטע מענטשן אויף אַ שטעל.

— אַזוי שרײַבט זי אײַך?

— און איר, מיסטער פוירקינס, גלויבט די בייזע צינגער?— האָט איר האַלדז, דאַר און לאַנג, ווי בײַ אַן אָפּגעצופּטן האָן, זיך נאָך לענגער אויסגעצויגן, — מײַן מיימי וועט קיין שלעכטס ניט טאָן!

— איך גלויב אויך ניט אויף מיימין, — האָט דער בריוו־טרעגער זיך געשפּילט מיטן פּײַפל, וואָס איז געהאַנגען איבערן האַלדז אויף אַ שטריקל, — נאָר אין דאָרף זאָגט מען, אַז מיימי איז פון די ניו־יאָרקער נאַכט־פייגל, און פאַר אַ קריסטלעכער טאָכטער, און דערצו נאָך אַ קאַטאָליק — איז דאָס קיין אַרבעט ניט.

— און הונגערן, מיסטער פוירקינס, פּאַסט פאַר אַ קאַטאָליק?

— וואָס, איר הונגערט?

— יאָ, — זײַנען די גלעזערנע אויגן בײַ מיסעס ניומען געוואָרן קײַלעכדיק, ווי בײַ אַ סאָווע, — יאָ, מיסטער פוירקינס, איך הונגער. פאַר די לעצטע צוויי יאָר הונגער איך. און ניט בלויז איך. מײַנע ביידע הינט, טאָם און פרענק, הונגערן אויך. און ווען מיימי וואָלט פון צײַט צו צײַט ניט צוגעשיקט אַ פּאָר דאָלער, וואָלטן מיר אין דרייען שוין לאַנג אויסגעגאַנגען פון הונגער. כ'האָב זיך שוין אַפילו מיאוס געמאַכט, כ'בין אַוועק קיין ליווינגסטאָן און געבעטן בײַ די שטאָט־טאַטעס „רעליף". זיי האָבן מיך אָפּגעהאַלטן איבער אַ שעה, מיך אויסגעפרעגט, אויסגעפּרעגט, דערנאָך מיר אָפּגעזאָגט, געטענהט, אַז איך האָב אין ניו־יאָרק אַ טאָכטער, וואָס שטיצט מיך. ווילט איר, כ'זאָל האָבן טענות צו מײַן מיימין, פאַרוואָס זי איז אויסגעלאָסן? איר הערט, מיסטער פוירקינס, ווען איך בין יונג, וואָלט איך בעסער געוואָלט זײַן אויסגעלאָסן, איידער בעטן בײַ די שטאָט־טאַטעס „רעליף". זאָגט עס די שטאָט־טאַטעס, זאָגט עס זיי אין מײַן נאָמען!

בשעת די געבויגענע מיסעס ניומען האָט גערעדט, האָט דער בריווטרעגער זיך גערוקט צום „פּאָרדל", וואָס איז געשטאַנען בײַם וועג און געסאָפּעט. און אַז דער בריווטרעגער איז שוין געזעסן אין „פּאָרדל", זיך שוין געהאַט געזעגנט און איז אַוועקגעפאָרן מיטן זאַמדיקן וועג, איז מיסעס ניומען נאָך אַלץ געבליבן בײַם טירל און גערעדט אינם חלל אַרײַן, ווי דער בריווטרעגער איז פריער געשטאַנען.

די זקנה האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט. מיימי האָט געשיקט צען דאָלאַר, געלאָזט וויסן אינם בריוו, אַז שבת אָוונט וועט זי זײַן אין דער היים, וועט בלײַבן מיט דער מוטער ביז איבער זונטאָג.

פון גרויס פרייד האָט זיך דער אַרום אַ וואַקל געטאָן. דאָס פאַרוואָרלאָזטע, הילצערנע שטיבל האָט זיך אַ שטעל געטאָן מיט אַ געבויגענער פּלייצע, ווי ס'וואָלט זיך געהאַלטן בײַם איבערקוליען. די הינט האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון דער ווערענדע, זיך געלאָזט צו דער באַלעבאָסטע. האָט זי זיי גערופן? איין האַנט האָט זי גערוקט פרענקן אין פּיסק אַרײַן, די צווייטע האַנט — טאָמען. און אַזוי איז זי געגאַנגען, אַן אויפגעהײַטערטע, אין שטוב אַרײַן. דאָס האַלבע, ווײַסע ברויט, די איינציקע דערנערונג, וואָס איז געווען אין שטוב, האָט מיסעס ניומען צעשניטן אין דרײַען. זי האָט געבראָקט ס'ברויט אין דרײַ טיפע שיסלען, עס באַנעצט מיט לעפלעך וואַסער און זיך געזעצט מיט די הינט עסן. זי האָט געקײַט מיטן אײַנגעפאַלענעם מויל און זיך צערעדט צו די הינט, ווי צו קינדער:

— מיר האָבן הײַנט אַ גאַסט, אַן אָנגעלייגטן גאַסט — מיימי קומט צו פאָרן. ווי נאָר מיר וועלן אָפּעסן, וועל איך צולויפן אין דאָרף אַרײַן, כ'וועל קויפן פלייש, כ'וועל קויפן ברויט, פּוטער, קאַרטאָפל. כ'וועל קויפן אַן עפּל-פּאַי, כ'וועל קויפן קאַווע, דערנאָך, אַז כ'וועל צוריקקומען, וועל איך צורוימען ס'הויז. און איר, יינגלעך מײַנע — האָט מיסעס ניומען געגלעט איבער די רוקנס פריער פרענקן, דערנאָך טאָמען, — איר זאָלט דאָ ניט אַרומווירט-

שאַפּטן, ניט איבערקערן ס'הויז, ניט אַרויס אויפן וועג. ליגט אויף דער וועראַנדע ביז כ'וועל צוריקקומען.

זי האָט אַ נעם געטאָן אַ געפלאָכטענעם קאָש אויף דער האַנט, אַ נעם געטאָן אַ קרום שטעקעלע און זיך געלאָזט מיטן זאַמדיקן וועג קיין ליווינגסטאָן.

ס'איז געווען שבת נאָכמיטאָג. טעג זײַנען אין אָקטאָבער געשטאַנען קורצע. אַרום פינף איז די נאַכט צוגעפאַלן. און דאָ איז שוין געווען נאָך פיר. מיסעס ניומען איז געגאַנגען מיט דעם זאַמדיקן וועג, ווו קיין זאַמד האָט זיך ניט אַרויסגעזען. דער וועג איז פול געווען מיט בראָנזענע בלעטער, וואָס דער ווינט האָט פאַרטראָגן אין טאָל אַרײַן.

ווען מיסעס ניומען איז געווען ייִנגער, שטאַרקער, ווען זי איז צו זעכצן יאָר געלאָפן אין די אָוונטן באַגעגענען פּיטן, האָט דער וועג אין דאָרף אַרײַן גענומען אַ צען מינוט, און אפשר דאָס אויך ניט. זיי האָבן זיך געטראָפן אין סאָסנאָוון וועלדל, וואָס ליגט לעבן דאָרף. זי איז געלעגן אין מאָך, דערפילט ווי פּיטס טריט קײַקלען זיך איבער די שטיינערנע בערג, ווי זיי קײַקלען זיך טיף אין דער ערד, קײַקלען זיך איבער אירע באָרוועסע פיס, איבער איר הייס לײַב און ס'לײַב ציטערט אויף פון די טריט, ווי עס ציטערט אויף פון וואַרעמע קינדערשע פיסלעך, פון וואַרעמע קינדערשע הענטלעך. ווען איז דאָס געווען? מיט צען יאָר צוריק, מיט צוואַנציק, מיט דרײַסיק. דערנאָך האָט זי געבוירן פרענקן, דערנאָך טאָמען, דערנאָך מיימין. הײַנט, ווען פּיט, פרענק, טאָם ליגן אין דער ערד, מיימי וואַלגערט זיך ערגעץ אין ניו־יאָרק, איז דער טראָט געוואָרן פאַמעלעכער. דאָס שטיקל וועג אין דאָרף אַרײַן נעמט אַ האַלבע שעה.

אַז מיסעס ניומען האָט אַלץ שוין געהאַט אײַנגעקויפט, אַפילו „סכאָפּ" פאַר די הינט, איז שוין געווען גוט טונקל. דער אָנגעפּאַקטער קאָש, די פינף דאָלאַר אין קעשענע, און דער עיקר, וואָס די טאָכטער קומט אַהיים — דאָס אַלץ האָט אַזוי אויפגע־הײַטערט, אַז די אַלטיטשקע איז לײַכט אַרויס מיטן קאָש פון דאָרף, ניט דערפילט די משא ביז אַ שטיק אין וועג אַרײַן. מיט

אַמאָל האָט דער קאָש געגומען שווערער ווערן, גענומען טיפער בויגן די אַזוי אויך איינגעבויגענע פּלייצע.

מיסעס ניומען האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אויסגעגלייכט, געטראַכט, אַז זי האָט נאָך אַ פופצן מינוט גאַנג. אַ קילער ווינט, אַ בייסיקער, איז אָנגעלאָפן פון פאָרנט, פון הינטן, ניט געלאָזט אָפּאָטעמען. ס'קלייד האָט זיך געפּלאָנטערט אַרום די פיס, פאַר־שמעלערט דעם טראָט. און ווי זי איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט זי זיך געמוזט אָפּשטעלן, געמוזט בייטן דעם קאָש פון איין האַנט אין דער אַנדערער. ס'איז געוואָרן ווינטיקער, קעלטער. די אויערן זיינען פול געוואָרן מיט קולות, וואָס די אַלטיטשקע האָט ניט געקענט אויפכאַפּן — קולות, וואָס פאַרווישן יעדער מחיצה צווישן וואָר און חלום.

מיטן קלימפּער פון די בראָנזענע בלעטער האָט זיך גע־קייקלט מיסעס ניומענס לעבן, אַ לעבן, וואָס איז געלעגן צע־טרענצלט איבערן שטיקל וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פון איר שטיבל ביז אין דאָרף אַריין. ס'איז אַמאָל געווען אַ טאַטע, אַ מאַמע. ס'איז אַמאָל געווען אַ פיט, אַ פרענק, אַ טאָם. און ווו איז מיימי? מיימי איז שוין געוויס אין שטוב, קוקט זיך די אויגן אויס. דער אַלטער איז מיט אַמאָל וואַרעם געוואָרן. זי האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, געהערט ווי מען רופט זי, ווי די טאָכ־טער רופט זי:

— מיימי? האַלאָ, מיימי!

קיינער האָט ניט געענטפערט, בלויז דער ווינט האָט אַריינ־געשטעלט צוויי פינגער אין מויל אַריין און געפייפט. די פלייש־ריחות, די ריחות פון הינטישן „סכאַפּ", האָבן זיך געטראָגן אין דער נאַכט. טאָם און פרענק, הונגעריקע, האָבן דערשמעקט די גערוכן. זיי האָבן זיך אַ ציי געטאָן איבער דער ווערענדע. די רוקנס צעבאַרשט, די אויגן צעפלעמלט. זיי האָבן זיך אַ הייב געטאָן איבערן פּלויט, זיך געטראָגן מיטן וועג.

אינם בילן האָט מיסעס ניומען דערקענט איר פרענקן, איר טאָמען, דערקענט די קינדער, וואָס זיינען איר געקומען צו הילף.

אַ פרייד איז אין איר אויפגעגאַנגען, בלויז געוואַרט, מען זאָל ביי איר פון האַנט אַרויסנעמען די משא.

די הינט האָבן זיך געיאָגט אין אַ ראָד, זיך געיאָגט אַרום דער באַלעבאָסטע, און מיט אַמאָל האָבן זיי פון גרויס שמחה זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פאָדערשטע לאַפּעס אָן אירע געבויגענע פּלייצעס. מיסעס ניומען איז אומגעפאַלן, האָט איבערגעדרייט דעם קאָש. די הינט האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן פלייש, אויפן „סכאַפּ", געבליבן ליגן אויפן פּרעס אָן אַן אָטעם. און אַז די הינט האָבן אויפגעפרעסן ס'פלייש, אויפגעפרעסן דאָס „סכאַפּ" און דערשפּירט אַרום זיך דעם טויט, האָבן זיי זיך געזעצט אויף די הינטערשטע לאַפּעס, פאַרריסן די פּיסקעס און זיך צעוואָיעט.

ווייבטן

ווי די מאַטראָסן האָבן געהאַלטן אין וואַשן די אָלימפּיק, האָט באַרבאַראַ דואַמבראַ אַן עפּן געטאָן אַ טיר, וואָס האָט געפירט אויפן העכסטן דעק, אויפן זון־דעק.

די ים־קילקייט, וואָס האָט געבלאָזן פון אַלע פיר זײַטן, האָט ניט בלויז אָפּגענומען בײַ באַרבאַרען דעם אָטעם, צעקנעפּלט איר לויזן מאַנטל, געריסן ס'קלייד איבער די קני, נאָר די קילקייט האָט זיך אויך געהייבן איבער איר לײַב, ווי וואַסער הייבט זיך איבער אַ שוואָם.

באַרבאַראַ איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און זיך גלײַך ניט געקאָנט כאַפּן, ווו עס איז הימל און ווו ס'איז ים. אומעטום — פינסטערע גרויקייט. בלויז אין מזרח, ווו די גרויקייט איז געווען צעשוווּמען, האָט מיט אַמאָל אויפגעלויכטן אַ שמאָל פּאַסיקל, אָפּגעדעקט שטיקלעך ליכט, וואָס האָבן געציטערט, ווי עס ציטערן פריש־געבוירענע קעצלעך. ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן.

אַ מאַטראָס אין גומענע שטיוול, אין אַ געפּאַסט לײַבל, האָט אויפגעהערט אויפצוווישן דעם דעק און זיך אײַנגעקוקט אין באַרבאַרען. זײַן אָנגעכמורעט פּנים — אַ דאַרס, אַ צעשמיסנס, — האָט אויפגעלויכטן. זײַנע אויגן, — גרין, ווי דאָס שוימיקע וועגל הינטער דער שיף, — זײַנען גרעסער געוואָרן. ער האָט געקוקט אויף באַרבאַרען. און באַרבאַרע אַליין? באַרבאַרע, — אַ ווײַסער באַרעט, ווילדריש אָנגעטאָן אויף אַ פּאַרריסענעם קאָפּ. פון אונטערן באַרעט — דיקע, שוואַרצע פלעכטן, פאַלן איבער

שמאָלע פּלייצעס, איבער ווײַסע, מאַטע באַקן, איבער אויגן, שוואַרצע, צעפּלאַמטע, ווי ווינטן. דאָס קלייד ווינטלט זיך, שנײַדט זיך אַרײַן צווישן באַרבאַרעס קני, ווי אַ קלין. און אין גאַנצן איז באַרבאַרע — אַן אָנגעצויגענע זעגל, וואָס רייצט זיך און שפּילט זיך מיט ווינטן, ווי מיט הונגעריקע הינט.

דער מאַטראָס האָט זיך אַ בויג געטאָן איבערן דעק־פּאַרענטש, אויסגעשפּיגן אין ים אַרײַן אַ מויל קײַ־טאַבאַק און מיליטעריש זיך אַ שטעל געטאָן פאַר באַרבאַרען:

— מיס „איטאַליע" איז הײַנטיקע נאַכט קנאַפּ געשלאָפן.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז מען רופט מיך מיס „איטאַליע"?

— כ'בין דאָך דער דעק־מאַטראָס, — האָבן דעם מאַטראָס' ציין, קרימלעכע ציין, געלבלעכע ציין, אַ לאַך געטאָן, — און אַ דעק־מאַטראָס זעט אַלץ, הערט אַלץ — — —

— איר ווייסט ווען כ'בין נעכטן געגאַנגען שלאָפן? — האָט באַרבאַרע געמאַכט אַ מינע, ווי זי וואָלט גערעדט מיט איר נאָענטסטער חברטע — צוויי אַזייגער. און ווי שפּעט איז איצט?

— זעקס.

— כ'ווייס ניט, צי כ'בין געשלאָפן דרײַ שעה.

— אַז מען איז פאַרליבט און דערצו נאָך יונג, איז דרײַ שעה שלאָף גענוג. ווען אַזאַ מיס „איטאַליע" — האָט דער מאַטראָס אַ לאַך געטאָן מיט אַ האַלב פּנים, — מאַכט אָפּ מיט מיר צו באַגעגענען אַ זון־אויפגאַנג, וואָלט איך, גאָט־פאַרשאָלטענער, אינגאַנצן ניט געגאַנגען שלאָפן.

— און ער? — האָט באַרבאַרע העכער געהויבן דעם קאָפּ, איז צופרידן געווען, וואָס דער ווינט צעפּאַטעלט אירע האָר.

— מיסטער „קאָנסטאַנטינאָפּאָל"?

— איר ווייסט דאָך אַלץ, — האָט באַרבאַרע אַן עפן געטאָן ס'מויל, אַ שפּריץ געטאָן מיט געלעכטער, מיט גלעקל־געקלאַנג, — פון וואַנען קענט איר מיסטער קאָנסטאַנטינאָפּאָל?

דער זעכציק־יאָריקער מאַטראָס איז ייִנגער געוואָרן, זיך אַ צי געטאָן, ווי ער וואָלט ניט געשטאַנען פאַר באַרבאַרען, נאָר פאַרן קאַפּיטאַן פון דער שיף אַליין. ס'פּנים האָט שוין בײַ אים

איינגאַנצן ניט געלאַכט. בלויז די גרינע אויגן, שאַרף ווי אַ האַק, האָבן זיך אַרייַנגעשניטן אין באַרבאַרעס בליק. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— כ'בין דאָך אַ דעק־מאַטראָס, און אַ דעק־מאַטראָס זעט אַלץ, הערט אַלץ — — —

— איז וואָס אַזוינס האָט דער דעק־מאַטראָס הייַנטיקע נאַכט געזען? — האָט באַרבאַרע אַזאַ קוק געטאָן דעם מאַטראָס אין די אויגן אַרייַן, ווי זי וואָלט דאָרטן פאַרוואָרפן אַ נעץ.

און איידער דער מאַטראָס האָט צייַט געהאַט אָפּצוענטפערן, האָט באַרבאַרע שוין געשלעפט איר נעץ פונם מאַטראָס' אויגן און אים ווידער געפרעגט:

— איז וואָס אַזוינס האָט דער דעק־מאַטראָס הייַנטיקע נאַכט געהערט?

— וואָס כ'האָב געזען? וואָס כ'האָב געהערט? — האָט דאָס פּנים, צעפּאַטשט פון ווינטן, צעפּאַטשט פון ימען, זיך אַן עפן געטאָן פאַר באַרבאַרען — כ'האָב אַ סך געזען, אַ סך געהערט, קינד מייַנס, אפשר צופיל געזען, צופיל געהערט.

— כ'מיין הייַנטיקע נאַכט, — איז באַרבאַרע געגאַנגען אויף אים מיט אירע אַכט־און־צוואַנציק יאָר.

ס'איז געווען קענטיק, אַז דער מאַטראָס נעמט זיך איבער מיט זייַנע זעכציק יאָר, און ניט אַזוי מיט די יאָרן, ווי מיט דעם, וואָס ער האָט געזען, געהערט, אייַנגעאָטעמט און איבערגעלעבט, ימען און ווינטן. ימען, לענדער, קאָנטינענטן. בלויע ימען, בלויע הימלען, בלויע בערג. ווו האָט ער עס געזען? ער געדענקט שוין אַליין ניט. ער טראָגט עס אָבער אין זיך, ווי ער טראָגט די זעכציק יאָר, צעפּאַטשטע פון געזאַלצענע ווינטן. ער וועט איר דאָס אַלץ דערציילן. יאָ, דערציילן וועגן אַלעקסאַנדריע, וועגן קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דערציילן וועגן פיש, וואָס פליען, וועגן ים־שטערן, וועגן שוואַרצע מיידלעך, ווי זי, מיס איטאַליע, וואָס וואַרטן אויף אים אין אַלעקסאַנדריע, אין קאַהירע, אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל. און ווען ניט די שוואַרצע מיידלעך — צו וואָס זיך

שלעפֿן איבער ימען, איבער לענדער, איבער קאָנטינענטן? צו וואָס דאָס אַלץ געדענקען?

— איז וואָס האָט איר געזען, וואָס האָט איר געהערט היינטיקע נאַכט? — האָבן די פּאָלעס פֿון באַרבאַרעס צעפֿלויגע־נעם מאַנטל געקלאַפּט אין ווינט, ווי זעגלען.

באַרבאַרע איז געשטאַנען פֿאַרן מאַטראָס, ווי פֿאַר אַ וואָר־זאָגער. פֿאַרוואָס שווייגט ער? פֿאַרוואָס זאָגט ער ניט, וואָס ער האָט געזען, וואָס ער האָט געהערט? איז זי טאַקע בלויז דריי טעג אויף דער אָלימפּיק? און איבראַמען, דעם סטודענט, וואָס קומט ערגעץ פֿון דער אַזיאַטישער טערקיי, אים קען זי בלויז צוויי טעג? ניט אמת. איבראַמען קען זי שוין יאָרן. איז עס געווען אין חודש מאַי, אין חודש יוני, ווען זיי האָבן צוזאַמען באַגעגנט זון־אויפֿגאַנגען? דער דעק־פּאַרענטש האָט זיך געוויגט. דער ווינט האָט צעבלאָזן איר זיידענעם קאָפּ־שאַל, אים געריסן, ווי ער רייסט אַ שיף־זעגל. די לעצטע שטערן האָבן זיך געלאָשן. און איבראַם? איבראַמס ליפּן האָבן אין דער פֿינסטער אויפֿגעזוכט באַרבאַרעס אויגן, באַרבאַרעס מויל, באַרבאַרעס האַלדז. ווען איז דאָס געווען? האָט מען טאַקע דאָ אויף דער שיף איר אַ נאָמען געגעבן „מיס איטאַליע", ווייל אירע עלטערן קומען פֿון ווענעציע? און איבראַמען — „קאָנסטאַנטינאָפּאָל", — ווייל ער קומט פֿון טערקיי? וואָס שווייגט ער, דער מאַטראָס, דער וואָר־זאָגער פֿון ימען, לענדער און קאָנטינענטן?

דער מאַטראָס מיטן אָפֿענעם פּנים, ווי דער ים איז אָפֿן, האָט זיך ניט קיין בויג געטאָן צו באַרבאַרען. אין זיינע ווערטער, אין דעם אופֿן רעדן, איז געווען אַזאַ איינפֿאַכקייט, אַז מען האָט אים געמוזט גלויבן. ער האָט דערציילט:

— נאָך דעם, ווי מיסטער קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט באַגלייט מיס איטאַליע צו איר קאַיוטע, איז ער אַוועק מיט מיס פֿראַנקרייך אויף דער זון־דעק. ער האָט זיך פֿאַרקליבן מיט איר צווישן די רעטונג־שיפֿלעך, אָט דאָרט, ניט ווייט פֿון דער ראַדיאָ־סטאַנציע, ווו איר, מיס איטאַליע, זיינט מיט אים נעכטן געזעסן. איך בין געווען דעזשורנע, האָב זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ, געהערט

יעדעס וואָרט, וואָס זיי רעדן. יונגע מענטשן, האָבן זיי אָנגערעדט אַ סך נאַרישקייטן. מיטן לעשן זיך פון די שטערן, זײַנען זיי ערשט אַראָפּ פון דער זון=דעק, געגאַנגען שלאָפן.

דער מאַטראָס האָט געענדיקט. באַרבאַרעס אויגן האָבן זיך געצונדן, געלאָשן, געביטן פֿײַערלעך, ווי עס בײַטן זיך די קאָלירן אין די אויגן פון אַ צערייצטער חיה. זי האָט אַ פרעג געטאָן:

— איז עס אמת?

— אַלץ, וואָס איך דערצייל, איז אמת, מיס איטאַליע.

— וועט ער ניט קומען?

— ווער? מיסטער קאָנסטאַנטינאָפּאָל?

זי האָט פון אים די אויגן ניט אַראָפּגעלאָזט.

— כ'רעכן, אַז ער שלאָפט נאָך.

פון אַ זײַטיקער טיר האָט זיך געהערט אי אַ פײַף, אי אַ רוף.

— האַלאָ, מיס איטאַליע!

באַרבאַרע האָט העכער פאַרריסן דעם קאָפּ. די האָר צעפּאַטלט, דער מאַנטל צעפלויגן, ס'קלייד, אַ דורכזיכטיקס, האָט זיך געווינטלט צווישן די קני, געשריבן אַ ליבע=בריוול. אַזוי איז באַרבאַרע געשטאַנען אַ ווײַל, זיך געקווענקלט. דערנאָך האָט זי זיך ווי אָפּגעריסן פונם אָרט. איבערן לײדיקן דעק האָבן זיך אַ שאָט געטאָן דראָבנע טריט, ווי מען וואָלט געשאָטן ניס, און עס האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ געלעכטער.

— האַלאָ, מיסטער קאָנסטאַנטינאָפּאָל!

צוויי קאָנטינענטן האָבן זיך אַרומגענומען.

ניי=יאָר

די גאַנצע וואָך פון ניי=יאָר איז ס'וועטער געווען היניטיש. ס'האָט גערעגנט, ס'האָט געשנייט, ס'האָט געהאָגלט. ס'איז שוין געווען מיטאָג, ס'איז שוין געווען צוויי, דריי נאָכמיטאָג, און ס'האָט אַלץ ניט געוואָלט טאָג ווערן. אָוונט און נאַכט האָבן זיך געצויגן איבער דריי מעת=לעת. אין די גאַסן האָבן זיך געוואַל=גערט שירעמס מיט איבערגעדרייטע בייכער. אויטאָמאָבילן האָבן זיך געגליטשט, האָבן זיך געדרייט, געשראָקן מיטן טויט. אַלץ איז געווען נאַס, אַלץ איז געווען דורכגעווייקט — גאַס, מענטש, חיה.

ניי=יאָר=נאַכט האָט גענומען בלאָזן אַ קאַלטער ווינט, גע=בראַכט פון ערגעץ=ווו אַ טרוקענעם, שטעכיקן שניי, וואָס האָט אויסגעווישט, אויסגעפרוירן די נעץ. דער שניי האָט זיך געלייגט איבער דעכער, איבער קאַרניזן, איבער גאַסן, זיך געלייגט צוויי מאָל די דיק און אויפגעהערט פאַלן. פון טעלעגראַף=און טעלע=פאָן=דראָטן איז דער שניי אַראָפגעהאַנגען, ווי צעדריוולטע וואַטע. דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט, איז געוואָרן טונקל=בלוי, און איבער גאָרעק סטריט האָט זיך געהויבן אַן אָפגעשפּאָלטן שטיקל לבנה.

די גאַנצע נאַכט פון ניי=יאָר האָבן ביי מעקסן אין קעלער זיך געיאָגט קעץ. די קעץ האָבן זיך געיאָגט מיט אַזאַ געוויין, אַז די שויבן האָבן אַזש געציטערט, און מעקס האָט נישט גע=קאָנט איינשלאָפן. פונם קאַצניאָמער איז געוואָרן אומהיימלעך. אין קעלער איז געווען הייס און דושנע. די היץ האָט געשלאָגן פונם

צעהייצטן אויוון, וואָס איבער דער וואַנט, פונם ווײַבס הייסן לײַב, וואָס איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן. מעקס האָט זיך אַ שאַר געטאָן צום ווײַב, זי אַרומגענומען:

— באַשע, באַשקע, שלאָפֿסט?

— האַ?

— זאָלסט מיר האָבן אַ יונג! הערסט, באַשע, באַשעלע!

— כ'וועל האָבן אַ מיידל, — האָט ס'ווײַב זיך גענומען אויסטשוכען.

— ניין, אַ יונג!

— וואָס, דאַרפֿסט נאָך אַ דזשעניטאָר? * — האָבן די אויגן בײַם ווײַב אַ פֿינקל געטאָן, — גענוג, אַז דו ביסט אַ דזשעניטאָר!

— און אַז נאָך אַ דזשעניטאָר, איז וואָס? — איז די היץ, וואָס האָט געשלאָגן פֿון ווײַב, געוואָרן אַזוי ליב, — נײַ־יאָר וואָלט יעדער ביזנעסמאַן געוואָלט זײַן אַ דזשעניטאָר.

— נישט אין גאָרעק סטריט.

— אפֿילו אין גאָרעק סטריט, — האָבן מעקסעס אויגן זיך געפֿלעמלט, — וויפֿיל אַ שטייגער גיסטו פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג?

— אַ צענערל אויך נישט, האָט ס'ווײַב זיך מיט אים געררייצט.

— ווערסט געבן צוואַנציק, באַשקעלע.

די קעץ האָבן זיך ווידער צעוויינט, לאַנג און נודנע. גע־וויינט אַזוי לאַנג, ביז איבער די ווענט האָבן זיך גענומען שאַרן שטיקער נאַכט, זיך גענומען שאַרן גרויע שאָטנס.

מעקסן האָט עס געיאָגט פֿון געלעגער. ער האָט זיך אָנגע־טאָן, אײַנגעדעקט ס'ווײַב און איז אַרויס אויף דער גאַס. גאָרעק סטריט איז נאָך געשמאַק געשלאָפֿן. איבערן שניי, וואָס איז געווען נישט ווײַס, נישט בלוי, האָבן זיך געקײַקלט פֿאַסן־ליליע, געגלעט די פֿאַרשלאָפֿענע אויגן, צוגענומען די מידקייט. ס'האָט געהאַלטן אין טאָגן. די טרוקענע קעלט, ווי האַרבער כריין, האָט זיך פֿאַר־קליבן מעקסן אין דער נאָז אַרײַן. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק

---

* סטרוזש.

פונאַנדערגענאָסן, אַז זײַנע פעסטע, צונױפגעקלעפּטע פּלײצעס האָבן זיך צעטרײסלט.

מעקס איז געװען אױפגעלײגט — נײַ־יאָר. אָט שטײט ער אינמיטן גאָרעק סטריט. אַרום און אַרום שנײ, אַזאַ קלאָרער שנײ, און ער, מעקס, זוכט אַ מענטשן, װיל אים באַגריסן מיט אַ פרײלעכן נײַ־יאָר. ער האָט אַ הײב געטאָן די אױגן צו די פענסטער. די שױבן פאַרהאָנגען, פאַרשטעלט, ס'האָט זיך בלױז געזען דער געבלימלטער געפריר.

מעקס האָט געװוּסט װער פון די שכנים װעט אים געבן אַ דאָלער, װער אַ האַלבן, װער אַ פערטל און װער גאָרנישט. און נישט אַזױ ס'געלט, װאָס ער האָט כּשר פאַרדינט, געשלעפּט אַ קײַלעכדיק יאָר בײַ יעדן שכן די קאַנען מיסט, נישט אַזױ ס'געלט איז אים איצט אָנגעגאַנגען. דאָס אַרומדרײען זיך אײנער אַלײן אױף גאָרעק סטריט, װען אױף דער װעלט איז נײַ־יאָר, װען אַרום און אַרום ליגט אַזאַ שנײ, דאָס האָט אים נישט גע־לאָזט צורו. ער האָט געבענקט נאָך אַ מענטשן, געװאָרט מיט אומגעדולד ס'זאָל זיך שױן באַװײַזן דער ערשטער שכן, װעט ער אים באַגריסן, װעט ער אים אָנװינטשן.

אױף די טרעפּלעך, בײַם אַרױסגאַנג פון הױז, איז אױס־געװאַקסן הערשל שלײַפער. הערשל איז געװען אַ הױכער, אַ רױטער, מיט אײַנגעפאַלענע באַקן, װאָס זײַנען איבער אַ װאָך נישט געװען געגאָלט. אױפן לינקן אַקסל האָט ער געטראָגן דאָס „טרעגל" שלײַפשטײנער. דער שנײ האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַזױ פיל ליכט, אַז ער איז געבליבן שטײן, האָט זיך געײשובט װאָס צו טאָן.

שױן אַ װאָך װי הערשל איז נישט געװען אױף דער גאַס. דער רעגן האָט אים פאַרשפּאַרט אין שטוב. ער װאָלט הײַנט אױך נישט אַרױס פון הױז — עס איז יום־טוב אין שטאָט. דער הונגער האָט אים אָבער געטריבן פון דער נישט־געהײצטער דירה, גע־טריבן פאַרטאָג, װען ס'װײַב מיט די קינדער זײַנען נאָך געשלאָפן, און קײנער האָט בײַ אים גאָרנישט געמאָנט.

דער שנײ איז איצט שוין געוואָרן בלויליך. ס'איז אָבער נאָך געווען פרי, גאָר פרי. דאָס געקלאַפּער, וואָס האָט זיך גע־טראָגן פון דילענסי־בריק, איז אויך הײַנט געווען קלענער, פאַר־שטיקט אָפּגעהילכט, ווי ס'וואָלט זיך אַפּערגעקײַקלט, זיך געוויקלט אין שנײ.

איצט ערשט האָט הערשל שלײַפער זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט זיך צוגעאײַלט, אַז ער וועט זיך דאַרפן אַרומבלאָנקען איבער ליידיקע גאַסן. ער האָט גרויס חשק געהאַט אַראָפּצונעמען „ס'טרעגל" פונם אַקסל, עס אַוועקשטעלן די שכנים אונטער די פענסטער און זיך צעקלינגען מיט אַזאַ רעש און געפילדער, אַז אַלע זאָלן איבערגעשראָקענע אַרויס פון די בעטן:

— וואָס איז? וואָס איז?

וואָס פאַראַ פּאָפּן, וואָס פאַראַ כאָליען אין די וואַרעמע בעטן, וואָס־פאַראַ יום־טוב, ווען ער, הערשל, הונגערט, ווען ס'ווײַב און די קינדער זײַנע הונגערן, ווען דער הונגער האָט אים פאַר־טאָג אַרויסגעטריבן פון שטוב?

מעקס האָט דערזען דעם שלײַפער, און ס'האַרץ האָט בײַ אים אַ צאַפּל געטאָן פון פרייד — סוף־כּל־סוף זיך דערוואַרט. ער איז צוגעקומען נעענטער, האָט זיך באַגריסט מיט מויל און אויגן:

— אַ גוט־מאָרגן, הערשל, און „עי העפּי ניו־יער"! *

— אַ גוט־מאָרגן, — האָט דער שלײַפער אין גאַײַל אַראָפּ־גענומען ס'טרעגל פונם אַקסל און גענומען זוכן אין ביידע ליידיקע הויזן־קעשענעס.

— מאַכט זיך נישט צו נאַר, הערשל, האָט מעקס אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר די הענט, ניט געלאָזט זוכן אין די קעשענעס.

— איר באַליידיקט מיך, מעקס.

— נישט אײַך, הערשל, נישט אײַך, — האָט מעקס גוט־ברודעריש אים צוריקגעהאַלטן מיט אַ האַנט. און אויב איר דאַרפט אַ דאָלאַר, שעמט זיך נישט, זאָגט, מיר זײַנען אייגענע מענטשן.

---

* אַ פריילעך יאָר.

מעקסעס פּאָר ווערטער האָבן געשטילט הערשלס הונגער, האָבן פאַרטריבן די קעלט פון די נישט־געהייצטע צימערן, און דער שלייפער איז געוואָרן אויפגערוימטער.

— אויב אַזוי, מעקס, גיב אַרויס ס׳ברויט־מעסער, וועל איך עס אָנשנײַ־־־

— דאָס, זעסטו, יאָ, — זײַנעןביידע מיטאַמאָל איבערגע־גאַנגען אויף „דו".

הערשל איז אַרײַן אין שמאָלן הויף. ער האָט אַוועקגעשטעלט „ס׳טרעגל", האָט פאַרזעצט ס׳זאַמד־שטיינדל, אַרויפגעשטעלט דעם רעכטן פוס אויפן טרעטער און געוואַרט, מען זאָל אים דערלאַנ־גען ס׳מעסער.

מעקס האָט געעפנט די טיר, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און מיט אַ ווונק גערופן דעם שלײַפער:

— קום אַרײַן, הערשל, איידער וואָס־ווען, וועלן מיר נעמען צו ביסלעך.

בײַם פונאַנדערגעבראָכענעם אויוון, אויף אַ בענקל, זײַנען געשטאַנען אַ האַלב פלעשל בראַנפן און אַ מאַרינירטער הערינג. ס׳איז געלעגן אַן אָנגעהויבן ברייטל.

מעקס האָט שפּאָר אָנגעגאָסן אין איין שאָל, אין אַ צווייטער.

— לחיים, הערשל!

— לחיים, מעקס!

מען האָט פאַרביסן מיט ברויט און הערינג, נאָכאַמאָל גע־נומען צו ביסלעך, ווידער פאַרביסן, און די אַזוי־אויך־לויזע צונגען האָבן פאַרלוירן יעדעס שרײַפל.

מעקס האָט אַליין נישט געוווסט, פאַרוואָס ס׳איז אים אַזוי גוט. צי דערפאַר, וואָס ס׳ווײַב וועט אים געבוירן אַ יונג, צי דערפאַר, וואָס ער האָט דער ערשטער באַגעגנט אַ שניייק נײַ־יאָר, צי דערפאַר, וואָס ער האָט געפונען אַ מענטשן, וואָס מ׳קאָן זיך פאַר אים אויסריידן ס׳האַרץ. ווי ס׳זאָל נישט זײַן, אַ גליקלעכערן, ווי מעקס, איז שווער געווען צו געפינען.

אויפגערוימטע זײַנען זיי אַרויס פון קעלער־שטוב. הערשל האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן, צי דער דאָלאַר, וואָס מעקס האָט אים

געגעבן, ליגט אין דער קעשענע, און ס׳רויטע, נישט־געגאָלטע פּנים האָט אויפגעלויכטן. די וועלט איז געוואָרן שענער. אויס נויט, אויס קעלט. ער האָט גענומען דרייען מיט אַ פּוס דעם שלייפשטיין. די פּלייצעס עטוואָס געבויגן. די פינגער, לאַנגע, פאַרזשאַווערטע, האָט ער געהאַלטן אויף דער קלינג פונם ברויט־מעסער, געהאַלטן און געקוקט, ווי דינע פלעמעלעך צינדן זיך פון אונטער די נעגל, בריען. די פלעמעלעך ציען זיך איבערן שנייִ, וואָס צעגייט. דער הויף איז שטיל. דער הויף שלאָפט. וואָס פאַראַ שלאָפן, וואָס פאַראַ יום־טוב, ווען דער הונגער האָט אים, הערשלען, אַרויסגעטריבן פון שטוב?

ער האָט אַרויסגענומען דעם האַמער, זיך צעקלונגען העכער און העכער:

— שאַרפן און שלייפן! מעסערס, שערן! שאַרפן און שלייפן!

א ײ ב י ק ײ ט

אַ גאַנצן טאָג איז אַ טרוקענער שניי געפאַלן איבער הײַזער און גאַסן, געפאַלן ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַרײַן. דערנאָך האָט דער שניי אױפגעהערט און ס'האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ פראָסט. דער פראָסט, װאָס האָט אײַנגעפרױרן דעם שניי, האָט זיך צעלײגט אויף די שויבן פון די הײַזער, אויף די שויבן פון די אויטאָמאָבילן. אַזוי האָט אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן צװײטן טאָג. אין אָװנט איז דער פראָסט געװאָרן שטאַרקער, האָט געסקריפּעט אונטער די פיס, געביסן נאָז און אויערן.

ס'איז געװען ערב נײַ=יאָר. שניי, פראָסט, לבנה — װי מען װאָלט דאָס נײַ=יאָר באַשטעלט. אַלע האָבן זיך געאײַלט, געטעמט מיט אַ װײַסלעכער פּאַרע. און װי אַ האָריקער סװעטער, װי אַ לאָק פון אונטער אַ פרויען=היטעלע — אַלץ איז געװען באַדעקט מיט װײַסן געפריר.

דוד ראָש איז אַ גאַנצן נאָכמיטאָג געזעסן אַ געבויגענער איבער זײַן שרײַב=טיש. ער האָט מיט אַ געדיכטן, דראָבנעם כתב באַשריבן אַ צװאַנציק זײַטלעך פּאַפּיר און איז געבליבן זיצן אַן אויסגעלײדיקטער. ער האָט זיך אַ הײב געטאָן פון טיש, אַ נעם געטאָן אין בײדע הענט די באַשריבענע זײַטלעך פּאַפּיר, װי אויף אַנדערע איז דער טינט נאָך נישט געװען טרוקן. פון דעם באַשריבענעם פּאַפּיר האָט זיך צו ראָשן אַ צי=געטאָן אַ װאַרימקײט, װי פון אַ אײגן געבוירן קינד. די לײדיקײט אַרום האַרץ האָט

געהאַלטן אין אײַנלויפן. ער האָט פּאָרזיכטיק אַוועקגעלייגט די באַשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, ווו אויף די שויבן האָט זיך געפּרעסטלט אַ הײַטל. ער האָט געהויכט, לאַנג געהויכט, גוט אָפּגעוואַשן די שויב, זי טרוקן גע־מאַכט און צוגעלייגט צום קאַלטן גלאָז דעם שטערן און די אויגן. אין דער טונקל־בלויער נאַכט האָבן זיך געווײַסט פאַרשנייטע דע־כער, אַ דאַך איבער אַ דאַך. און איבער די דעכער — ווײַסע קוימענס. דער פראָסט, דער שניי, די אָנגעשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר — דאָס אַלץ האָט אים אויפגעהייטערט, צעוואַרעמט. דער־צו איז געווען נײַ־יאָר. ס'האָט אים אַ צי־געטאָן אין דער קאַפע, ווו ער פלעגט פאַרברענגען די אָוונטן.

אויף דער גאַס האָט ראָש אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון דעם ווינטערדיקן מאַנטל. דער פראָסט האָט געברענט, אַזוי צע־ברענט די נאָז, אַז די אויגן זײַנען פאַרגאָסן געוואָרן מיט טרערן. און דער שניי אויף די טראָטואַרן, ווו טויזנטער פיס האָבן גע־טראָטן, האָט געפינקלט אונטער דער לבנה, ווי אָקסידירט זיל־בער.

ראָש איז אַרײַן אין דער קאַפע און ער האָט זי נישט דער־קענט. בײַ געדעקטע טישן און טישלעך איז געזעסן אַן אַנדער עולם, אַ פרעמדער עולם. כמעט אַלע יום־טובדיק אָנגעטאָן. רעק־לעך — שוואַרצע, טונקל־בלויע. פון די טיף־אויסגעשניטענע וועסטן האָבן אַרויסגעבלאַנקט ווײַס־געפּרעסטע העמדער. דאַמען — מיטל־יעריקע, יונגע, גאָר יונגע. די האָר — שוואַרצע, בלאָנדע, פלאַטין־בלאָנד — אָנגעבערגלט, אַ לעקל איבער אַ לעקל. און אין די אויגן, אין די נאַקעטע העלדזער און די אַקסלען—הונגער, הונגער, הונגער.

ראָש האָט זיך געחידושט, וואָס ער זעט נישט קיין שטאַם־געסט, וואָס ער הערט קיין יידיש וואָרט נישט. ווו זײַנען די שטענדיקע אַקטיאָרן, די שטענדיקע פּאָעטן? פאַרוואָס הערט ער נישט די קולות, וואָס הייבן זיך יעדן אָוונט פון די צעוואָרפענע טישלעך? ווו אַ דריי מיטן קאָפּ — אַ פרעמדער עולם, ווו אַ קער מיט אַן אויער—אַ פרעמד

לשון. און דער עולם איז דאָך אַ יידישער — יידישע מאַכלים, יידישע אויגן און נעז, אַ יידישער ענגליש. ראָשן האָט עס דורכגעטרייסלט. אַלץ איז אים איצט געווען דערווידער — די געדעקטע טישלעך, ווי צו אַ באַנקעט, די רעזערווירטע פּלעצער, די קאַפּעליע פידלער, וואָס האָבן געשפּילט אַ „טוסטעפּ", די פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך קונציק געדרייט צווישן די טישן. וואָס טוט ער דאָ, ראָש, אַ יידישער שרײַבער? פאַר וועמען האָט ער געשריבן אַ גאַנצן נאָכמיטאָג? געשריבן אַכט שעה, צען שעה? אָנגעשריבן אַ גאַנץ קאַפּיטל פון אַ נײַעם ראָמאַן? אויפגעלעבט אַזוי פיל ווערטער, גוטע, אַלטע ווערטער, פון פופצנטן יאָרהונדערט, פון זעכצנטן יאָרהונדערט? פאַר וועמען? פאַר אָט די קרעמער, פאַר אָט די מעקלער, וואָס האַנדלען און שאַכערן מיט אַלץ—מיט שמאַטעס, מיט גאָט, מיטן אייגענעם לשון?

אַ ווייטאָג פאַר זיך, פאַר זײַן אַרבעט, וואָס קיינער דאַרף נישט, פאַר זײַן אייגן לשון, האָט ראָשן אַרומגענומען. ער האָט אויסגעשפּיגן און געוואָלט אַרויסגיין. לעבן דער טיר איז צו אים צוגעקומען אַ באַקאַנטער קעלנער:

— ווהין, מיסטער ראָש? — און ער האָט געוויזן אויף אַ טישל — אָט דאָרט, ווו דאָקטאָר הערץ זיצט, איז דאָ פּלאַץ.

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז מען דאַרף רעזערווירן אַ פּלאַץ.

— איר דאַרפט נישט רעזערווירן — האָט דער קעלנער אים פאַרשטעלט דעם וועג — פאַר די אַלטע שטאַם-געסט האָבן מיר איבערגעלאָזט עטלעכע נישט-רעזערווירטע טישלעך.

ראָש האָט אַ קוק געטאָן אויפן דאָקטאָר, וואָס איז געזעסן איינער אַליין בײַ אַ טישל, איז געזעסן איבער אַ גלאָז טיי און האָט אַרײַנגעקוקט אין אַ ביכל, ווי אַרום אים וואָלט מוזיק נישט געשפּילט, ווי אַרום וואָלטן מאַנסבילן ניט געגעסן מיט די אויגן דעקאָלטירטע העלדזער, פּלאַטערדיקע, אויסגעהונגערטע מיידלעך. די צעפּאַטלטע האָר בײַם דאָקטאָר זײַנען געווען ווײַס ווי קנאָבל. דער קאָפּ טיף אין די אַקסלען, ווי אַרײַנגעקלאַפּט. ס'קינדישע

פּנים אי ווייך, אי אויסגעבאַקן, און הינטער די ברילן אַ פּאָר קליינע אויגן.

שוין יאָרן, ווי ראָש האָט געקענט דעם דאָקטאָר, געוווּסט, אַז איבער אַ פערטל יאָרהונדערט, ווי ער פאַרברענגט די אָוונטן אין דער קאַפּע, רעדט וועגן דער גריכישער דראַמע, וועגן אַ העבּ־רעער פון מיטלאַלטער, וועגן די דײַטשע קלאַסיקער. ראָש האָט דעם דאָקטאָר נישט ליב געהאַט, זיך זעלטן מיט אים באַגריסט, זיך זעלטן צוגעזעצט צום אַלטנס טישל. דער דאָקטאָר פלעגט רעדן מיט ביטול וועגן יידיש. פאַר אים איז יידיש געווען אַ צו־יונגע שפּראַך. איצט אָבער, ווען פון דער קאַפּעליע, פון די יום־טובדיקע געסט, פון דעם גאַנצן אַרום, האָט געבלאָזן מיט פרעמד־קייט, מיט קרירה, איצט איז דאָקטאָר הערץ אים געוואָרן נעענטער, געוואָרן אַן אייגענער.

ראָש האָט זיך צוגעזעצט.

— גוטן אָוונט, דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ פון ביכל, וואָס ער האָט געהאַלטן, אַ רוק געטאָן די ברילן אויפן שטערן און מיט קורצזיכטיקע אויגן אָנגעקוקט ראָשן.

— גוטן אָוונט, ראָש.

ער האָט געוויזן מיט אַ פינגער אויפן ביכל און ס׳אַלטע פּנים האָט אויפגעלויכטן:

— ער האָט געקענט.

ראָש האָט זיך אַ בויג געטאָן, אַרײַנגעקוקט אינם צעעפנטן ביכל. ס׳איז געווען גריכיש. ער האָט געפרעגט בײַם דאָקטאָר:

— וואָס פאַר אַ בוך איז עס?

— דאָס איז אַריסטאָפאַנעסעס „זשאַבעס" — האָט דער דאָקטאָר געקלאַפּט מיט די ציטערנדיקע פינגער איבער די גרי־כישע בלעטלעך און געוויזן אויפן עולם פון קאַפּע — איר זעט דעם עולם? דאָס איז מען זיך צונויפגעקומען באַגעגענען ס׳נײַע יאָר מיט מוזיק, מיט ווײַן, מיט פרויען. ווייל איך אײַך זאָגן, אַז ס׳איז קיין מוזיק, קיין ווײַן, קיין פרויען. וויין, פרילינג, פרייד און פרויען דאַרף מען זוכן בײַ אַריסטאָפאַנעסן. און מען געפינט

עס בײַ אים. מען דאַרף עס אָבער לייענען אין אָריגינאַל. זײַנע קאָמעדיעס זײַנען טראַגעדיעס מיט לאַכנדיקע פּנימער.

— ווי לאַנג איז שוין פון אים? — איז ראָש געוואָרן אויפגעהייטערט, וואָס ס'זיצט אַ מענטש און לייענט נאָך איצט אַריסטאָפאַנעסן.

— ווי לאַנג ס'איז? — האָט דער אַלטער אַ זופּ געטאָן דעם קאַלטן טיי — אַ פיר, פינף הונדערט יאָר פאַר קריסטוסן.

— און ער לעבט נאָך?

— צי ער לעבט נאָך? — האָט דער זקן זיך האַרציק צעלאַכט — און אין טויזנט, און אין פינף טויזנט יאָר אַרום וועט ער נישט לעבן? דאָס איז די אייביקייט.

— די אייביקייט — האָט ראָש נאָכגעזאָגט, און די פרייד, וואָס האָט זיך געהויבן אין אים מיט דרײַ שעה קריק, מיט צוויי שעה קריק, האָט זיך אויף ס'נײַ גענומען וועקן אין אים — אויב אַזוי, דאָקטאָר הערץ, איז עס מעגלעך, אַז אין אַ פינף יאָרהונדערט אַרום, אין אַ נײַ־יאָר נאַכט, זאָל דאָ ערגעץ אין קאַפע זיצן עמעצער און לייענען אַ יידיש בוך.

— אַוודאַי מעגלעך, שוין גאָר מעגלעך — האָט דער אַלטער גערוקט די ברילן איבערן שטערן, געזוכט ווערטער — און פאַר־וואָס בלויז אין פינף הונדערט יאָר אַרום? אין טויזנט, אין פינף טויזנט יאָר אַרום וועט געוויס זיצן אַן אַנדער דאָקטאָר הערץ, צי אַ שריפטשטעלער ראָש און וועט לייענען, וועט זיך פאַרטיפן אין אַ גוט יידיש בוך. נאָר ס'בוך דאַרף זײַן גוט, דאַרף זײַן עכט. גוט איז אייביקייט.

ראָש האָט פאַרגעסן, אַז אַרום זיצן פרעמדע מענטשן, וואָס רעדן אַ פרעמד לשון, וואָס פאַרטראַכטן זיך קיינמאָל נישט וועגן דעם גורל פון יידיש. אין פאַרגלײַך מיט דער אייביקייט, וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן אָט די אַלע פאַרשוינען? און יידיש איז אייביק. ס'עכטע יידישע בוך — אַוודאַי און אַוודאַי אייביק. דאָס האָט אַפילו געמוזט צוגעבן דער אַכציק־יאָריקער דאָקטאָר הערץ, וואָס איז נישט אַזוי פאַרליבט אין יידיש.

די שווינדל־טירן פון קאָפּע האָבן זיך געדרייט, האָבן אַרײַנגעלאָזט פרישע פּאָרלעך, וואָס האָבן מיטגעבראַכט ווײַסע וואָלקנס פּאַרע, אָנגעזאָגט, אַז אין דרויסן ברענט דער פראָסט. די פידלער האָבן געהויבן בויגנס, געשפּילט. די געסט האָבן געגעסן, געטרונקען, געטאַנצט, באַגעגנט ס'נײַ־יאָר.

בײַ ראָשן האָבן די פיס זיך געשאַרט צום טאַקט פון די פידלען. און אַז דער קעלנער איז פאַרבײַ, האָט ער אים אָפּגעשטעלט:

— הער, לואי, אויב יאָ אייביקייט, טאָ גיב פאַר מיר מיטן דאָקטאָר אַ פלאַש מאַלאַגע.

אַ „ווינדאָ־קלינער" *

דער הונגער און די מורא צו בלײַבן אײנער אַליין מיט די פיר ווענט האָבן אים געטריבן פאַרטאָג אין גאַס אַרײַן. ער האָט אַ נעם געטאָן די מכשירים — אַ צעקנייטשטן, בלעכענעם עמער, אַן אויסגעריבן שטיקל זאַמש, אַ גומענע ווירע — און איז אַרויס פון שטוב.

ער איז געווען דין און אַלט, גאָר אַלט — אַ פאַרדאַרטביימל אָן בלעטער. די יאָרן זײַנען געווען צעטרענצלט, האָבן זיך געוואַלגערט אויף בראָדוויי, אויף פינפטער עוועניו, ווו ער האָט אַ לעבן געוואַשן פענסטער, זיך געהויבן פון שטאָק אויף שטאָק. ער האָט געקלעטערט איבער די העכסטע געזימסן, איבער די שמאָלסטע קאַרניזן, אײַנגעזאַפּט אין זיך אַזוי פיל בלויקייט, אַזוי פיל זון.

און אַז ער האָט זיך שוין פאַרקליבן אויפן צוואַנציקסטן שטאָק, אויפן דרײַסיקסטן, אויפן פערציקסטן, האָט ער מער ניט געוואַשן קיין שויבן מיט וואַסער און קרײַד. ער האָט געשעפּט די בלויקייט נישט מיטן עמער, נאָר מיטביידע הענט, מיט לײַב און לעבן, זי געשלײַדערט פון פענסטער אויף פענסטער, איבער בראָדוויי, איבער גאַנץ ניו־יאָרק, געווישט די שויבן מיט צע־

* אַ פענסטער־פוצער.

דריוולטע שטיקער זון און טויזנטער, צענדליגגער טויזנטער פענסטער האָבן אויפגעלויכטן מיט זון און גאָלד.

מיט דער עלטער איז דער קאָפּ געוואָרן שוואַכער, געקראָגן אַ מיש, ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין הייכן, וואָס האָבן געשווינדלט אין די אויגן, געמאַניעט, גערופן, ווי דער ווינטיקער האַרבסט מאַניעט די טרוקענע בלעטער פון די ביימער אַראָפּ. דערצו איז דער אַלטער געבליבן אַליין אויף דער וועלט — קיין ווײַב, קיין קינד, קיין חבר — געבליבן מיטן עמער, מיטן שטיקל זאַמש, מיטן רחמנות צו די צענטרענצלטע יאָרן, מיטן אײַנגעדאַרטן גוף, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין צעשיטן.

מען האָט דעם אַלטן אויפגעהערט אַרויסצושיקן אויף די דרויסנדיקע פענסטער־קאַרניזן, ווו ער איז געשטאַנען אַ האַלבן יאָרהונדערט אַ צוגעפּאַסעקטער, געשטאַנען און גערייניקט די שויבן, זיי געוואַשן. דערנאָך האָט מען אים אינגאַנצן אָפּגעזאָגט. פון גרויס איינזאַמקייט און רחמנות צו זיך האָט ער אָנגעהויבן אײַנצוטענהן מיט דעם בלעכענעם עמער, מיט יעדן פאַרבײַגייער. ער האָט זיך געשאַרט איבער די בראָנקסער גאַסן און עוועניוס, געקלונגען די „דאָמווייטער"־גלעקלעך, אָנגעשטעלט די אַלטע, שווערע אויערן. און אַז אַ טירל האָט זיך געעפנט און מען האָט געפרעגט — „ווער איז?" — האָט ער הכנעהדיק אָפּגעזאָגט דעם אײַנגעחזרטן פּזמון:

— כ'וואַש ביליג פענסטער, גאָר ביליג, צען סענט אַ שטיק!

אַרום אַכט אַזייגער איז דער אַלטער צוגעקומען צו קראָטאָנע־פּאַרק, ווו אַ ווינט האָט איבער די אַספּאַלט־וועגן געשאַרט און געטראָגן בראָנזענע בלעטער מיט אַ קלימפּער. ער האָט דורכגעשניטן דעם פּאַרק און איז אַ ווײַל געבליבן שטיין בײַם אַרויסגאַנג. ער האָט געציטערט איבערן עמער, וואָס איז געהאַנגען אויף דער האַנט, אַרײַנגעטענהט אין אים:

— ברודערל מײַנער, אייניינעם געשפּרײַזט איבער בראָדוויי, אייניינעם זיך געהויבן אויפן צוואַנציקסטן, אויפן דרײַסיקסטן, אויפן פערציקסטן שטאָק, געוואַשן שויבן, וואָס זײַנען העכער גע־

ווען פּאַר אונדז ביידע. און הײַנט? הײַנט שלעפּן מיר זיך איבער די הײַזער. אָט איז פּראָספּעקט־עווענױ.

אַן איטאַליענער, ברייטער ווי העכער, מיט אַ קאַרוזע־קאָפּ, מיט אַן אָפּערע־ניגון צווישן די ליפּן, איז געשטאַנען איבער אַ טאַפּליע אײַז. ער האָט עס אויסגעמאָסטן, צעזעגט און מיט צוויי שטיקער אין ביידע הענט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ קעלער אַרײַן.

דער אַלטער איז אים נאָכגעגאַנגען. אינם קעלער איז געווען טונקל, כאָטש אין אַ ווינקל האָט געברענט אַ פאַרשמירט עלעקטריש לעמפּל. עס האָט געשמעקט מיט אָפּפאַל, מיט קעץ.

— ווי איז ביזנעס, מייק? — האָט דער אַלטער געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך מיטן אײַז־מאַן געקענט יאָרן.

— נישט גוט, — האָט דער איטאַליענער געקוקט אויפן אַלטן, זיך געקווענקלט, וואָס ער רעדט פאַר אַ ווילד־פרעמדן און זיך צערעדט — נישט גוט. אַלע הײַזער שטעלן אַרײַן „רעפריד־זשירייטאָרס". מען דאַרף נישט קיין אײַז־מאַן. דער אויטאָמאָביל האָט אַוועקגעהרגעט דאָס פערד; די אײַז־מאַשין — דעם אײַז־מאַן. נישט גוט, מיסטער.

— נישט גוט, — האָט דער זקן אַוועקגעשטעלט דאָס עמערל מיט מכשירים.

ער האָט געזוכט, גענישטערט, געוואָלט דערציילן, ווי דאָס לעבן האָט אים אַרומגעביסן, אַרומגענאָגט, און איצט וואַלגערט ער זיך איבער די גאַסן — אַ דאַרער, טרוקענער ביין. און אַז ער האָט שוין געהאַט די מעשה אויף דער צונג, איז דער איטאַליענער שוין נישט געווען אין קעלער. דער אײַנגעלאָפּענער גוף האָט זיך אַ צי געטאָן, אויסגעזען נאָך שמעלער און דינער. בלויז די אויגן, טרויעריקע אויגן, האָבן געבליקט מיט שרעק, מורא געהאַט זיי זאָלן זיך נישט אויסלעשן.

דער זקן האָט אַ קוועטש געטאָן עטלעכע עלעקטרישע קנעפּלעך מיט אַמאָל און זיך אײַנגעהערט. טירלעך האָבן זיך געעפנט, קולות האָבן זיך געטראָגן:

— האַלאָ! ווער איז? אײַז־מאַן?

דער זקן האָט זיך צעזונגען:

— כ'וואַש ביליג פענסטער, גאָר ביליג, צען סענט אַ שטיק!

טייל טירלעך האָבן זיך צוגעהאַקט מיט אַ רוגז, פון אַנדערע האָט זיך געהערט: „נישט היַינט!" און אַז דער זקן האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, האָט זיך דערטראָגן אַ מענעריש קול:

— איר וואַשט פענסטער? גוט! אויפן דריטן שטאָק, וואוינונג פערציק.

אין דער וואוינונג „פערציק" זיַינען די צימערן געווען פאַרלאָזט. דער באַלעבאָס, אַ יונגערמאַן, וואָס האָט אַ גאַנצן זומער געשריבן זיַין דיסערטאַציע, געוואָלט קריגן דעם טיטל דאָקטאָר פילאָסאָפיע, האָט זיך געריכט אויף דער משפחה. דאָס וויַיב איז געווען מיטן קינד אין די בערג, האָט געלאָזט וויסן, אַז זי קומט אַהיים. זי האָט אָנגעזאָגט, דער מאַן זאָל לאָזן וואַשן די דילן, די פענסטער.

ער איז אַנטקעגנגעגאַנגען דעם „פענסטער=וואַשער". פאַר אים איז געשטאַנען אַ זקן. ס'פּנים, די הענט — פאַרדאַרט לעדער. דער קאָפּ אָן אַ זיַיט, צווישן די שמאָלע פּלייצעס.

— איר, זיידעשי, וועט זיך אַרויסזעצן וואַשן די פענסטער?

— אַוודאַי איך — האָט דער זקן אַ צי געטאָן די ליפּן, ווי שטיקלעך לונג, און אַ הייב געטאָן ס'עמערל מיט די מכשירים.

דער יונגערמאַן האָט אים אַריַינגעשטעקט צען סענט. ער האָט נאָכגעקוקט דעם זקן, ווי ער וואַקלט זיך איבער דער טרעפּ, און די זאָרג, מענטשלעכע זאָרג און מענטשלעכער טרויער האָבן זיך געטראָגן פונם פענסטער=וואַשער צום יונגנמאַן.

ל ו ס י ל י

אַ שוואַרץ מאַנטעלע, וואָס איז לויז געפאַלן איבער די קליינע, שמאָלע פּלייצעס, האָט העכער און בויגיקער געמאַכט די אַזוי אויך דינע און שיינע פיס. די האָר, רויטלעך-ברוינע, פאַר-לייגט הינטער די קליינע אויערן, זײַנען נאַכלעסיק געווען צע-פּאַטלט איבערן ווײַסן שטערן. ס'לענגלעכע פּנים — ליכטיק, אַזש דורכזיכטיק. מיט יעדן בליק, מיט יעדן קוק, האָבן די ברעמען, די אויגן, די וויִעס, זיך געהאַלטן בײַ לוסין אין איין שאָטענען — אי טונקל זיך געכמורעט, אי אויפגעפינקלט פון שוואַרצקייט.

לײַכט און געשיקט האָט לוסי זיך אָנגעטאָן אַ קליין, שוואַרץ היטעלע, וואָס האָט שענער און רײַכער געמאַכט די רויטלעך-ברוינע האָר. זי האָט זיך אַ שטעל געטאָן אין שפּיגל, אויפגעדרייט דאָס עלעקטרישע לעמפּל, און מיט די שפּיץ פינגער—לענגלעכע, ווייסע — האָט זי דאָ אויסגעגלײַכט אַ פעלדל, דאָרט אַ גלעט געטאָן אַ קנייטשל. לוסי האָט אָנגעקוואָלן פונם מיידל אין שפּיגל, וואָס האָט געדאַרפט אין אַ האַלבער שעה אַרום זיך טרעפן מיטן דראַמאַטורג, מיט העניִי טשעטערטאָן.

טיף אין צימער בײַם ווערקשטעל איז געשטאַנען לוסיס פאָטער, אַ געבויגענער, און געפּרעסט אַ פּאָר הויזן. דערלעבן איז געזעסן די מוטער און האָט אײַנגענייט קנעפּ אין אַ ראָק-טאַטע-מאַמע האָבן זיך איבערגעקוקט (און דאָס עטלעכע מאָל

אַ טאָג), געשעפּט נחת פון דער טאָכטער, וואָס איז געווען אַ לערערין אין אַ „האַי־סקול", האָט געלערנט מיט קינדער פּראָ־צוויזיש. און אַז די טאָכטער האָט זיך צעשריִען, איבערגעקערט ס'הויז, געבראָכן טעלער און געוויינט, ווי זי וואָלט משוגע גע־וואָרן — האָבן טאַטע־מאַמע אין דער שטיל, צווישן זיך, איר אויך געגעבן רעכט. אַ „האַי־סקול"־לערערין, העכערע געזעלשאַפט, און דאָ — אַ טאַטע אַ פּרעסער. ווי ברענגט מען טאַקע אַ יונגנ־מאַן אין שטוב אַריַין? ווען לוסי איז אָבער געווען אויפגעלייגט, האָבן טאַטע־מאַמע קיין גרעסערן נחת ניט געקאָנט האָבן. אַ שטעל, אַ קוק, אַן אויסזען — אַ פּרינצעסין. זיי האָבן זיך געשפּיגלט אין דער טאָכטער.

די „פּרינצעסין" האָט אין שפּיגל דערזען טאַטע־מאַמע און איר שיינקייט איז איר ניט איַינגעגאַנגען. אַ באַליידיקונג צום הויז, צו די מענטשן, צו זיך אַליין האָט זיך גענומען וועקן אין איר. וואָס האָט זי מיט די מענטשן — מיט דעם געבויגענעם ייד, מיט דער פאַרעלטערטער יידענע? ווער דאַרף זייער ליבע? געווען אַ צעל, געווען צעלן, וואָס האָבן בלינד געלעבט אין פאָטערס ליַיב, אין דער מוטערס ליַיב. וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די צעלן מיט איר, מיט לוסין, וואָס שטייט איצט דאָ אין שפּיגל, וואָס לערנט פּראַנצויזיש אין אַ „האַי־סקול", וואָס קען עזרא פּאַונדס לידער אויף אויסווייניק? טאַטע־מאַמע? מענטשן, וואָס לעבן אַ פרעמד לעבן, זיַינען שוין אַ דריַי צענדליק יאָר אין אַמעריקע און רעדן קיין וואָרט ענגליש נישט. ווי וויַיט און פרעמד איז איר דאָס אַלץ!

דער מוטערס אויגן, רויטלעכע, אָנגעשטרענגטע, האָבן דער־זען אויף דער טאָכטערס מאַנטל אַ וויַיס שטיקל פּאַסטריגע־פאָדעם. זי איז אונטערגעגאַנגען מיט הכנעה, האָט אַ גליקלעכע אַראָפּגענו־מען ס'שטיקל פאָדעם און געפרעגט:

— לוסישי, גייסט ערגעץ? ווו גייסטו?

— כ'דאַרף עמעצן זען.

— ווען וועסטו זיַין קריק? — האָט די מוטער איר דער־לאַנגט דעם בײַטל.

לוסי האָט כמעט ווי ניט געענטפערט. זי איז אַרויס פון שטוב. אויף דער גאַס האָט זי אָפּגעאָטעמט, ווי זי וואָלט אַרויס פון אַ תּפיסה. אויס טאַטע־מאַמע, וואָס וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט איינוואָרצלען אין דער אַמעריקאַנער ערד, וועלן בלײַבן עמיגראַנטן, וועלן בלײַבן „גרינע", וואָס לעבן מיטן פּוילישן שטעטל. זייער לשון — אַ גרילצערײַ, וואָס זי, לוסי, האָט פײַנט, קען ניט פאַרטראָגן.

דאָ, אויף דער גאַס, ווו יעדער דורכגייער שטעלט זיך אָפּ, קוקט איר נאָך, ווערט לוסי אַן אַנדערע, אַ בעסערע. ס'מאַנטעלע צעפּראַלט, ס'היטעלע ווילעריש אָן אַ זײַט. די האָר, די אויגן, יעדער בויג און יעדער קער — איין ליכטיקער שמייכל, וואָס שטעקט־אָן, רוימט אײַן, אַז ווי לאַנג ס'זײַנען דאָ אַזוינע פּנימער, איז גוט אויף דער וועלט.

מיטן שפּרײַזן פאַרגעסט לוסי, אַז זי איז אַ יידישע, פאַר־געסט אַלץ. דאָ, אויף דער גאַס, איז זי פרײַ, קאָן זיך אָפּקלײַבן, וואָס פאַרא טאַטע־מאַמע זי וויל נאָר אַליין. און ס'איז דאָ פון וואָס צו קלײַבן! דער קאָפּ ווימלט מיט אַלטע יחוס־משפחות — דזשעפערסאָן, העריסאָן, עדעמס, פרענקלין, מאָריס. זי ווייסט אַלע דאַטעס, קען די געשיכטע פון יעדער משפחה מיט אַלע רכילות און לעגענדעס, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין משך פון דורות.
זי, לוסי, איז אַן אור־אור־אייניקל. זי וווינט אויף פינפטער עוועניו. אויף פאַרק־עוועניו, ווייסט די געשיכטע פון יעדן הויז, דעם סטיל אין וועלכן ס'איז געבויט. איצט גייט זי זיך טרעפן מיט טשעטערטאָנען. זי — לוסי — ליס אַן אור־אור־אייניקל. ער — טשעטערטאָן — אַ דראַמאַטורג. זײַן דראַמע שפּילט מען אויף בראָדוויי. פאַר די לעצטע צוויי וואָכן האָט לוסי אַלץ איבערגע־לייענט, וואָס טשעטערטאָן האָט געשריבן, אַפילו זײַן באַנד לידער. טעג, וואָכן האָט לוסי זיך אײַנגערעדט, אַז זי קען אים, קען טשעטערטאָנען, האָט זיך מיט אים באַקענט בײַ די לויסאָנס אויף אַן אָוונט. און אַז זי אַליין האָט גענומען גלויבן אין דעם, האָט זי אים אָנגעקלונגען:

— מיסטער טשעטערטאָן?

ס׳קול אירס איז געווען אַזוי קלאָר, ס׳האָט געקלונגען ווי ווײַטע, טיפע אָרגל־טענער.

— איר געדענקט מיך?

— יאָ, יאָ, בײַ די לויִסאָנס.

— מײַן נאָמען?

— לוסי לי.

דורכן טעלעפאָן־טרײַבל האָט לוסי דערקענט, ווי טשעטערטאָנס קול, אַ ווײַטס, אַ פרעמדס, האָט זיך גענומען בײַטן, איז געוואָרן ווייכער. און ווי ער האָט דערהערט איר נאָמען — האָט ס׳קול זײַנס אַ ציטער געטאָן. זיי האָבן זיך געדאַרפט טרעפן אויף דער פערציקסטער גאַס און פינפטער עוועניו.

פון דערווײַטנס האָט לוסי אים דערקענט. אַ הויכער, די פּלייצעס עטוואָס געבויגן. דער קאַפּעלוש מיטן ברייטן ראַנד האָט שמעלער געמאַכט דאָס ברייטע פּיר־עקיקע פּנים. לוסי האָט גענומען גיין גיכער. דער מאַנטל צעפלויגן, ס׳היטעלע—אויפן שפּיץ קאָפּ. זי איז אונטערגעקומען, ווי אַ ווינט, אים אונטערגעטראָגן אַ האַנט:

— וואָס מאַכט איר, מיסטער טשעטערטאָן?

ער האָט געצויגן דעם קאַפּעלוש, איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. אין דער האַנט אַ שטעקן. די פּאַסמעס בלאָנדע האָר זײַנען געפאַלן איבערן שטערן, אין די אויגן:

— אודאי געדענק איך אײַך, מיס לי.

ביידע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט פינפטער עוועניו, וווּ דער טומל האָט זיך געריסן פון די טראָטואַרן, פון די אויטאָמאָבילן, פון די אָמניבוסן און פון די הײַזער. דער שמועס איז גלײַך אַריבער אויף לוסיס עלטער־זיידעס, אויפן שטאַטסמאַן לי, וואָס האָט אונטערגעשריבן די „דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס".

טשעטערטאָן, וואָס האָט געהאַט גענוג כּבֿוד, גענוג געלט, גענוג ליבע, דער טשעטערטאָן, אַ פאַרמערס אַ זון, האָט גרויס דרך־ארץ געהאַט פאַר יחוס, זיך פאַרענטפערט, אַז די זעלבע שוואַכקייט האָט געהאַט באַלזאַק, האָט געהאַט אָסקאַר ווײַלד.

הין און צוריק אויפן טראָטואַר האָבן געשטראָמט מענטשן, און צווישן די שטראָמען האָבן ביידע — לוסי און טשעטערטאָן — זיך געטראָגן מיט פאַרריסענע קעפּ, זיך געהויבן איבער די מענטשן, איבערן טומל, איבער ניו־יאָרק, ווי ים־פעלזן הייבן זיך איבער די כוואַליעס.

ביידע זיינען גליקלעך, ביידע האָבן פאַרגעסן זייער אָפּ־שטאַם, געהאַלטן איז פונאַנדערוויקלען דורות. די קעפּ זיינען פול געווען מיט שטאַטסלייט, גענעראַלן, פּרעזידענטן.

פאַרנאַכט האָט טשעטערטאָן אָפּגעפירט לוסין אַהיים. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף פּאַרק עוועניו, צוגעזאָגט אים אָנצו־קלינגען, און איז פאַרשוואונדן הינטער געשניצטע טירן. און צוגע־זאָגט האָבן די אויגן, די מויל־ווינקלען, די האָר — די גאַנצע לוסי, וואָס איז אָנגעפלויגן ווי אַ ווינט און איז פאַרשוואונדן ווי אַ ווינט, זי האָט צוגעזאָגט אָנצוקלינגען.

טשעטערטאָן האָט געשלעפּט זיין נאָטיץ־ביכל, לאַנג געקוקט אויפן הויז, אויפן נומער. ער האָט פאַרצייכנט ווו לוסי וווינט, און אַ גליקלעכער, מיט אַלטן ווין אין אַלע גלידער, האָט ער זיך געלאָזט מיט פּאַרק עוועניו.

אין אַ פּופצן מינוט אַרום האָבן די געשניצטע טירן זיך געעפנט. לוסי האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, זיך אַרומגעקוקט און זיך גענומען שאַרן מיט די הייזער. אויס לוסי לי, אויס טשעטער־טאָן. די גאַסן, די מויערן, אַלץ האָט זיך געהאַלטן אין וועלבן, זיך אַוועקגעשטעלט, ווי אָפענע טויערן פון אַ תּפיסה. נאָך אַ טריט, נאָך אַ טריט און די אָפענע טויערן וועלן זיך הינטער איר צו־מאַכן. זי זעט שוין דעם איינגעהויקערטן שניידער, די פאַרעל־טערטע יידענע, טאַטע־מאַמע. כּעס און שנאה האָבן זיך גענומען וועקן אין איר, פאַרסמט יעדן נערוו — וואָס האָט זי מיט די מענטשן, וואָס וועלן זיך קיינמאָל ניט איינוואָרצלען, וואָס רעדן אַ פרעמדן לשון? וואָס האָט זי?

אַ גענגסטער*

דער פֿאָטער איז געשטאָרבן פֿון שווינדזוכט. דערנאָך איז געשטאָרבן ס'יעריקע יינגעלע, פֿישל. דערנאָך — ס'דריי־יעריקע, הערשל. געבליבן איז די מוטער מיטן עלף־יעריקן בערל און מיט דער צען־יעריקער אסתּר.

די מוטער מיט די קינדער האָבן אָפּגעהאַקט די טירן פֿון אַלע „טשאַריטיס"**. זיי האָבן זיך קוים דערשלאָגן מען זאָל צאָלן ס'דירה־געלט פֿאַר די דריי קאַלטע צימערלעך, ווו זיי האָבן געוואוינט אויף גאָרעק־סטריט.

בײַטאָג איז די מוטער געשטאַנען אונטער דער דעלענסי־סטריט־בריק מיט נאָדל־פֿאָדעם, מיט שיך־בענדלעך, מיט טאַשמעס. שפּעט אין די אָוונטן האָט זי געוואַשן פֿאַר שכנות. די פֿאַרע, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען אין די צימערלעך, די אָנגעזייפּטע שטיקער וועש, אַלץ האָט געביסן די אויגן, געקרעלט אין האַלדז, אַז מען האָט אַזש אונטערגעהוסט. פֿונם האַנדל און פֿון דער וועש האָט די מוטער אין די גוטע צײַטן צונויפֿגעקלאַפּערט ביז דריי דאָלאַר אַ טאָג.

אין שטוב איז געווען פֿריילעך. קיין טאַטע, קיין מאַמע. קינדער פֿון גאַס האָבן זיך דאָ געקליבן, זיך אָרגאַניזירט אין

---

* רויבער.

** צדקה־אנשטאלטן.

אַ „גאַרעק־גענג", וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער די אויבס־שטעלן, וואָס אונטער דער בריק. און אַז ס'זײַנען אונטערגעקומען ייִנגלעך פון אַ צווייטער גאַס, געוואָלט אונטערשלאָגן אַ ביסל אויבס, האָט דער „גאַרעק־גענג" נישט דערלאָזט, פאַרפירט געשלעגן און כמעט שטענדיק פאַרטריבן דעם שונא. דער עלף־יעריקער בערל איז געווען דער ייִנגסטער „גענגסטער". די חברים זײַנען אַלע געווען עלטער — חברה פון צוועלף, דרײַצן און פערצן יאָר. די צען־יעריקע אסתּר איז געווען איינס מיטן ברודער. פאַר איר האָט דער „גענג"* נישט געהאַט קיין סודות. וואָס חברה האָט אָפּגעשטעקט, האָט זי אַזוי פאַררוימט, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען אויסצוגעפינען ווו ס'ליגט. די חברה האָבן זי גערופן „קווין"—קיניגין. און לואי מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ, דער אָנפירער פונם „גענג", האָט איר אין „וווּלוואָירטס" געקויפט אַ פינגערל.

ס'איז פאַרבײַ אַ ווינטער. נאָך ווינטער אַ זומער און ס'איז שוין ווידער געווען ווינטער. פון די גוטע צײַטן איז שוין קיין זכר נישט געבליבן. חדשים ווי די מוטער איז אַהיימגעקומען אָן לייזעכץ, חדשים ווי מען האָט נישט אַרויפגעבראַכט קיין פעקל וועש. דערצו האָט זי געכומען אונטערקרענקען. נישט געווען די וואָך זי זאָל נית ליגן אַ טאָג, צוויי אין בעט.

דער הונגער, וואָס איז שוין פעסט געזעסן אין די צימערלעך, האָט זיך אַלץ טיפער פאַרקליבן אין די ביינער, געטריבן די מוטער פון הויז. בערל האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם טרויער אין דער מוטערס אויגן. ס'ייִנגל האָט ניט גערוט. ווען ניט די פאַרשאָלטענע „פּאָבליק־סקול", וואָלט ער פונאַנדערגעטראָגן צײַטונגען, וואָלט אַרויסגעהאָלפן דעם קוילנמאַן, וואָלט ווי עס איז זיך אַן עצה געטאָן. ער האָט גוט געדענקט, ווי מיט צוויי יאָר צוריק, ער איז נאָך קיין צען יאָר ניט אַלט געווען, האָט דער פאָטער פאַרן טויט אים צוגערופן און געקוקט אויף אים מיט אַ פּאָר אויגן, ווי די מוטער קוקט הײַנט:

---

* גענג — באַנדע.

— הערסט, מײַן זון, הערסט, בערל, דו ביסט דער עלטסטער. זאָלסט זײַן צו די קינדער נישט בלויז אַ ברודער, נאָר אויך אַ טאַטע.

ס'האָט אים ווײ געטאָן, וואָס פון דער משפחה איז געבליבן אַ העלפט, ווי ער וואָלט געווען שולדיק אין דעם. אַלץ אין אים האָט זיך געריסן אויסצוקויפן דעם ווייטאָג, צו פאַרגעלטן דער מוטער, דער שוועסטער פאַרן טויט פונם פאָטער, פון די ברידערלעך, פאַר דער נויט און הונגער, וואָס האָט געפײַפט אין שטוב. אין פּאָבליק־סקול, אין גאַס, בײַנאַכט אויפן געלעגער — שטענדיק און אומעטום האָט ער זיך געזען אינם שפּיץ פון דעם גאָרעק־„גענג", וואָס הערשט איבער דער גאַנצער געגנט ביז איבער דער דעלענסי־בריק.

בערל איז געשטאַנען לעבן פענסטער, וואָס האָט זיך געהויבן איבער דעכער און קוימענס, געשטאַנען און געקוקט ווי די נאַכט פאַלט־צו. ער האָט נישט געדענקט, ס'זאָל האָבן געווען אָוונט. אָט איז ער אַהיימגעקומען פון פּאָבליק־סקול און אָט איז שוין נאַכט. פון קיך, ווו אסתר האָט געוואַשן וועש, האָט זיך געטראָגן פּאַרע, זיך צעלייגט איבער די שויבן. בערל האָט מיט אַן אַרבל אָפּגעווישט די פּאַרע. אויפן שטריק, ווו מען האָט געהאַנגען וועש, האָבן אַ פּאָר מענערשע גאַטקעס מיט אַ פּאַטשערײַ, מיט אַ גרעגערײַ, זיך צעבלאָזן, ווי זעגלען. פון קיך, ווו וועש האָט זיך געפּאַרעט, זייף האָט געקרעלט, האָט אַ בלאָז געטאָן מיט ים — אויס גאָרעק־סטריט, אויס גאַטקעס. בערל, אַ „ראָם־ראָנער", אַ „בוטלעגער", * האָט זיך געטראָגן אויף אַ זעגל־שיף, זיך געטראָגן מיטן ווינט, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די זעגלען זײַנען שיר נישט צעריסן געוואָרן.

ס'ײנגל האָט אַרײַנגעשטעקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און זיך צעפײַפט. דערמיט האָט ער געוואָלט פאַרטרײַבן פון זיך די אײַנגעגעסענע קעלט, וואָס האָט געבלאָזן פון אַלע ווינקעלעך, וואָס מען האָט כמעט ווי נישט באַהייצט.

* שנאַפּס־מולכער.

אין דער גרויקייט האָבן געפּלאַטערט טויבן, זיך צוגעשטעלט אויפן שכנישן דאַך, ווו ס'איז געווען אַ דראָטענער טויבנשלאַק. די בלויזע ווערטער „טויבן", „טויבנשלאַק" האָבן געאָטעמט און געהויכט מיט אַ ליבער וואַרעמקייט. בערל האָט געוווסט, אַז די טויבן זײַנען פּיליפּס, אַז מיט פּיליפּן טאָר מען זיך נישט אָנהייבן. דער יונג קאָן אונטערהאַקן די אויגן, די זײַטן, קאָן אַוועקשיקן אויף יענער וועלט. און פונדעסטוועגן האָט בערל געזאַמלט טויבן־גרויפּן, זיך געקליבן אַוועקצונעמען בײַ פּיליפּן אַ פּאָר פייגל.

בערל האָט דערהערט זײַן נאָמען און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— מאַמע, רופסט מיך?

— יאָ, בערל.

די מוטער, וואָס איז אָפּגעלעגן אַ גאַנצן טאָג מיט אַ פּאָר געשוואָלענע פיס, וואָלט איצט אויך ניט אַראָפּ פון בעט, ווען ניט דער הונגער. זי איז געזעסן אַ געבויגענע אויפן פּאַרענטש פון בעט און מיט מאַטערניש אַרויפגעצויגן די צעפּאָרענע שיך. ס'ייִנגל איז געשטאַנען איבער איר:

— ווילסט עפּעס?

— ווייסט, בערל, כ'וואָלט גערן געגעסן אַ פריש שטיקל געבײַטלטע ברויט.

— איך אויך.

— טאָ גיי און ברענג אַרויף.

— אָן געלט גיי איך ניט, מאַמע.

— זי וועט דיר געבן — האָט די מוטער זיך אַ שטעל געטאָן — אַ קליין ברויטל, אַ פּונטיקס, זאָג איר, אַז מאָרגן וועל איך איר באַצאָלן.

— זי האָט מיר נעכטן אויך נישט געוואָלט געבן אָן געלט.

— ווילסטו איך זאָל מיך אַראָפּשלעפּן? קוים וואָס כ'האַלט מיך אויף די פיס!

בערל האָט נישט געענטפערט.

ער האָט געזען, ווי די מוטער שלעפּט אויף זיך אַרויף דעם מאַנטל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין צעלייגן, געזען, ווי זי נעמט אַ קנויל טאַשמעס. די טאַשמעס וועט זי פּרובירן פאַרקויפן דער געוועלבניצע אונטערן פּרייז. און אַז זי וועט נישט קויפן? וועט די מוטער איבערלאָזן די טאַשמעס פאַר אַ משכון און וועט אַהיימברענגען אַ ברויטל.

דעם צוועלף־יעריקן מאַנסביל האָט פאַרקוועטשט אונטערן האַרץ. אין האַלדז איז געבליבן שטיין אַ פאַרהאַרטעוועט שטיק געוויין, נישט אויסצושפּייען, נישט אַראָפּצושלינגען.

בערל האָט געוואָלט פאַרלויפן דער מוטער דעם וועג, גע־וואָלט איר איינשפּאָרן אַ גאַנג, און האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. און אַז די מוטער איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר, איז ער אַרײַן צו דער שוועסטער מיט אַ פאַרוויינט קול:

— אָן געלט שיקט זי מיך נאָך ברויט!

— זי האָט דען געלט און גיט ניט? — האָט אסתּר אַרויס־געשלעפּט פון וואַשטאָפּ די רויטע נאַשע הענטלעך.

— אָן געלט קומט דאָך אויס צו גנבענען!

— גנבעט מען, אַז ס׳הונגערט! — האָט אסתּר זיך אַ רוק געטאָן צום ברודער מיט רוגזה — די מאַמע דאַרף קומען צו זיך! אי דו, אי לואי, איר האָט דאָך אַ „גענג״, לאָמיך זען איר זאָלט קריגן פאַר דער מאַמען אַ שטיקל עוף?

— כ׳וועל קריגן! — האָט בערל זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג.

— ווו גייסטו?

ער האָט נישט געענטפערט און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. אויפן דאַך איז ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן. דער פאַרנאַכט, וואָס האָט בערלען געהאַט אויסגעפּעלט, איז נאָך דאָ געלעגן אויף דאַך און קוימען. בערל איז אַריבערגעשפּרונגען דעם ראַנד און איז געבליבן שטיין אויף פיליפּס דאַך, ווו אויפן קאַרביז, לענג־אויס, איז געזעסן אַ פאַסמע טויבן און אַריבערגעוואָרקעט איינע צו דער אַנדערער. דאָס האָבן זיי געוואַרט אויף פיליפּן ער זאָל עפענען ס׳טירל פון טויבנשלאַק. בערל האָט אין געאײַל

גענומען שיטן די טויבן=גרויפּן, זיי געשיט אין אַ שנירל. איינ=
ציקווייז האָבן די טויבן זיך אַ לאָז געטאָן צום שנירל גרויפּן,
זיך געוויגט פון פיסל אויף פיסל, זיך געוויגט מיט אַראָפּגעלאָזטע
קעפּלעך, זיך דערנענטערט צו בערלען. אָט די ברוינע, מיט די
גילדענע שפּרענקלעך אַרום העלדזל, וואָס פאַרלויפט אַלעמען דעם
וועג, די טויב וועט נאָך אסתּר היינט אָפּקאָכן פאַר דער מאַמען.
די טויב האָט זיך דערנענטערט. זי איז שוין גאָר נאָענט. בערל
האָט זיך אַ בויג געטאָן, דערפילט אַזאַ וואַרעמען צאַפּל צווישן
די פינגער. ס'בלוט האָט זיך אין אים אַ גאָס געטאָן פון די
הענט אין די פיס אַריין, פון די פיס אין קאָפּ. ער האָט אַריינ=
געשטעקט די טויב אין בוזעם אַריין און זיך געלאָזט מיטן דאַך
אַהיים.

גאָטס הויז

די זיך, די טעכטער און, דער עיקר, ס'ווײַב — אַלע האָבן קאָנען אָפּגערעדט, וואָכן אין אים אַרײַנגעטענהט:

— טאַטע, די געגנט איז צו גויִש, צו אײַנגעזעסן. אַ ייד מיט אַ באָרד קאָן דאָך דאָ די גאַס נישט דורכגיין, טאָ פאַר וועמען גייסטו אָוועקשטעלן אַ שול?

אויבנאויף איז די משפחה געווען גערעכט. אין ברוק עוועניו האָט מען טאַקע געדאַרפט זוכן אַ ייד. די געגנט איז געווען אַ דײַטשע. אַ צענדליק יאָר, ווי די דײַטשן האָבן געהאַט אַרויסגעשטופּט די שאָטלענדער, די פּיאָנערן, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן אַהער אין די זעכציקער, אין די זיבעציקער.

די שאָטלענדער האָבן געהאַקט פּאַסן וואַלד, אויפגעשטעלט צוויי=גאָרנדיקע הילצערנע הײַזלעך מיט ברייטע וועראַנדעס, מיט שאָטלענדישע אויוונס, און פון אַ ווילדערניש איז געוואָרן אַ ישוב, אַ שטילער אַ פאַרוואָרפענער ישוב. יעדער אײַנוווינער האָט זיך געהאַט זײַן קו, זײַן פערד=און=וועגעלע, זײַן הונט. פרילינג, זומער, ביז אַ שטיק אין האַרבסט אַרײַן, האָט דאָס יונגוואַרג געטריבן די קי אויף דער לאָנקע אַרויס, ווו ס'איז הײַנט טרימאָנט=עוועניו.

מיט דער צײַט איז דאָ און דאָרט אויסגעוואַקסן אַ דײַטשע ברויערײַ מיט אַ ריזיקן קוימען, וואָס האָט טאָג און נאַכט גע=וואָרפן רויך. פון די ברויערײַען, ווי פון פעסטונגען, האָבן די דײַטשן געשטורעמט די געגנט, אויפגעשטעלט דאָ אַ סאַלון, דאָרט

אַ טרינק־שטוב און אין פופצן יאָר צײַט איז אין דער גאַנצער געגנט קיין איין שאָטלענדער נישט געבליבן.

די דײַטשן האָבן די שטיבלעך איבערגעבויט. איבער די וועראַנדעס — הילצערנע באַלקאָנען, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אויף געשניצטע קאָלאָנעס, באַפּוצט מיט געזימסן, מיט געזימסלעך. ווו אַ ליידיק שטיקל פּלאַץ — אומעטום יונגע אויבס־ביימער, בלומען און פלאַנצן. די גאַסן, די געסלעך — געפלאַסטערט. איבער די געפאַרבטע שטיבלעך, ווי איבער אַלטאַנעס, האָבן זיך געוויקלט קריך־פלאַנצן. אַ שטיק דײַטשלאַנד האָט מען אַריבערגעפּעקלט אין די בראָנקס, עס אײַנגעפונדעוועט מיט שטיין, מיט ציגל, עס באַפעסטיקט און פאַרוואָרצלט מיט דײַטשער מוזיק, מיטן דײַטשן פאָלקסליד און ס'האָט אויסגעזען אַז קיין שטורעם וועט דעם קליינעם ישוב ניט אַרויסרײַסן.

וואָכן־לאַנג איז קאָן יעדן טאָג אַרומגעגאַנגען דעם דײַטשן קוואַרטאַל, האָט געזוכט אַ דירה פאַר אַ שול. ער האָט אויף די פינגער קוים געקענט אָנציילן אַ מנין. דאָ אַ יידישע שפּײַזקראָם, דאָרט אַ געוועלב, ווו מען האָט געקראָגן פון אַ העמד ביז רע־דער־שמירעכץ. דאָ אַ שנײַדער, דאָרט אַ שוסטער. און פון ביידע זײַטן ברוק עווענױ — אַזאַ רחבות, פענסטער, גאַנקעס, וועראַנדעס — אַלץ אײַנגעהילט אין פלאַנצן, אין בלומען. פאַר יעדן הויז — האָריקע הינט, ווי די וועלף. אויף די וועראַנדעס — עלטערע דײַטשן אין שטעק־שיך, די דײַטשע צײַטונגען אין די הינטערשטע הויזן־קעשענעס. די זקנים, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט צוריקגעצויגן פון ביזנעס, געפּיפּקעט ווער אַ ציגאַר, ווער אַ ציבעק, זײַנען געווען זיכער, אַז זיי וועלן שוין דאָ, ווײַט פון טומל, צווישן ביימער און פלאַנצן אויסלעבן די פאַר יאָר.

יידן זײַנען אָנגעקומען מיט וואַשינגטאָן־עווענױ, וואָס איז געווען האַלב וויסט, זיך געררוקט אַלץ העכער און העכער, די אַלטע פּריוואַט־הײַזלעך האָט מען אײַנגעלייגט. גאַנצע טעג האָט דינאַמיט געריסן דעם שטיינערנעם פונדאַמענט, שלעפּ־מאַשינען האָבן גערעוועט און אין דער שטילער ברוק־עווענױ האָט די ריינע

לופט געגומען קרעלן אין האַלדז, אין די אויגן און אין חלל האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ גהינום.

יידן האָבן געשטורעמט די דײַטשע פעסטונג, זיך דערנענטערט פון צוויי זײַטן, זיך אַרײַנגעשניטן אין איר, ווי מיט אַ קלין. דאָ און דאָרט האָט אַ פיר־פינף שטאָקיק הויז פאַרשטעלט די רחבות און אין דער שטילקייט, וואָס האָט זיך דורכן טאָג געביטן — איז געווען בלוי, גרין, פיאָלעט — די שטילקייט איז פול געוואָרן מיט טרויער.

קאָן האָט נישט צוגעהערט, וואָס דאָס ווײַב מיט די קינדער האַלטן אים פאַר אַ בטלן, פאַרן אַ „גרינעם". מיט דער יידישער עקשנות און אויסדויער האָט ער געגישטערט איבערן דײַטשן קוואַרטאַל, זיך ניט געגומען צום האַרצן, וואָס מען טרײַבט אים פון די וועראַנדעס, וואָס בײַ די הינט שפּאַרט זיך פון די געדערים אַ גרימערײַ, ווען זיי דערזעען אים. ער האָט אַזוי לאַנג געגישטערט, ביז אַן אַלמנה האָט אים פאַרדונגען אַ צוויי־שטאָקיק הויז. אויפן צווייטן שטאָק האָט ער זיך באַזעצט מיט דער משפחה און אויפן ערשטן האָט ער אַוועקגעשטעלט אַן „עמוד", האָט אַרויסגעהאַנגען אַ שילד — „שול אנשי בראָנקס".

די מלחמה האָט אָנגעהאַלטן יאָרן. יעדעס דײַטשע שטיבל — אַ פעסטונג, וווּ ס'איז געווען אַ געפאַר פאַר אַ יידן דורכצוגיין. אָנגעריײצטע הינט, קאַלט וואַסער און די בלויע אויגן זײַנען גרין געוואָרן פון שנאה, פון ביטול, פון עקל צום ייד.

נישט דינאַמיט, נישט שלעפּ־מאַשינען האָבן גובר געווען. אויך נישט דאָס, וואָס צווישן די שטיבלעך זײַנען אויסגעוואַקסן פיר־שטאָקיקע מויערן, פינף־שטאָקיקע מויערן — די שופרות פון יריחו האָבן גובר געווען. גראַמאָפאָגען האָבן נישט געלאָזט נאַכט ווערן. יידן האָבן איבערגערוקט די נאַכט פון נײַן אַזייגער אויף צוועלף, אויף איינס. דאָס האָבן די דײַטשן מער נישט געקענט אַריבערטראָגן. זיי האָבן פאַרשלאָסן די קליינע קירך פון רויע שטיינער, קאָלירטע שויבן, און זײַנען זיך צעלאָפן.

קאָן איז נישט קיין ביזנעסמאַן. ער איז אַ חזן, ער איז אַ רעווערענד. פאַרוואָס טאַקע זאָל גאָטס הויז זײַן פאַרשלאָסן? ביז אַהער האָבן די דײַטשן אויף דײַטש געבעטן צו גאָט, געלויבט זײַן הייליקן נאָמען, אַצינדערט וועלן עס טאָן יידן. זיי וועלן אַכּ־פערן גאָטס נאָמען אין דער ביבל־שפּראַך, אין העברעיִש. ער, משה קאָן, וואָס איז קיין ביזנעסמאַן נישט, קען נישט צוזען ווי גאָטס הויז פוסטעוועט, איז וויסט. איז ער נישט גערעכט, דער רעווערענד קאָן?

די דײַטשן האָבן אײַנגעזען, אַז רעווורענד קאָן איז גערעכט און האָבן אים אַוועקגעגעבן די קירך פאַר אַ שיבוש.

יידישע מוליאַרעס האָבן מיט האַמערס און דלאָטעס אַרויס־געהאַקט פון די שטיינערנע ווענט די צלמים, אַרויפגעשטעלט אויף דער געוועלבטער וואַנט אַ מגן־דוד פון מירמלשטיין. יידן פון וואַשינגטאָן־עוועניו, פון ברוק־עוועניו האָבן געפּראַוועט אַ „חנוכּת הבית", געפירט מיט מוזיק ספרי־תּורות אין שול אַרײַן.

מען האָט מער נישט געלאַכט פון קאָנען. די זין, די טעכ־טער און דער עיקר ס׳ווײַב, אַלע האָבן צוגעגעבן, אַז ווען דער טאַטע נעמט זיך צו מסחר, וואָלט ער ווײַט אַוועק. קאָן איז אָבער נישט געווען קיין ביזנעסמאַן. ער איז געווען אַ חזן, אַ מוהל, אַ מסדר קידושין. מיט די יאָרן האָט ער געמומען פסקענען שאלות, געלערנט יעדן טאָג מיט אַ „חברה" משניות און די ערשטע בראָנקסער שול האָט געשמט ווײַט און ברייט. ימים־נוראים האָט מען געמומען פאַר אַ מזרח־„שטאָט" פופצן דאָלאַר. און מיט דער פּרנסה איז קאָנס נאָמען געוואַקסן. פון אַ רעווערענד איז ער געוואָרן אַ רב — „ראַבאַי מאָזעס קאָן".

אויס אויבס־ביימער, אויס בלומען און פלאַנצן. פון ביידע זײַטן ברוק־עוועניו — ברייטע הויכע מויערן, ווי די קאַזאַרמעס, וואָס האָבן פאַרשטעלט די זון. יעדער מויער — אַ שטעטל, אַ ישוב פון דרײַסיק, פערציק פאַמיליעס.

יידן זײַנען געלאָפן פון דער „איסט סייד", פון האַרלעם, זיך באַזעצט אין די נײַע הײַזער מיט אַלע באַקוועמליכ־

קייטן — עלעקטרישע באַלײַכטונג, צענטראַלע באַהייצונג, וואַנעס, שפּריצן.

ס'זײַנען אַוועק יאָרן — זאַטע, רײַכע יאָרן. דער רב. ר' משה קאַן, האָט זיך אַרײַנגענומען אין שטוב אַרײַן איידעמס, שנורן, געפּירט אַ גרויסן שטאַט.

פונדאַמענטן — שטיינערנע, צעמענטענע. מויערן הויכע, ברייטע, אַ געבוי איבער אַ געבוי. מיט אַזוינע פּאָדפּאָרעס וועט קיין שטורעם נישט פּאַרטראָגן. אַזוי האָט געגלויבט ר' משה קאָן. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט אויסלעבן די יאָרן אין עושר און אין כבוד, וועט אַוועקגעבן די מלוכה דעם יינגסטן איידעם, אַ רב, וואָס האָט געענדיקט ישיבת ר' יצחק אלחנן.

ניו־יאָרק, ווי יעדער גרויסער טײַך, ווי זײַן טײַך, דער האָדסאָן, האָט צוויי שטראָמען. דער שטענדיקער, אויבערשטער שטראָם, וואָס האַלט אין איין אויסברייטערן, אויסציען די שטאָט, און אַן אינעווייניקסטער שטראָם, וואָס רײַסט אויס אײַנגעזעסענע ישובים, טאַשט זיי, טאַלירט זיי. פון דער טיף ווערט אַ שטיק לענג און פון דער לענג אַ שטיק טיף.

אין דער שטיל, ווי פון זיך, האָבן די צוויי שטראָמען אַ פּופצן יאָר זיך געגראָבן אונטער ברוק עווענױ. די רײַכע יידן זײַנען איינציקווײַז אַרויס פון דעם געדיכט־באַזעסענעם קוואַרטאַל, אַוועק, ווו די באַפעלקערונג איז שיטערער, די באַקוועמלעכקייטן מאָדערנערע. פון האַרלעם האָט זיך געריסן אַ צווייטער שטראָם. מען האָט פּאַרכאַפּט דאָ אַ הויז, דאָרט אַ הויז און יידן האָבן זיך מיט אַמאָל אַרומגעזען, אַז צווישן זיי ווױנען אָרעמערע, נעגערס.

ימים־נוראים נײַנצן־איין־און־דרײַסיק איז די שול „אנשי בראָנקס" כמעט געווען ליידיק. קוים אַ דריטל פון אַלע „שטעט" זײַנען געווען פּאַרקויפט און דאָס צו דאָלאַר, צו צוויי אַ „שטאָט". אַ יאָר שפּעטער איז שוין אַפילו שבת קיין מנין מער נישט געווען. אָרעמענישע באַלעבאַטים, נעגערשע באַלעבאַטים האָבן אָפּגעקלאַפּט בײַם רב, בײַ ר' משה קאָן, די טיר:

— מיר זײַנען נישט קײן ביזנעסלײַט. גאָטס הויז שטייט לײדיק, ביז אַהער האָט מען געגלויבט גאָט אין דער ביבלשפּראַך, הײַנט וועלן מיר בעטן צו גאָט אין לאַטײן, אין ענגליש. וואָס איז דער חילוק? אַבי גאָטס הויז וועט נישט פּוסטעווען.

גוישע מוליאַרעס האָבן אויסגעהאַקט מיט האַמערס און דלאָטעס צלמים אין די אויסגעקרישלטע ווענט.

אַ הובט

קערי האָט בײַם פּוטרירן אַ דיל זיך אויסגעגליטשט, איז אומגעפאַלן און האָט אויסגעלענקט אַ פוס. עס איז געווען דרײַ נאָכמיטאָג. איר טאָג אַרבעט האָט זיך געדאַרפט ענדיקן פינף. די באַלעבאָסטע האָט פון גרויס מיטלייַד איר בלויז אַראָפּגערעכנט פאַר איין שעה אַרבעט, ניט פאַר צוויי, און זי צוגעפירט צו דער טיר:

— גייט בעסער אַהיים און ליגט אַ טאָג אין בעט.

קערי האָט זיך קוים דערשלעפט אַהיים. שוין באַלד אַ וואָך ווי זי איז געלעגן צו בעט. דער אויסגעלענקטער פוס, וואָס האָט וויי געטאָן, שטאַרק וויי געטאָן, האָט גענומען אויפלויפן. קיין דאָקטאָר האָט מען ניט גערופן. אַ זקנה, וואָס האָט געהיילט דעם פוס מיט שמירעכצן, האָט פאַרזיכערט, אַז עס וועט בעסער ווערן. קערי האָט זיך געטרייסט, וואָס בעס, איר עלטסטע טאָכטער, דרייט זיך שוין חדשים אַרום ליידיק. זי האָט אין דעם געזען אַ גאָטזאַך. נו, טאַקע, וואָס וואָלט זי אָנגעהויבן טאָן ווען בעס וואָלט געאַרבעט? די קונדן, וואָס קערי האָט אָנגעהאַלטן שוין יאָרן, געוואַשן בײַ זיי פענסטער, דילן, געפּרעסט וועש — די קונדן וואָלטן זיך צעקראָכן. דערצו וועט מען הײַנט מאַכן די זעלבע שוואַרצע אַרבעט פאַר אַ העלפט, פאַר אַ דריטל געלט. איצט גייט בעס יעדן טאָג צו אַן אַנדער קונד. זי אַרבעט־אָפּ אירע זעקס שעה און ברענגט אַהיים אַמאָל אָנדערהאַלבן, אַמאָל

צוויי דאָלאַר. דערפֿון דערנערן זיך פֿינף מײַלער — קערי, בעס און דרײַ ייִנגלעך.

דער פּרימאָרגן, וואָס האָט זיך געפּאַקט אין די צוויי פּאַר־שטיקטע צימערלעך, האָט אָפּגעדעקט אויפֿן דיל בערגלעך אָנטועכץ, ווי קברימלעך. לעבן דעם אָנטועכץ, אויף אַ צעפּאָרענעם מאַ־טראַץ פֿון דראָט, זײַנען געשלאָפֿן דרײַ ייִנגלעך. האַלב־נאַקעטע, מיט פֿאַרוואָרפֿענע הענט און פֿיס, ווי הרוגים, זײַנען זיי געלעגן אין דער ברייט פֿון דעם מאַטראַץ. הענט אויף פֿיס, פֿיס אויף הענט, און פֿון די פֿאַרשטאָפּטע נעזלעך האָט זיך געריסן אַ גריל־צערײַ, ווי מען וואָלט געדרייט שטריק.

קערי האָט שטיל אַרײַנגערעדט אין דער טאָכטער, וואָס איז געשטאַנען אַ פֿאַרפּוצטע אין אַ קאַפּעלוש, האָט געהאַלטן אַ האַנט־וואַליז, ווו עס זײַנען געלעגן דער מוטערס פֿאַרפּעצטע אַרבעטס־קליידער. די טאָכטער, אַ ברייטפּלייציקע, אַ געוויקסיקע, האָט זיך געריבן די אויגן, פֿאַרשלאָפֿענע אויגן, דורכזיכטיקע, ווי העל ביר. אַזוינע אויגן זעט מען אָפֿט בײַ חיות. די מוטער האָט געהאַלטן די טאָכטער פֿאַר אַ האַנט און אַלץ אײַנאײַנעם איבער־געחזרט ס׳זעלבע:

— אַזאַ עשירות, בעס, ווי בײַ די ריילי'ס, האָסטו אויף דײַן לעבן ניט געזען. זי, מיסעס ריילי, איז אַן ענגלענדערין, אַן אמתע ליידי. איר רעדן, איר האַלטן זיך. זי צאָלט גוט, צוויי מיט אַ האַלבן דאָלאַר. זע אָבער, בעס, ס׳זאָל שפּיגלען אין אַלע ווינקעלעך.

— גוט, מאַמע, גוט.

בעס איז אַרויס אויף דער גאַס. דער פּרימאָרגן, אַ ליכטי־טיקער, אַ פֿרישער, איז איר אַ שפּרונג געטאָן אין די אויגן אַרײַן, פֿאַר אַ ווײַל צוגענומען די ראיה, און ס׳איז נאָך ליכטי־טיקער געוואָרן. ווו אַ קער — מענטשן. מענטשן מיטן שלאָף אין די אויגן, מיטן שלאָף אין די גלידער. צומיינסטן אַרבעטער, מיטן מיטאָג פֿאַרוויקלט אין אַ צײַטונג, מיטן מיטאָג אין אַ בלעכן קעסטל.

בעס איז אַרײַן צווישן עולם. פון ביידע זײַטן טראָטואַר האָבן זיך געצויגן מענטשן, זיך געאײַלט צום סאָבווײ. בעס איז ניט אַרײַן אין סאָבווײ. מען האָט זי אַרײַנגעשטופּט. די זײַטן, די טאַליע, די פּלייצעס — קיין זאַך איז מער ניט געווען אירס. אומעטום פּרעמדע זײַטן, פּרעמדע פּלייצעס, פּרעמדע הענט. אַרום מויל און אַרום דער נאָז — פּרעמדע בליקן און פּרעמדער אָטעם. בעס האָט זיך ניט צוגעהאַלטן. זי איז געשטאַנען אין אַ קלעם. זי האָט זיך געבויגן מיטן געפּאַקטן וואַגאָן דאָ אַהער, דאָ אַהין, געהאַט דאָס געפיל, אַז זי שטייט ניט, אַז די צונויפגעשטופּטע מענגע טראָגט זי, אַז באַלד, באַלד וועט די מענגע זי אויסשפּײַען.

אין אַזאַ געדראַנג איז בעס געשטאַנען איבער דרײַ פערטל שעה. זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט ווען זי איז אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע, איז אַרויס אין גאַס. בעס האָט דורכגעשניטן איין גאַס, אַ צווייטע. אַ פרישע, שטײַף ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן, פאַר די אויגן — אַזאַ רחבות — דער האָדסאָן. דער טײַך האָט זיך געקנייטשט, איז געווען בלוי, העל־בלוי. און דער פרימאָרגן, אַ צעשטראַלטער, האָט זיך געשפּילט מיטן טײַך, דאָ אַ פינקל געטאָן מיט פליטערלעך און דאָ זיך באַהאַלטן.

בעס איז שוין געשטאַנען בײַ אַ שמאָלער, פאַרשפּיצטער מויער, וואָס האָט זיך אַרײַנגעשניטן, ווי אַ דרײַעק, צווישן די ריזיקע הײַזער. זי האָט אָנגעקלונגען. אין דער טיר, באַשלאָגן מיט בלעך, האָט זיך געעפנט אַ קליין טירעלע. אַן אויג האָט אַרויסגעקוקט:

— איר האָט עפּעס געוואָלט?

— איך בין דער „וואַש־פרויס", קעריס, טאָכטער — האָט בעס אַ זאָג געטאָן די ווערטער, ווי אַ שפּרונג. — די מאַמע איז קראַנק, ליגט צו בעט, בין איך געקומען צורוימען.

— וואָס איז איר? — האָט דאָס אויג זיך געפרעגט און די טיר האָט זיך אַלץ נאָך ניט געעפנט.

— זי האָט זיך אויסגעלענקט אַ פוס בײַ דער אַרבעט.

— זײַט איר קעריס עלטסטע טאָכטער?

— יעס, מעם.

אין דער טיר איז געשטאַנען אַ הויכע, דינע פרוי אין די פּערציקער, דער קאָפּ פּאַרריסן, אַרום קליינעם מויל קיין שמייכל, און די אויגן, ווײַסלעכע אויגן, האָבן, דאַכט זיך, אַ טובה געטאָן ווען זיי האָבן אַרויסגערעדט אַ וואָרט. זי האָט געפרעגט:

— קאָנט איר טאָן הויז־אַרבעט?

— אַוודאי קאָן איך.

— האָט די מאַמע אײַך געזאָגט, אַז מען דאַרף די דילן וועקסן, דערנאָך פּוטרירן? אַז די פענסטער פּוצט מען מיט קרייד?

— די מאַמע האָט מיר אַלץ געזאָגט — האָט בעס זיך קונציק אַרײַנגעדרייט אין קיך אַרײַן און אויסגערעכנט דעם טאָג אַרבעט — די דילן וועקסן־פּוטרירן, ס'מעבל פּוצן, די פענסטער פּוצן און פּרעסן העמדער.

מיסעס ריילי איז געגאַנגען אויף אַפּריער. זי האָט גע־האַט אַ מינע פון אַ קאָמאַנדיר. זי האָט געוויזן מיט די הענט אויף די דילן, אויף די פענסטער, אויף די שטיקער מעבל, און אַזוי, אויף שטום־לשון, האָט זי בעסן צוגעפירט צום קויש וועש, וואָס איז געשטאַנען אין קיך. זי האָט איר געוויזן, ווו ס'פּלעט־אײַזן שטייט, און אַ פרעג געטאָן בעסן:

— ווי הייסט איר?

— בעס.

— איז הערט זיך גוט צו, בעס — האָט מיסעס ריילי אויפגעהויבן אַ פינגער, וואָס האָט צוגעגעבן אירע רייד וואָג — שטעלט אײַך גלײַך צו אַרבעטן און לאָזט קיינעם אין הויז נישט אַרײַן. אַז דער טעלעפאָן וועט קלינגען — ענטפערט נישט. איך פאָר צו אויף דער צוויי־און־פערציקסטער גאַס. כ'וועל זײַן קריק אַרום צוועלף, מיטאָג צײַט. פאַרשטאַנען, בעס?

— יעס מעם.

בעס, אַן איבערגעטאָגענע, די האָר פאַרנומען מיט אַ טיכל, איז געזעסן אויפן פענסטער, זיך אַרויסגעבויגן און געוואַשן די שויבן, געוואַשן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס'וואַסער האָט אַזש געפּײַפּט אונטער די פינגער.

ווינטלעך, וואָס זײַנען אָנגעלאָפן פון האָדסאָן, האָבן זיך פאַרקליבן אונטער די קליידער, זײַנען געלאָפן איבערן יונגן לײַב, ווי פינגער. אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט האָט זיך געטראָגן פון בעסן. אַרום און אַרום טויזנטער פאַרשטיקטע קולות, וואָס האָבן זיך געריסן, געוואָלט אַ געשריי טאָן. דער האָדסאָן האָט זיך געוויגט, האָט געבלענדט און געפינקלט. בעס האָט פון מאָל צו מאָל אויפגעהערט צו אַרבעטן. זי האָט געקוקט אויפן טײַך און געפילט ווי ס'גייט אין איר אויף אַ טרויער.

דער זייגער האָט געשלאָגן צען, האָט געשלאָגן עלף. דאָס שלאָגן האָט אָפּגעקלונגען אין די שטילע צימערן, ווי דער קלימפּער פון געשליפן גלאָז. בעס איז שוין פאַרטיק געווען מיט די פענסטער, מיט די דילן. זי האָט זיך שוין געוואָלט נעמען צום מעבל, זיך געכאַפּט, אַז זי וועט די גאַנצע אַרבעט אָפּטאָן אין אַ האַלבן טאָג, און איז געבליבן שטיין מיט די הענט אויף די באָקעס.

בעס האָט גענומען גיין איבער די צימערן. זי האָט געעפנט די שענק, באַקוקט מיסעס רייליס קליידער, אָנגעמאָסטן די קאַפּעלושן. אַזוי איז זי געגאַנגען פון איין צימער אין צווייטן. אין לעצטן צימער איז געווען אַ טיר אויף אַ ריגל. יאָ עפענען, ניט עפענען? בעס האָט אַ צי געטאָן דעם ריגל. די טיר האָט זיך געעפנט. אַ הונט, גרויס ווי אַ וואָלף, האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די הינטערשטע פיס. די פאָדערשטע האָט ער אָנגעשפּאַרט אָן בעסיס אַקסלען און אַזוי קאָפּ צו קאָפּ האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט — צוויי פּאָר אויגן — העלע, גרינלעכע. פון גרויס שרעק האָט בעס צומאָל קיין געשריי נישט געקאָנט טאָן. ס'גאַנצע בלוט האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין די שלייפן און אירע אויגן זײַנען געוואָרן אַזוי גרויס, אַזוי מוראדיק, אַז דעם הונטס גרימערײַ איז געבליבן אין די געדערים, אין האַלדז. דער הונט האָט אַראָפּגעלאָזט די פאָדערשטע לאַפּעס און גענומען באַשמעקן בעסיס שיך, ס'קלייד. בעס האָט זיך גענומען רוקן אויף קריק. דער הונט האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן קלייד. בעס האָט זיך אַ ריס געטאָן. דער הונט האָט זיך צוגעזעצט, איז גרייט

געוועזן אַ שפּרונג צו טאָן אויף איר. בעסיס אויגן זײַנען פֿול געוואָרן מיט פּלעמלעך און צווישן די פּלעמלעך האָבן זיך געזען דעם הונטס גרינלעכע אויגן, די שפּיציקע ציין, די שטאָלענע לאַפּעס. וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? זי האָט זיך צעשריגן מיט אַן אומגעהאַריש קול. דער הונט איז אַלץ גרייט געוועזן אַ שפּרונג צו טאָן אויף איר. פֿון גרויס שרעק האָט בעס עפּעס אַ כאַפּ געטאָן פֿון טיש. וואָס האָט זי אַ כאַפּ געטאָן? אַ שטיק בראָנז? אַ שטיק אײַזן? מיט אַלע כוחות האָט זי עס אַ שלײַ-דער געטאָן דעם הונט אין קאָפּ אַרײַן. דער הונט האָט זיך צעוויינט, הויך און שפּיציק. דערנאָך האָט ער אויסגעצויגן די לאַפּעס, דעם פֿאַרבלוטיקטן קאָפּ און שטיל געוויינט, גאָר שטיל, ווי אַ וויינענדיק קינד, וואָס האַלט ביים איינשלאָפֿן.

בעס האָט נישט געהערט, ווי מיסעס ריילי איז אַרײַן פֿון גאַס. פֿריִער האָט זי זיך געוואָרפֿן צום הונט, דערנאָך צו בעסן מיט אַ געוויין:

— האָסט מיר אָוועקגעהרגעט דעם הונט.

— דער הונט האָט זיך געוואָרפֿן אויף מיר — האָט בעס זיך פּרובירט פֿאַרענטפֿערן.

— אַ שאָד, וואָס ער האָט דיך נישט צעריסן, דו שטיק פֿלייש מיט אויגן — האָט מיסעס ריילי אַ כאַפּ געטאָן ס'טעלעפֿאָן-טרײַבל און אַרײַנגעשריען — אַ מאָרד איז באַגאַנגען געוואָרן אין מײַן הויז — שיקט גלײַך אַריבער פּאָליס.

ו ו ע ר י ם

די האַמבורגער יידישע קהילות — די פּאָרטוגעזישע, די אַשכּנזישע — האָבן פאַרהאַקט טיר און פענסטער, ווי אין דרויסן וואָלט געווען שבט, נישט תּמוז.

גאָטס משיח, שבתי־צבי, האָט אָפּגענאַרט, מיאוס אָפּגענאַרט— די שוואַכע האָבן אַלץ גענומען פאַר ליב און זיך געטרייסט מיט תּעניתים, מיט געוויין. די פאַרביסענע, וואָס האָבן פאַרקויפט די הײַזער, די הייף, וואָס האָבן צעטרענצלט ס׳געלט אויף משיחן, זיי האָבן געשטורעמט דעם הימל, זיך פאַרמאָסטן קעגן גאָט אַליין, אים אַראָפּגעשלעפּט אויף דער ערד.

שמד, ווי אַ מגפה, האָט זיך געטראָגן פון מזרח קיין מערב, נישט דורכגעלאָזט קיין איין יידישן ישוב, קיין איין יידישע קהילה.

אין שטילן, הייסן נאָכמיטאָג, וואָס האָט דורכגענומען און רײַף געמאַכט מענטש, פלאַנץ, ערד, האָט זיך אויך געטראָגן דער קילער ריח פון וואַסער, פון פײַכטע געוויקסן.

בײַם אָפענעם פענסטער איז געזעסן גליקל און האָט גע־זייגט אַ קינד. איין ברוסט, נישט קיין גרויסע, אַ ליכטיקע, פאַר־רויטלט פון דעם קינדס פינגערלעך, איז געלעגן אין די שוואַרצע, זײַדענע פאַלדן פונם קלייד. שטיקער זון זײַנען געפאַלן אויפן

קינדס רויטע, צונויפגעצויגענע ליפעלעך, האָבן געצונדן די מילך־טראָפּנס, וואָס זײַנען געשטאַנען אין די מויל־ווינקלעך. ברוסט, קינד, מאַמע — דער צײַטיקער נאָכמיטאָג האָט געשווילן מיט זאַפטיקע ריחות.

גליקלס אויגן — טיפע, טונקעלע — האָבן געלוקט דורכן אָפענעם פענסטער, געקוקט, ווי ס׳וואַסער אין דער עלבע קנייטשט זיך, שווענקט זיך, גליטשט זיך פון איין באָרט צום צווייטן. ס׳וואַסער וויגט זיך, ווי דער אומרו פונם וואַנטזייגער, ווי גליקלס לעבן דאָ אין האַמבורג. און דער נאָכמיטאָג האָט געטאָן זײַנס — געשאָטן מיט אַזאַ רחבות, גאָלד און זילבער, אַז די אויגן האָבן זיך גענומען קלעפּן.

גליקל האָט איבערגעלייגט ס׳קינד צו דער צווייטער ברוסט. זי האָט אויפגעציטערט. פון שלאָף־קאַמער האָט זיך דערטראָגן אַ קלאַפּערײַ. באַלד איז ס׳גאַנצע הויז פול געוואָרן מיט אײַזן־געקלאַפּער. דאָס האָט גליקלס פּאָרטוגעזישער געזעלן, מאָקאַטי, געעפנט צוויי געשמידטע פעסער, וואָס זײַנען געשטאַנען מער ווי אַ יאָר פאַרפּאַקט. גליקלס שווער, ר׳ יוסף, וואָס האָט געהאַט פאַרקויפט אַלץ אין האַמיל, ס׳הויז, דעם הויף, געוואָלט זײַן גרייט אין וועג אַרײַן, ווען שבתי־צבי וועט דערלייזן די יידן, — דער יוסף האַמיל האָט מיט אַמאָל געלאָזט וויסן דורך אַ בריוו, אַז שבתי־צבי האָט אָפּגענאַרט, מיאוס אָפּגענאַרט. דער שווער האָט געהייסן עפענען די פעסער. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס לײַנענצײַג, די כּלערליי געוויכערטע פליישן, די אַלערהאַנט גע־טריקנטע אויבס־געבעקסן, די אַרבעסן — אַלץ וואָס ער האָט אָנגעגרייט אין וועג אַרײַן — זאָל נישט פאַרדימפּעצט ווערן, זאָל נישט פאַרשימלט ווערן.

פון גליקלס טונקעלע אויגן, פון אירע דינע ברעמען, פאַר־שפּיצטע ווי פײַלן, האָבן זיך געשאַרט שאָטנדלעך, זיך צעלייגט איבערן מאַטן פּנים, עס שענער און טרויעריקער געמאַכט. ס׳האָט איר וויי און ווייער געטאָן. זי האָט נישט געגלויבט, נישט גע־וואָלט איבער די ליפּן ברענגען, אַז שבתי־צבי האָט אָפּגענאַרט, און געהאַט טענות צום רבונו־של־עולם, שטילע טענות. און די

אויגן אירע, ס'מויל, האָבן אײַנגעזאַפּט אין זיך די תּרעומות, זיי אַרויסגערעדט אָן ווערטער:

„— — — אין דער צײַט, ווען מיר האָבן געהאָפּט, דאָס דו, באַרעמהערציקער גאָט, וועסט דיך איבער דײַן אָרעם פֿאָלק ישׂראל מרחם זײַן און אונדז דערלייזן — — — אָן אשה, אַז זי זיצט אויף דער געווין־שטול, האָפּט זי, אַז זי וועט באַלוינט און דער־פרייט ווערן פֿאַר דער פּײַן און וויטאָג מיט אַ קינד — — — וואָס זאָל אָבער אַן אָרעמע אשה טאָן, ווען נאָך די אַלע וויטאָגן געבוירט זי ווינט, נישט קיין קינד? מיט אונדז, גרויסער גאָט, איז ס'זעלבע געשען. מיר האָבן זיך געמיט מיט תּפֿילה, מיט צדקה, מיט תּשובֿה דורך דער גאַנצער וועלט, ווען דײַן ליב פֿאָלק ישׂראל איז אויף דער געווין־שטול געזעסן. און נאָך דעם אַלעם, איז לאַ־די, וואָס מיר האָבן דאָס קינד נישט זוכה געווען צו זען, איז אומעטום, ווו יידן ווינען, שענדט מען דײַן נאָמען, גאָט, מיט זנות, מיט שמד — — —

פֿון שלאָפֿקאַמער איז אָנגעלאָפֿן אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר פֿינף מיט אַ געוויין.

— וואָס שאַט דיר, צפּור־לעב?

— מאַמע־לעב, מאָקאַטי זאָגט, אַז מיר, אשכּנזישע, וועלן קיינמאָל קיין ארץ־ישׂראל נישט פֿאָרן, אַז מיר גלויבן נישט אין משיחן — — —

— מיר גלייבן, קינד־לעב, האָט גליקל מיט איין האַנט אַ צי געטאָן ס'מיידעלע צו זיך — מיר וואַרטן אויף משיחן יעדן טאָג.

— און קיין ארץ־ישׂראל וועלן מיר פֿאָרן? — האָט צפּור געעפֿנט אַ פּאָר אויגן, ווי די מוטער, נאָר גרעסערע און טונ־קעלערע.

— יאָ, קינד־לעב.

— אַז מיר פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, פֿאַרוואָס האָסטו געהייסן מאָקאַטין עפֿענען די פֿענסער?

— ווײַל ס'עסנשפּײַז קען מכולה ווערן.

— פֿאַרוואָס איז עס ביז הײַנט נישט מכולה געוואָרן?

די יונגע מאַמע האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. זי האָט פאַרקנעפּלט ס'קלייד און זיך אַ שטעל געטאָן מיטן ברעקעלע. שטיקלעך זון, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין רוקן צום פענסטער, זײַנען אַ פאַל געטאָן אינם האַלדז־פּערל, טרויעריקער געמאַכט די אויגן.

— קום, צפּור־לעב, מיר וועלן זען, וואָס ס'ליגט אַלץ אין די פעסער.

דער געזעלן האָט צומאָל דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן, ווען גליקל איז אַרײַנגעקומען אין שלאָפקאַמער. נישט קיין הויכער, אָן אָפּגעברענטער, די ליפּן — רויט, ס'בערדל — פּעך. אין חושך האָט ער לויז געמאַכט די אײַזערנע רייפן אַרום די פעסער. ער האָט יעדע ווײַל זיך פאַרריכט דעם ברייטן באַנד פון גרינעם זײַד, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן אַקסל, געוויזן דערמיט, אַז כאָטש ער עפנט די פעסער, איז בײַ אים הײַנט יום־טוב, ווי ס'וואָלט קיין האַמבורג אָנגעקומען אַ בריוו פון שבתי־צבי אַליין.

ער האָט נישט קיין קוק געטאָן אויף גליקלען און זיך צערעדט:

— ר' יוסף האַמיל האָט געדאַרפט האָבן מער בטחון. ערשט נעכטן, אייערנעכטן האָט ר' יוסף געלאָזט שטיין הײַזער, מסחר, אַלץ, און זיך געקליבן מיט משיחן אין וועג אַרײַן. און הײַנט — ווײ צו די אויערן, וואָס הערן עס — אַ פאַלשער משיח! עפן, מאַקאַטי, די פעסער! מיר פאָרן נישט!

— גאָט באַהיט, מאַקאַטי, — האָט זיך גליקל צוגעזעצט מיטן קינד. — איך זאָג עס נישט, נישט איך — — —

— ס'איז אַ מיאוסער בילבול, פרוי גליקל, ס'איז שקר!

אונדזער חכם האָט זיך נישט צוגעהערט צו די אַלע רכילותן, — האָט מאַקאַטי זיך מיט אַמאָל אויסגעגלײַכט, אַ הייב געטאָן דעם האַמער מיט רוגזה, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אויף עמיצן אים אַראָפּצולאָזן, — אונדזער חכם האָט הײַנט בײַם דאַווענען, ווי שטענדיק, געבענטשט משיחן, געזאָגט מיטן עולם די ברכה:

„ברך נא את אדוננו, מלכּנו הקדוש והצדיק שבתי־צבי, משיח אלהי יעקב — — —"

גליקל האָט פון גרויס יראת־הכבוד זיך אַזש אויפגעשטעלט און ס'מיידעלע, צפור, האָט זיך באַהאַלטן צווישן די פאַלבן פון דער מוטערס קלייד.

די אויגן, ס'בערדל האָבן זיך בײַ מאָקאָטין צעפלעמלט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם האַמער, געמאַכט עטלעכע טריט צו גליקלען און כמעט איר אײַנגערוימט:

— ס'איז אַ סוד, פרוי גליקל, נאָר אײַך וועל איך עס פאַר־טרויען. דער סולטאַן אַליין איז געפאַלן משיחן צו די פיס, זיך געבעטן בײַ אים: נעם צונויף דײַנע יידן און פיר זיי קיין ארץ־ישראל — כ'האָב עס הײַנט געהערט פונם חכמס מויל — — — און מיטאַמאָל — פאַלשער משיח. ס'איז שקר, פרוי גליקל, ס'איז שקר!

מיט רוגזה האָט דער געזעלן געהאַמערט איבער דער אייבערשטער רייף, זי אַראָפּגעקאָלערט. ס'מיידעלע האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך דער רייף מיט אַ פריילעכן קוויטש.

גליקל האָט געוואָלט, שטאַרק געוואָלט, אַז די אַלע רייד וועגן משיחן זאָלן זײַן שקר. פונקט הײַנט, אין אַזאַ צײַט, איז דער מאַן אירער, חיים, אין דאַנציק, ווו ער קויפט אויף פערל און איידל־געשטיין. האָט דאָך גליקל, האָט דאָך דער מאַן אירער, האָט דאָך גאַנץ האַמבורג לעצטן תשעה־באָב נישט געפאַסט. אין תשעה־באָב איז שבתי־צביס יאָרטאָג. איבער דער גאַנצער וועלט, אין אַזיע, אין אַפריקע, אין אייראָפּע, האָבן יידן יענעם טאָג זיך אָנגעטאָן ליבעריעס פון גרינעם זײַד. זיי האָבן גענומען ספרי־תורות, גענומען פויקן, צימבלען, פלייטן אין די הענט אַרײַן און, ווי געטרײַע דינער, זיך געלאָזט מיט געזאַנג איבער די גאַסן, איבער די שולן:

— משיח קומט!

— משיח איז געקומען!

— מאַמע־לעב, קוק — האָט ס'מיידעלע אַ ציי געטאָן די מוטער פאַרן קלייד, — אוי, ווערים!

אין די געדאַר־פליישן, אין די אויבס־געבעקסן, וואָס זײַנען געלעגן אויפן דיל, האָבן געגריבלט, געווימלט ווײַסע ווערים. די

ווערים — קורצע, לענגלעכע, לאַנגע — האָבן זיך געקנוילט, דאַכט זיך, געהויבן די פליישן, די געבעקסן, און די שלאָפּקאַמער האָט געעטעמט מיט שווערע פאַרדימפּעצטע ריחות.

דער קליינגעוויקסיקער מאָקאַטי איז קלענער געוואָרן. ער האָט זיך, אָן מראה אין פּנים, גערוקט אָן אַ זײַט, געהאַלטן אין זאָגן משיחס ברכה:

„— — — ברך נא את אדונינו מלכנו — — שבתי־צבי, משיח אלהי יעקב — — — —".

— מאַמע־לעב, כ'האָב מורא — האָט צפּור אײַנגעגראָבן ס'פּנים אין דער מוטערס קלייד. — די ווערים קריכן אויף אונדז!

— האָב נישט קיין פּחד, קינד־לעב — האָט גליקל ברייט געעפנט ס'פענסטער.

פון דער עלבע האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל, געהייבן און געוועטערט דאָס לײַנענגעצײַג, וואָס איז געווען צעפּרעסן פון מאָלן. די שטיקער צײַג האָבן זיך שטאַרקער צעווינטלט, גע־טריבן די ווערים, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבערן דיל, ווי אַן אַרמיי.

מאָקאַטי איז צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו דער וואַנט. ער האָט געצוקט מיט די פלייצעס, מיט די אַקסלען, און פון דעם צע־קרימטן מויל האָבן זיך געריסן ווערטער:

— ווערים — — — משיח —— — ווערים — — — —

אַ גאָלדענער מעדאַל

בײַ יאָסל פּרעסער, דעם שווערן אַרבעטער און דעם גרויסן שווײַגער, איז געווען אַ שמחה. זײַן צווייט ייִנגל, דער עלף־יאָריקער מעקסי, האָט געענדיקט פּאָבליק־סקול מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. די שמחה האָט זיך געצויגן אַ גאַנצן פרײַטאָג, אַ גאַנצן שבת. קרובים און לאַנדסלײַט זײַנען געקומען, זײַנען געגאַנגען, און יאָסל האָט מיט יעדן איינעם גענומען צו ביסלעך משקה. פון דער משקה איז ער געוואָרן נאָך אומבאַהאָלפענער, שטומער. בלויז פון די גוטע, ווייכע אויגן האָבן טראָפּנס שמייכל אַרויסגעטריפט, זיך צעלייגט איבערן ברייטן פּנים, וואָס האָט זיך געבעטן בײַם עולם:

— פאַרשעמט נישט דעם כּיבוד.

און אַז אַ קרוב, צי אַ לאַנדסמאַן האָט זיך גענומען געזעגענען מיט יוסלען, האָט יוסל אַ רוף געטאָן ס'ייִנגל:

— מעקסי! קום נאָר אַהער, מעקסי!

מעקסי, וואָס איז געווען קליין און דאַר, צו קליין פאַר די עלף יאָר, האָט, ווי אַ דרעסירט הינטל, יעדן איינעם צוגעטראָגן זײַן גאָלדענעם מעדאַל. יעדער איינער האָט מיט דרך־ארץ באַטראַכט דעם מעדאַל, אים אַרויפגעלייגט אויף דער האַנט־פלאַך, אויסגעפּרובירט די וואָג, אים אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצײַגן, צי דער קלימפּער איז פון ריינעם גאָלד. מעקסי האָט יעדן איינעם פאַרזיכערט:

— ס'איז פערצן קאַראַט.

די אמתע שמחה האָט ערשט געדאַרפט פּאַרקומען שבת־צו־נאַכט, און נישט בײַ יוסלען אין שטוב, נאָר אינם אונגאַרישן ווײַן־קעלער, ווו יוסל איז שוין יאָרן געווען אַ שטאָם־גאַסט. ער האָט געהאַט באַשטעלט אַ טיש פאַר זעקס אירע. דאָס זײַנען געווען יוסלס חברים פון דער היים, בערל און שמחה, מיט זייערע ווײַבער.

אַכט אין אָוונט איז די גאַנצע משפחה — יוסל, ס'ווײַב, מעקסי — שוין געווען אין ווײַן־קעלער. אַרום טישלעך זײַנען געזעסן עלטערע יידן מיט ווײַבער, יונגעלײַט מיט מיידלעך. מען האָט געגעסן גראַשיצע, מען האָט געגעסן סטייק, מען האָט געגעסן געבראָטענע קאַטשקע. טייל האָבן געקנאַקט געבאַקענע מאַנדלען, טייל האָבן געדויכערט און הנאה געהאַט פון אַן אונגאַריש גלעזל ווײַן. אַ קאַפּעליע פון דרײַ האָבן געשפּילט אומעטיקע ניגונים. דער עולם אַרום די טישלעך האָט שטיל מיטגעזונגען, האָט צו־געקלאַפּט מיט די פיס צום טאַקט. דאָ און דאָרט האָט אַ פּאָרל זיך אַ הויב געטאָן. עולם האָט געמאַכט פּלאַץ. די פּאָרלעך האָבן זיך פויל געשאַרט, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען אויף איין אָרט, גע־רייצט מיט יעדן בויג, מיט יעדן קער.

פון אַ זײַטיק טישל האָט מען גענומען רופן:

— אָט איז יוסל!

— אָט איז מעקסי!

בערל און שמחה, אײַזן־אַרבעטער, וואָס האָבן ניט געקענט דעררייניקן דעם זשאַווער אויף די הענט, און דער עיקר אַרום די פינגער־נעגל, זײַנען שוין געזעסן מיט זייערע ווײַבער. יוסל האָט זיך געפּאָרעט אַרום טיש. ער האָט אָוועקגעזעצט ס'ווײַב זײַנס לעבן די ווײַבער; מעקסין, מיטן גאָלדענעם מעדאַל צוגעשפּילעט צום רעכטן לאַץ פונם בלויען רעקל, אויבן־אָן, און אַליין האָט ער זיך צוגעזעצט צום עק טיש, ווי ער וואָלט דאָ געווען אַן איבעריקער. ער האָט זיך אַ פרעג געטאָן:

— איר האָט שוין עפּעס באַשטעלט?

— וואָס הייסט באַשטעלט? — האָבן די חברים געמאַכט אַ מינע, ווי זיי וואָלטן עס באַטראַכט פאַר אַן עוולה, — מיר

האָבן געוואָרט אויפן בעל־שמחה, אויף מעקסין. נו, מעקסי, באַ־שטעל וואָס דײַן האַרץ געלוסט.

דער קליינער, דאַרער מעקסי, מיטן מעדאַל, מיט די נײַע מלבושימלעך, האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרשטעלטער. דער טיש, ס׳בענקל — אַלץ איז פאַר אים געווען צו הויך. ער האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון איבערן טיש. בלויז די אויגן, טונקעלע, איבערגעשראָקענע, האָבן געוואַנדערט איבער די אַרומיקע טישלעך, ווו מען האָט געגעסן סטייק, געגעסן קאַטשקע, געגעסן גראַשיצע. ער האָט נישט־דרייסט אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל עסן גראַשיצע.

— גוט, — האָט דער צוואָקסענער בערל אַרומגענומען מעקסין, — געבוירן אין אַמעריקע און בלײַבט אַלץ אַן אונגאַר. און ווײַן וועסטו טרינקען, זויערן צי זיסן?

— זויערן.

— ער וועט אינגאַנצן קיין ווײַן נישט טרינקען, — האָט מעקסיס מוטער זיך אַרײַנגעמישט.

— כ׳וועל טרינקען, מאַ, — האָט מעקסי זיך פאַררויטלט.

— ער וועט טרינקען — האָט בערל אַ רוף געטאָן דעם קעלנער: — העי, פרענק, פרעג זיך וואָס דער עולם וויל עסן: גראַשיצע, קאַטשקע, סטייק — ס׳האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם, ס׳האָט געצונדן פלעמלעך אין די אויגן און די מויל־ווינקלען האָבן זיך געבלעזלט. דער ווײַן, דער זויערער, זיסער, האָט זיך געשוימט אין די קריגלעך, אין די גלעזער.

אַ גאַסנזינגער איז געגאַנגען פון טיש צו טיש. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט בײַ אַ טישל ווײַבער, וואָס זײַנען געזעסן מיט עטוואָס צעשפּרייטע פיס, האָבן געהאַלטן אין די שויסן מאַנדלען, זיי געוואָרפן אין די מײַלער אַרײַן, אויסגעשפּיגן די שאָלן אויפן דיל. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די זײַטן פונם זינגערס קופּלעטן, זיך איבערגעוווּנקן מיט מאַנסבילן פון אַ שכנישן טישל און פאַרשייט מיטגעזונגען:

— איז רחל די רויטע, די רויטע, די רויטע מויד!

פון די באַליבטע ווײַבער, פון דער קאַפּעליע, פון די עלעקטרישע לאָמפּן און פון די געבראָטענע און געפּרעגלטע פליישן האָט זיך געטראָגן איבערן קעלער אַ שרײַיקער הונגער, וואָס האָט גערייצט, וואָס האָט געטריקנט אין האַלדז. דאָס אַלץ האָט מען געלאָשן מיטן ווײַן, מיט היימישן אונגאַרישן ווײַן.

דער זינגער האָט זיך צוגעשאַרט צו יוסלס טיש. לויטן אויסזען — אי אַ קלעזמער, אי אַ פריזירער, אי אַ בדחן. ס׳רעכטע אויג האָט ער אָנגעשטעלט אויף די ווײַבער, ס׳לינקע אויף די מאַנסבילן, און אינגאַנצן איז ער ניט אײַנגעשטאַנען, געשאַרט מיט די פיס, געדרייט מיט די אַקסלען, געוואַרט אויף אַ צייכן, ווען אַ קופּלעט מיט אַ שאָס פון אים זיך אַרויסרײַסן, ווי ס׳רײַסט זיך אַרויס אַ פראָפּן פון אַ פלאַש ביר.

— נו, צײַג שוין וואָס דו קאָנסט, — איז בערל נאָך דער קאַטשקע מיטן ווײַן געזעסן אַ צענומענער,—גיב אַזוי ס׳אמתע לידל.

דער זינגער האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן שויבער האָר, אָפּגעהוסט און אַלע גלידער אין אים האָבן מיטגעזונגען:

„איך וויל נישט דײַנע גליקן,
איך וויל נישט אויף דיר קוקן,
אַ ניאָניע, ווי אַ באַס,
און פעט, ווי אַ פאַס,
איז רחל, די רויטע, די רויטע מויד!“

די ווײַבער האָבן געקײַכט פון געלעכטער. מעקסי האָט זיך געהאַלטן פאַר די זײַטן. און בערל מיט שמחהן, אויפגערוימטע, צעגאַרטלטע, האָבן מיטגעזונגען. איין יוסל איז געזעסן אַן אָנגעכמורעטער. ווײַן האָט אים נישט פריילעך געמאַכט. פאַרקערט, דער אַזוי אויך שווײַגעדיקער יוסל האָט נאָך אַ גלאָז ווײַן אינגאַנצן פאַרלוירן ס׳לשון. די שלעסער, וואָס דער פאָטער האָט פאַר די לעצטע טעג געהאַלטן אין בויען אַרום מעקסין, האָבן דאָ אין ווײַן-קעלער גענומען אײַנפאַלן. אויס גאָלדענער מעדאַל, אויס קאַלעדזש, אויס דאָקטאָר מיט אַ גרויסער פּראַקטיק. ס׳איז יוסל, אַן אָרעמער פּרעסער, אַ שווערער אַרבעטער, וואָס פאַרזויפט די

שכירות אין אַ ווײַן־קעלער. דאָס גריזשעט מען ס'פלייש פון יוסלס ביינער, דאָס טרינקט מען זײַן בלוט. און ווער דאַרף דאָ דעם לץ מיט די לידלעך? און וואָס טוט דאָ מעקסי? אַן עלף־יאָריק ייִנגל דאַרף שוין איצט שלאָפן, און זיי מאַכן אים פאַר אַ זולל־וסובא, גיבן אים פלייש מיט ווײַן. וואָס דערלאָזט ער עס? ווער איז מעקסיס'ס טאַטע, ער, יוסל, צי די צוויי שמידן, בערל און שמחה? זיי פאַרגינען אים נישט. יוסלען, פאַרגינען אים ניט וואָס מעקסי האָט געקראָגן אַ גאָלדענעם מעדאַל, ווען זייערע בנים, בערלס בנים, שמחהס בנים, זיצן צוויי יאָר אין איין קלאַס. דאָס וויל מען איבערפירן ס'ייִנגל, מען וויל אים פטרן די איינ־ציקע פרייד אין לעבן. און זי, ס'ווײַב, די נאַרישע אינדיטשקע, זיצט און לאַכט, זיצט און קוועלט אָן פון דעם לץ.

יוסלס האַנט, אַ ברייטע, אַן אויסגעאַרבעטע, מיט פינגער ווי האָקעס, איז מיטאַמאָל געבליבן הענגען אין חלל, האָט פאַר־שטעלט דעם זינגערס פּנים:

— דאָ זיצט אַ ייִנגל, אַן עלף־יאָריק ייִנגל, און דו, יאָלד, בלעקעצסט דײַנע שמוציקע זנות־לידלעך!

— זינג, זינג, זינג ווײַטער — האָט בערל אַרײַנגעשטעקט דעם זינגער אַ מטבע.

— זינג — האָט שמחה שיכורלעך אַ שמייכל געטאָן און געוויזן מיט אַ פינגער אויף יוסלען, אַז ער, יוסל, איז באַקנאַקט.

— ער וועט מער ניט זינגען! — איז ס'פּנים בײַ יוסלען געוואָרן אָנגעכמורעטער.

— ער וועט יאָ זינגען — האָבן ביידע חברים ניט אַרויס־געלאָזט דעם זינגער — גיב נאָכאַמאָל דאָס זעלבע לידל. ווי גייט עס:

„אַ ניאָניע ווי אַ באַס,
„און פעט ווי אַ פאַס..."
„איז רחל, די רויטע, די רויטע מויד!"

יוסל איז שוין געשטאַנען אַן אָנגעטאָנענער. ער האָט אין געאײַל באַצאָלט דעם קעלנער, אין געאײַל אַרויפגעצויגן אויף מעקסן ס'מאַנטעלע און געשריען צום ווײַב:

— אַ ווײַן־קעלער איז עס? ס'איז אַ שאַנד־הויז! און מעקסן האָב איך נאָך צײַט צו פירן אין אַ שאַנד־הויז!

— משוגענער — איז ס'ווײַב אים נאָכגעגאַנגען.

יוסל איז מיט מעקסן אַרויס פון ווײַן־קעלער. ער האָט זיך געטראָגן מיטן ברוגזן ייִנגל איבער ליידיקע גאַסן און געסלעך, זיך ניט אומגעקוקט, צי ס'ווײַב גייט נאָך, און גערעדט אין דער נאַכט אַרײַן:

— פאַרשטייסט, מעקסי, אַז זיי פאַרגינען מיר ניט. זייערע בנים זיצן צו צוויי יאָר אין אַ קלאַס, און מײַן מעקסי, נאָך אַ קינד, האָט צו עלף יאָר געענדיקט פּאָבליק־סקול מיט אַ גאָלד־דענעם מעדאַל.

ר צ י ח ה

זעכצן יונגע קאַטשקעס, זעקס־וואָכיקע, האָבן זיך געהאַט פֿאַרקליבן אין די זומפּן, וואָס זײַנען געלעגן אַ צוויי הונדערט פֿוס פֿונם הויז. די זומפּן, פֿעטע, גלאַנציקע, וואָס זײַנען געווען דורכגענומען מיט רער־שטעקעלעך און אַרומגערינגלט מיט יונגע דעמבענע ביימער, האָבן אין די הייסע זומער־טעג געאָטעמט מיט שווערע, שאַרפֿע ריחות. די זומפּן, וואָס האָבן געשמעקט מיט געוויקט לעדער, מיט אָפּפֿאַל, האָבן געשוויבלט מיט פּאַסקודסטווע, מיט שרצים, מיט מיקן.

דער פֿאַרמער, אַ דאַרער, באָרוועסער ייִד, מיט אַ פֿינסטער פּנים, איז געשטאַנען ביז איבער די קנעכלעך אין די זומפּן. ער האָט מיט איין האַנט געשלעפּט די פֿאַרקאַשערטע הויזן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַראָפּרוקן, מיט דער צווייטער — געקנאַלט מיט אַ בײַטש, געוואָרפֿן שטיקער בלאָטע אין די קאַטש־קעס, וואָס זײַנען געהאַט פֿאַרקראָכן, ווו די רער־שטעקעלעך זײַנען געווען געדיכטער. די קאַטשקעלעך האָבן געפּלאַטערט מיט די נאַקעטע פֿליגל און זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

דעם אויסגעדאַרטן פֿאַרמער האָט די ניכפּה געגעסן. ער איז געווען אומגליקלעך, ווי ס׳וואָלט זיך נישט געהאַנדלט אין די זעכצן קאַטשקעלעך, נאָר ס׳גאַנצע פֿאַרמעגן וואָלט בײַ אים געשטאַנען אין קאָן. זײַנען דאָך פֿאַראַיאָרן די קאַטשקעס בײַ אים פֿאַרקראָכן אין די זומפּן און מער נישט צוריקגעקומען. ער

האָט בלויז געפּונען די אַראָפּגעדרייטע קעפּלעך. זינט ס'ווײַב איז בײַ אים געשטאָרבן, האָט זיך ס'מזל פֿון אים אָפּגעטאָן. איז די געשפּרענקלטע הון אויסגעזעסן אין תּבֿואה־שײַער צוואַנציק הינדעלעך, האָבן די שטשורעס „כשר" געמאַכט ס'קליינוואַרג. די ווײַסע הון האָט ער שוין „אָוועקגעזעצט" אין קיך, זי געהאַלטן דאָרט מיטן פֿליד איבער דרײַ וואָכן. איצט, ווען ס'איז שוין נישטאָ קיין מורא פֿאַר קיין שטשורעס, וויל די הון פֿאַר קיין פּאַר קיין פֿאַל נישט גיין נעכטיקן אין שײַער אַרײַן. ער יאָגט זי, טרײַבט זי, האַלט זי פֿאַרשפּאַרט. קיין זאַך העלפֿט נישט. ווי ס'ווערט נאַכט, טראָגט זיך די קוואָקע מיט די דרײַסיק הינדעלעך אין קיך אַרײַן, פּאַטשקען דאָרט אַזוי אָן, אַז מען קען אַהין נישט אַרײַנגיין. און איצט קריך אין דער בלאָטע, שמיר זיך אויס ווי אַ שד. און ס'איז געפּערלעך אויך. סמיטס ביק איז פֿאַראַיאָרן אַרײַן אין די זומפּן, האָט די בלאָטע זיך אַ הייב געטאָן ביז איבער די הערנער.

לעבן פֿאַרמער האָט זיך געדרייט זײַן זעכצן־יעריקער זון, וואָס איז געווען העכער און דאַרער פֿונם פֿאָטער. דער זון האָט געהאַלטן אַ פֿריש אָפּגעריסענע צווײַג. פֿון מאָל צו מאָל האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אין דעם זומפּ, ווו די בלאָטע, אַ שיטערע, אַ קלעפּיקע, האָט זיך געהויבן מיט אַ קילקייט איבער די קנעכ־לעך, געצויגן די פֿיס אַלץ טיפֿער און טיפֿער. דער זון האָט נעפּאָכעט מיט דער צווײַג, געטריבן דאָס זעצל קאַטשקעס און צוגעפּײַפּט מיט די ליפּן:

— אַ שו־ו! סקידו־ו!

די קאַטשקעס האָבן זיך פֿון אָרט נישט גערירט. דעם פֿאַרמערס פֿינסטער פּנים איז געוואָרן אַלץ אָנגעכמורעטער. ער איז נישט אײַנגעשטאַנען, האָט געהאַלטן אין איין זוכן אַ פּאַסיק אָרט, פֿונוואַנען ס'וועט לײַכטער זײַן אַרויסצוטרײַבן די קאַטשקעס, און נישט אויפֿגעהערט אײַנצוטענהן אינם זון:

— הערסט, בען, מען דאַרף זיי אַהיימטרײַבן איידער ס'ווערט נאַכט. ווי די נאַכט וועט צופֿאַלן, איז נאָך די קאַטש־קעס. אין דער פֿינסטער פֿאַרלירן זיי די ראיה, פּונקט ווי הינער,

און דאָ, אויף די זומפּן, שווימט מיט שרצים — ס׳קען זיך אונטעררוקן אַ טכויר, צי אַ ווידרע. פאַראַיאָרן האָבן זיי מיר אויסגעמאָרדעוועט אַלע קאַטשקעס, איבער פערציק. בלײַבן די קאַטשקעס אין די זומפּן אויף איבער נאַכט, וועלן מיר אינדערפרי קענען גיין אויפקלײַבן די קעפּלעך. וואָס האָסטו מורא, בען? לאָז זיך מיט די דעמבעס און גיי אַרײַן טיפער!

— ווי קען איך גיין טיפער, ווען די בלאָטע ציט, אַנט־לויפט פון אונטער די פיס — האָט בען זיך פאַרענטפערט — און דערצו קען איך דעם גערוך נישט פאַרטראָגן, ס׳עיפּושט!

— ביסט איידל געפּאַטשקעט, קענסט דעם גערוך נישט פאַרטראָגן, האָט דער פאָטער אים נאָכגעקרימט און אים אַרײַנ־געשטעקט אין דער האַנט אַרײַן אַן עק פון אַ שטריק — בינד זיך אַרום מיטן שטריק און גיי.

דערצו האָט דער פאָטער, אַ בייזער, אַן אָנגעכמורעטער, אַן אָנגעלאָדנטער, זיך אַ שטעל געטאָן איבערן זון, ווי אַ פינ־סטערע כמאַרע. דער יונג האָט זיך נישט געקענט אַרויסדרייען. דער פאָטער האָט בײַ אים אָפּגעשניטן דעם וועג. ער האָט העכער פאַרבויגן די הויזן — מיט איין עק שטריק האָט ער זיך אַרומגעגאַרטלט, דעם צווייטן האָט ער געגעבן דעם פאָטער אין דער האַנט אַרײַן, און אַליין אַ נישט־זיכערער, האָט ער זיך גענומען רוקן אַלץ טיפער אין דער בלאָטע אַרײַן. די פיס האָבן זיך נישט געקענט אַוועקשטעלן, זיך געהאַלטן אין איין גליטשן. די שוואַרצע, פעטע בלאָטע האָט אײַנגעשלונגען די קנעכלעך, אײַנ־געשלונגען די פיס ביז איבער די לענדן. די מורא און שרעק, אַז אַלץ צעשווימט אונטער די פיס, האָט געטריבן די אויגן פון קאָפּ, האָט אָנגעגאָסן דעם קאַרק מיט גבורה. פון די זומפּן האָט זיך געהויבן דער טויט. בען האָט צעעפנט ס׳מויל, אַרויסגעלאָזט אומגעהאַרישע קולות:

— טאַטע, כ׳זינק! ראַטעווע!

— וואָס האָסטו זיך צערעוועט, ווי אַ געקוילעטע חזיר? זינקסט נישט! זינקסט נישט! שטעל זיך אַוועק!

בען האָט מיט אַלע כּוחות זיך אַ ריס געטאָן אויף צוריק. דער פאָטער האָט מיט דער בײַטש אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— די שוואַרצע יאָר וועלן דיך נישט נעמען!

— קריך דו אין די זומפּן, טאַטע, — האָבן די גרויע אויגן זיך צעשפּילט בײַם זון, דער קאָפּ האָט זיך אַ דריי געטאָן אויף צוריק און די ציין האָבן זיך געבלעזלט, ווי בײַ אַ חיה, ווען זי דערפילט אַ געפאַר — קריך דו אין די זומפּן, טאַטע, ווען די בלאָטע זינקט אונטער די פיס!

— אײַנגעזונקען זאָלסטו ווערן!

דער פאָטער האָט אַ שלײַדער געטאָן פון זיך די בײַטש, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געהאַט אַ מינע, ווי זײַן גאַנץ פאַר־מעגן וואָלט אונטערגעגאַנגען. ס'לעבן, אַ שווער פאַרמער־לעבן, האָט געבויגן זײַן קאָפּ, זײַנע פּלייצעס. ס'ווײַב איז געשטאָרבן. טכוירען, ווידרעס, שטשורעס מאָרדעווען די הינער, די קאַטשקעס. און דער זון, בען, אַזאַ איבערגעוואַקסענער דראָנג, קען קיין קאַץ דעם ווײדל נישט צובינדן. דער פאָטער האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַמאָל אַ זאָג געטאָן צום זון:

— וואָס ליגסטו איבער מײַן קאָפּ?

— די גליקן וואָס כ'מאַך בײַ דיר, טאַטע...

— געהערט, געהערט — האָט דער פאָטער אַ האַסטיקן הויב־אויף געטאָן די בײַטש, אַז דער זון האָט זיך גענומען רוקן אויף צוריק — און גליקן וועסטו שוין מאַכן אין דער פרעמד, נישט בײַ מיר.

דער זון האָט נישט געענטפערט. דער פאָטער האָט אָנגע־וויקלט דעם שטריק אַרום דער האַנט און זיך געלאָזט גיין אין שטוב אַרײַן. ער איז געגאַנגען שווער, פינסטער, אַ שטיק כמאַרע, וואָס האָט זיך יעדע רגע געקענט אויסלאָדענען מיט דונערן און בליצן. ער האָט געשאָלטן סתם אין דער וועלט אַרײַן:

— אַ בליץ אים אין די געהירן, אַ לופט אים אין די אויגן, אַ לויפעניש אין די געדערים.

אַזוי האָט ער געשאָלטן אין טאַטנס־טאַטנס מאַמען אַרײַן, ביזן פערטן, ביזן פינפטן דור, געשאָלטן ביז ער איז צוגעקומען

צום הויז, ווי די זון, אַ רויטע, האָט זיך געהאַלטן אין זעצן.

די ווײַסע הון מיטן ברייטן, ליכטיקן רוקן, האָט שוין גע־פירט אירע דרײַסיק הינדעלעך אין קיך אַרײַן שלאָפן. די מאַמע האָט זיך געשפּילט מיטן קליינוואַרג. זי האָט זיי געאַרבעט מיט די לאַפּקעס, מיטן שנאָבל, אויפגעזוכט קערנדלעך, און מיט אַ שטיל קוואָקערײַ געפּאַשעט די שוואַכערע, וואָס האָבן זיך אַליין נישט געקענט דערגנערן.

דעם גאַנצן כּעס און די גאַנצע רציחה, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעקליבן אינם פּאַרמער פאַרן טאָג, האָט ער איצט גע־וואָלט אויסלאָזן צו דער ליכטיקער, אויפגעלייגטער הון. ער האָט פאַרגעסן אָן דער פאַרשטאָרבענער ווײַב, אָן די קאַטשקעס, וואָס די שרצים וועלן אויפפרעסן, אָן דעם זון, וואָס ליגט איבער אים ווי אַ נגע. ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער בײַטש אויף דער הון, זי געטריבן פון הויז:

— כ'וועל דיך אָפּגעוויינען מיר אָנצופּאַטשקען אין קיך, דו נאַרישע הון! אין שײַער אַרײַן! אין שײַער אַרײַן! אַ שו־ו!

די הון האָט אויפגעשטעלט די פעדערן, צעשפּרייט די פליגל, ווי זי וואָלט דערוואַרט אַ שונא, וואָס קלײַבט זיך באַפאַלן אירע קינדער, און מיט אַ קוואָקערײַ אַ שפּרונג געטאָן דעם פאַרמער איז פּנים אַרײַן. די הינדלעך האָבן זיך צעגודערט, צעפּישטשעט, זיך גענומען טוליען צו דער מאַמען. דער פאַרמער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער הון. זי האָט זיך געצאַפּלט אין זײַנע הענט, אים געדראַפּעט, אים אַ פּיק געטאָן מיטן שנאָבל. די הענט האָבן בײַם פאַרמער געבלוטיקט. צי פון רציחה, צי דערפאַר, וואָס ער האָט דערזען בלוט, אייגן בלוט, ווי ס'זאָל נישט זײַן האָט דער פאַרמער אַ שלײַדער געטאָן די הון אָן די הילצערנע טרעפּלעך מיט אַזאַ כּוח, אַז ס'עוף האָט אויסגעצויגן די לאַפּקעס און פאַרוואָרפן ס'קעפּל.

דאָס זעצל הינדלעך, גאַנצע דרײַסיק, זײַנען געלאָפן משוגענערווײַז אַרום דער טויטער מאַמען, געלאָפן מיט אַ קוואָ־קערײַ, מיט אַ געגודערײַ, געלאָפן און געוויינט.

אין אַ רײַט-אַקאַדעמיע

דער פּערצן־יעריקער סעם האָט זיך אַ גאַנצן ווינטער ניצלעך געמאַכט אין קרעינס רײַט־אַקאַדעמיע. האָט מען געדאַרפט אַרויספירן אַ פערד, אַרײַנפירן אַ פערד — סעם איז שטענדיק, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן. ער איז געשטאַנען הכנעהדיק פאַרן באַלעבאָס, האָט געוווסט אויפן ווונק, וואָס ער וויל, און קיין גאַנג, קיין שליחות איז פאַר סעמען ניט געווען צו שווער.

ס'האָט אַ גאַנצע נאַכט גערעגנט. די ערד אויפן הויף, אַן אײַנגעטראָטענע, איז געוואָרן ווייך. די נאַסע קאַשטן־ביימער האָבן זיך גערויטלט. פון די צוויי סטויגעס פערד־מיסט, וואָס זײַנען געלעגן הינטער די שטאַלן, האָבן זיך געצויגן געלבלעכע וואַסערלעך. דער רעגן איז געקראָכן אין די ביינער אַרײַן, ווי אין דרויסן וואָלט ניט געווען יוני, נאָר נאָוועמבער. בלויז אַרום די שטאַלן, אַרום דעם פערד־מיסט איז די לופט געווען וואַרעמער.

סעם, אינם צעקנעפּלטן, לעדערנעם רעקל, איז פאַרטאָג שוין געשטאַנען אויף דער וועראַנדע. ער האָט געוואַרט אויף קרעינען. דער חידוש אין די ברוינע אויגן, די פאַרריסענע נאָז, דאָס פּנים מיט די זומער־שפּרינקלעך — אַלץ האָט געקוקט מיט ייִנגלישער אויפריכטיקייט. דער רעגן איז געפאַלן אין די גריב־לעך וואַסער, געפאַלן צווישן די ביימער מיט אַ טעמפּן פּליעסק, ווי איבערגעשראָקענע זשאַבעס וואָלטן זיך געוואָרפן אין אַ טײַך אַרײַן.

די קאַלטע פײַכטקייט האָט סעמען דורכגענומען. ס'האָט זיך אים איצט שטאַרק געוואָלט זײַן אין פערד־שטאַל. ער האָט זיך שטענדיק געחידושט, וואָס אַחוץ דעם באַלעבאָס איז אין דער רײַט־אַקאַדעמיע קיין מאַנסבילן ניטאָ. אַרום די פינף־און־צוואַנציק פערד — צוועלף קאָבילעס און דרײַצן אָגערס — זײַנען אַרומגעגאַנגען מיידלעך. די מיידלעך האָבן גערייניקט די שטאַלן, געפּוצט די פערד, אַרויסגעריטן מיט די געסט. און די געסט זײַנען כמעט אַלע געווען רײַכע מיידלעך, רײַכע דאַמען. און ער, סעם, האָט ניט ליב געהאַט קיין מיידלעך, ניט ליב געהאַט צו קוקן, ווי זיי פּוצן די פערד, ווי זיי נעמען זיך איבער, וואָס זיי דאַרפן יעדן פרימאָרגן — מעג עס רעגענען, מעג עס שנייען — רייניקן די פערד. ס'איז סעמען ניט אָנגעשטאַנען, עס געהאַלטן פאַר אַ באַליידיקונג, וואָס אַרום די אָגערס דרייען זיך אַרום מיידלעך.

אַ פאַרכמורעטער איז קרעין אַרויס אויף דער וועראַנדע. ער האָט מיט פאַרשלאָפענע אויגן אַ קוק געטאָן אויפן רעגן. ס'פּנים און דער רעכטער פוס האָבן זיך בײַ אים גענומען קאַרטשען, ווי דער רעגן וואָלט אים אַ ביס געטאָן. סעם האָט גערעדט פאַרן באַלעבאָס:

— אַ היינטיש וועטער. ס'גיסט שוין אַזוי פון נעכטן אָן. קיין הונט וועט היינט ניט אַרײַנשמעקן.

— עפּעטן דאַרפן די מיידלעך, ניט דו, — האָט קרעין געגעבן סעמען דעם שליסל און אַליין האָט ער פאַררויכערט אַ ציגאַר, — אַז כ'גיס זיי שמאַנט אין די העלדזער, פוילן זיי זיך בײַ מיר.

סעם האָט זיך געטראָגן צו די שטאַלן. ס'האָט בײַם יינגל קיין גרעסערע פרייד ניט געקענט זײַן, ווי אַרײַנצוקומען דער ערשטער צו די פערד. ער האָט געבענקט נאָך די שאַרפע פערד־ריחות, געבענקט נאָך די ברייטע, גלאַנציקע רוקנס, וואָס האָבן פון זיך געוואָלט אַראָפוואַרפן די פעל; געבענקט נאָך די דינע' אומרויִקע פיס, נאָך די בויגיקע העלדזער, נאָך די קלוגע אויגן. סעם האָט אויפגעפּראַלט ס'טויער און איז אַרײַן מיט אַ פײַף. ער

איז צו צום אָגער, אַ ברוין־רויטלעכן, וואָס איז געשטאַנען בײַם אַרײַנגאַנג. סעם האָט אַ פיר־געטאָן מיט דער האַנט איבער דער גריווע, איבערן לאַנגן עק, איבערן כוואַליעדיקן בויך. דער אָגער האָט אויפגעציטערט, געאָטעמט מיטן קנאַל פון אַ בײַטש און זיך צעלאַכט. אַ פרייד האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבער סעמס גלידער. ער האָט פון פרייד אַזש פאַרמאַכט די אויגן און איז צוגעפאַלן מיטן פּנים, מיט די הענט צום פערדס גלאַטער פעל, צום פערדס וואַרעמען בויך:

— מײַן אָגער! מײַן אָגערל!

די פערד, אויסגערוטע, זאַטע, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן איבערן נאַסן הויף. דער רעגן האָט ניט געלאָזט אײַנשטיין. די פערד האָבן זיך צעהירזשעט און זיך געלאָזט איבערן הויף אין אַ ראָד. פון אונטער די קאָפּיטעס זײַנען געפלויגן שטיקער בלאָטע.

מיידלעך אין בלויע, געפּאַסטע „אָווער־אָלס" זײַנען אָנגעלאָפן מיט בײַטשלעך אין די הענט, ווי ס'וואָלט ניט געווען אויפן הויף פון אַ רײַט־אַקאַדעמיע, נאָר אין אַ צירק. דאָס מיידל, וואָס איז געווען דעזשורנע, האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ פײַפל אין מויל אַרײַן און זיך איינמאָל צעפײַפט, דערנאָך אַ צווייט מאָל. די פערד, וואָס זײַנען געלאָפן אין אַ ראָד, וואָס זײַנען געשטאַנען אויף די הינטערשטע פיס און דער רעגן האָט זיי געפּאַטשט אין די פּיסקעס אַרײַן — אַלע פערד זײַנען מיט אַמאָל שטיין געבליבן. די קעפּ — פאַרריסן, די אויערן — פאַרשפּיצט. ס'האָט אָנגעהאַלטן אַ ווײַל. באַלד זײַנען די פערד אַרײַן אין דער אָפענער „שאָפּע", ווו אַן אויסגעבויגענער דאַך האָט זיך געהאַלטן אויף רויע קלעצער.

די דעזשורנע האָט אַ קנאַל געטאָן מיט דער בײַטש, זיך צעפײַפט. די פערד האָבן זיך אַ שטעל געטאָן אויף די פאָדער־שטע קנעכלעך, אַנידערגעקניט. די מיידלעך האָבן גענומען רייניקן מיט באַרשטן די ברוין־רויטלעכע פערד.

קרעין, אַ הויכער, אַ ברייטער, די באַקן רויט, דער קאַרק רויט, איז געשטאַנען מיט אַ שטיק ציגאַר אין מויל. ער איז שוין

געוועזן איבער די פופציקער. קרעין האָט געקוקט אויף די מיידלעך, אויף די פערד און געשעפּט נחת. האָט אַ מיידל געפּוצט אַן אָגער, איז ער גאָר געוואָרן אויפגעלייגט. ער האָט זיך גענומען דרייען צווישן די פערד, צווישן די מיידלעך, זיי געהאַלטן אין מיגטערן:

— בעס, זעסט דען ניט, ווי די פעל בערגלט זיך אויף אים? גיב אים אַ קיצל צווישן די לאָפּעטקעס! אָט אַזוי!

דער אָגער האָט אַ שניף געטאָן מיט די צעהיצטע נאָזלעכער, אַז אַרום דער מיידל איז געוואָרן אַ הייסער ווינט. דערנאָך האָט ער אַזאַ הירזשע געטאָן, אַז די קאָבילעס האָבן פאַרריסן די קעפּ און מיטגעהירזשעט. בעס האָט דעם אָגער געגלעט, אים באַרויִקט, גענומען קעמען דעם פערדס אומרויִקן עק. זי האָט מיט אַמאָל אַ שליידער געטאָן פון זיך דעם עק, זיך גענומען רוקן פונם אָגער, אים דערלאַנגט אַ פּאַטש:

— אַ פערד בלייבט אַ פערד!

דער אָגער, וואָס האָט געקוקט אויף דער מיידל מיט איין אויג, האָט געהאַט אַ מינע, ווי ער ווייס פון גאָרניט. קרעין האָט זיך געכאַפּט פאַר די זייטן, אויסגעזען, אַז ער וועט פון געלעכטער קריגן די פּאָפּלעקציע. ער האָט זיך געווישט די טרערן און גערעדט צו די מיידלעך:

— אויב ס'וועלן הייַנט קיין געסט ניט זייַן, וועלן מיר נאָכמיטאָג אַליין נעמען די פערד פאַר אַ שפּאַציר. פון צופיל רוען קריגן זיי שטייַפע פיס.

ער האָט זיך אַרויפגעשלעפּט אויף דער וועראַנדע און איז אַרייַן אין שטוב.

די מיידלעך האָבן שוין געהאַט אַרויסגעוואָרפן ס'פערד=מיסט, געהאַט אָנגעשאָטן אין די קאָרעטעס האָבער, אָנגעשטופּט צווישן די לייטערלעך היי. סעם האָט איינציקווייַז געפירט די פערד אין שטאַל אַרייַן. ער האָט געציטערט איבער יעדן פערד, עס אַרומגעווישט פון רעגן. און אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיך פאַרקליבן צווישן די זעק פּאַשע, צווישן דעם אייַנגעפּרעסטן היי.

פון דאָרט האָט ער געקענט זען, ווי די פינף־און־צוואַנציק גריוועס באַרשטן זיך, ווי די פינף־און־צוואַנציק עקן הייבן זיך, שמייסן זיך.

אינם שטאָל־טויער זײַנען געשטאַנען דרײַ מיידלעך — בעס, סעלי און מיימי — האָבן אויסגעזען ווי פאַרשטעלטע יינגלעך. זיי האָבן געריכערט פּאַפּיראָסן, קונציק געשפּיגן פון שטאָל אַרויס אויף אַ צוויי איילן און גערעדט מיט פאַרדרוס. סעם האָט זיך אײַנגעהערט. בעס האָט פאַרצויגן דעם סיגאַרעט.

— די רײַכע, צעבאַלעוועטע מוידן און ווײַבער קריכן מיר שוין פון האַלדז!

— מיר אויך! — האָט סעלי אונטערגעכאַפּט.

— גוט וואָס ס'רעגנט און מיר זײַנען פון זיי פטור אַ טאָג— איז מיימי ניט אָפּגעשטאַנען.

— אַז זיי ווילן גאָרניט רײַטן, — האָט בעס אַ שלעפּ געטאָן די אַנדערע צוויי מיידלעך צו זיך, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט עפּעס אײַנראַמען. — ווי כ'בין נעכטן אַרויסגעריטן מיט די צוויי דאַמען, מיט דער ליידי האָנט און מיט דער ליידי באַרא, זײַנען זיי הינטערן וועלדל אַראָפּ פון די פערד. זיי האָבן געוואָלט האָבן שפּאַס, געוואָלט זען, ווי די אָגערס טשעפּען זיך צו די קאָבילעס.

— נו? האָבן זיך די צוויי מיידלעך צעלאַכט.

— האָב איך זיי געגעבן דעם אמתן ספּעקטאַקל, — האָט בעס גערעדט מיט כּעס, — פּאַסקודעס!

— אַז זיי ווערן משוגע פון ליידיק גיין!

— מען דאַרף זיי אַוועקשטעלן, ווי אונדז, בײַ אַ קופּע פערד־מיסט!

— דערווײַל רייניקן מיר ס'פערד־מיסט און זיי, די הייסגעבאָדענע, קומען קוקן!

סעם האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און ניט געקאָנט כאַפּן וואָס די מיידלעך ריידן. אים איז אויסגעקומען, אַז זיי וואַרפן זיך מיט די פערד, ס'שטייט זיי ניט אָן, וואָס זיי דאַרפן אַרויסוואַרפן פון פערד־שטאַל ס'מיסט. ער האָט זיך געפילט באַליידיקט פאַר די פערד און האָט זיך אויפגעשטעלט:

— און איך האַלט אויך, אַז דאָס איז ניט קיין אַרבעט פאַר קיין מיידלעך!

— וואָס? — האָבן די מיידלעך זיך געכאַפּט, אַז סעם האָט אונטערגעהערט זייער שמועס, און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים.

— אַרומגיין בײַ פערד דאַרפן מאַנסבילן, ניט קיין מיידלעך! — האָט סעם געמאַכט אַ מינע, ווי אַ דערוואַקסענער מאַנסביל.

— וואָס זאָגט איר ניט צו אונדזער מאַנסביל? — האָט בעס אים אַ נעם געטאָן פאַר אַ האַנט — „טוטסי!"

— ווער, סעם? האָט מיימי אים גענומען פאַר דער צוויי־טער האַנט און אים אַ נעם געטאָן פאַר דער געמבע.

סעלי האָט אים אַרומגעכאַפּט בײַם האַלדז. אַלע פיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויף די זעק פּאַשע. מיט געלעכטער און קולות האָבן די מיידלעך זיך געוואָרפן אויף סעמען. זיי האָבן אים צע־קנעפּלט דעם קאָלנער, ס'העמד, געוואַרעמט די קאַלטע פינגער אינם הייסן לײַב. ער האָט זיך געדרייט אונטער זייערע הענט אַ באַליידיקטער, אַ פאַרשעמטער. בעס האָט מיט אַמאָל אויפגע־שנאָלט און אַרויסגעצויגן סעמס הויזן־פּאַסעק. דאָס איז שוין געווען צופיל. סעם האָט אַ שלײַדער געטאָן פון זיך איין מיידל, אַ צווייטס, אַ צי געטאָן אין מיטן לויפן די הויזן און איז אַרײַן צווישן די פערד.

די מיידלעך האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. אַן אָגער האָט געענטפערט מיט אַ הירזשען און ס'גאַנצע פערד־שטאַל האָט אָפּגעענטפערט.

צווישן קוילן־גרעבער

ס'איז געווען צען אין אָוונט. די ערד, אָן גראָז, אָן ביי־מער, וואָס האָט זיך אַ גאַנץ יולי־טאָג געבאַקן אויף דער זון, האָט זיך מיט דער נאַכט אויך נישט געקענט אָפּקילן.

שווערע וואָלקנס, אָנגעזאָפּטע מיט קוילן־רויך, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די טענעסי־בערג, זײַנען געבליבן שטעקן אין די קענטאָקער טאָלן. די שטיקעניש איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט זי געקענט אָנטאַפּן.

די טאָלן זײַנען געווען באַזעצט מיט קוילנגרעבער, וואָס האָבן געוואוינט אין גרויע צונויפגעקלאַפּטע באַראַקן, אין לײַכטע הילצערנע שטיבלעך. שוין איבער אַ שעה, אַז די קוילנגרעבער האָבן געמאַכט נאַכט. דער קעמפּ „קוילוויל" איז געשלאָפן, איז געלעגן פאַרוויקלט אין אַ נעפּל. בלויז בײַ מאַלי גרייס האָט גע־ברענט אַ נאַפט־לעמפּל. דער געדיכטער נעפּל, וואָס האָט זיך אָוועקגעשטעלט עטלעכע טריט פונם אָפענעם פענסטער, האָט נישט דורכגעלאָזט די שײַן.

מאַלי איז געשטאַנען איבער איר זיבניעריק יינגל, וואָס האָט פון פרילינג אָן געהאַט ס'ל ו י פ ע נ י ש. און אַז דער שילשול האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, האָט ס'יינגל אויף זיך געבעטן דעם טויט. איצט איז ער געשלאָפן און פון שוואַכקייט זײַנען בײַם יינגל אויף די שלייפן אַרויס טונקל־בלויע אָדערן, ווי פּיאַווקעס.

אַן עלטער ייִנגל, אַ צוועלף־יעריקס, האָט זיך אַ דריי געטאָן אויפֿן געלעגער און זיך אײַנגעקוקט אינעם וועק־זייגער, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן פענסטער:

— דער טאַטע האָט שוין געדאַרפט זײַן.

— ווי שפּעט איז דען, דזשעק? — האָט די מוטער איבערגעדרייט דעם לײַדיקן, היִלצערנעם עמער מיטן מויל אַראָפּ און זי האָט זיך צוגעזעצט.

— גיי שלאָפֿן, מאַמע, ס׳איז שוין נאָך צען.

— כ׳וועל שוין צוואַרטן אויפֿן טאַטן, ער דאַרף שוין באַלד קומען.

באָב גרייס, אַ קוילנגרעבער, וואָס האָט שוין וואָכן געשטרײַקט, איז געווען אויף אַ יוניאָן־מיטינג. זײַן נאַכט־עסן — אַ שיסעלע פּאַסאָליעס און „בולדאָג״־ברויטעכץ, פּאַרבריט פֿון מעל, וואַסער און חזיר־שמאַלץ — איז שוין לאַנג געווען קאַלט און פאַרשטאַרט. די ווענט, צונויפגעקלאַפּט פֿון דינע ברעטער, זײַנען געווען אויסגעקלעפּט מיט צײַטונגען. דזשעק האָט מיט מאַטערניש איבערגעלייענט די גרויסע קעפּלעך פֿון די צײַטונגען. ס׳נאַפּט־לעמפּל האָט אָנגעיאָגט שאָטנדלעך, האָבן זיך די בוכשטאַבן צעשאָטן איבער דער וואַנט, ווי דער יעגער דניאל בון, באַוואָפנט און באַוואַקסן ווי נמרוד, איז געהאַנגען אין אַ ראַם.

ס׳ייִנגל איז געווען שטאָלץ מיטן יעגער, וואָס האָט זיך דער ערשטער באַזעצט אין די קענטאָקער בערג, האָט דורכגעהאַקט אַ וועג אין דער ווײַטער „וועסט״. דערצו האָט דער פֿאָטער זיך אויך געגרויסט מיט אים, געטענהט, אַז דניאל בון איז זײַנס אַ קרוב, און ווי אַ געלעגנהייט — דער פֿאָטער פֿאַרציט די פּיפּקע, דערציילט, ווערט נישט מיד איבערצודערציילן בונס אַלע גבורות.

ס׳בעט, די פיר ווענט אויסגעקלעפּט מיט צײַטונגען, דער נידעריקער באַלקן, ס׳נאַפּט־לעמפּל — אַלץ האָט מיט אַמאָל געבומען שוועבן איבערן ייִנגל און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— פאָלג מיך, מאַמע, לאָמיר קריקפּאָרן אין די בערג. דאָ— און ער האָט געוויזן אויפן קראַנקן ברודערל — וועט טעדי נישט געזונט ווערן.

די מוטער, אַ הויכע, אַ ביינערדיקע, האָט זיך אַ וויש געטאָן מיט די שטײַפע פינגער איבער די אויגן, ווי זי וואָלט אָפּגעווישט דעם טרויער, וואָס איז שוין דאָרט געלעגן פון יאָרן; און איבער איר מידן פּנים האָט זיך צעלייגט אַ שמייכל:

— וווהין וועלן מיר פאָרן, קינד מײַנס, ווען די גאָרגלשנײַדערס, די קוילן־מאַגנאַטן, האָבן בײַם טאַטן אַלץ אָנגעקראָגן פאַר אַ נישט־מיט־אַ־גאָרנישט? ס'הויז, ס'שטיקל פעלד, דעם גאָרטן, כ'האָב זיך געבעטן בײַם טאַטן — פאַרקויף נישט. וואָס וועלן מיר, בערג־מענטשן, טאָן אין שטאָט? אַז פון קריכן פון געבוירן אָן אויף די בערג איז בײַ אונדז, בערג־מענטשן, איין פוס קירצער פון צווייטן און אין שטאָט הינקען מיר. נישט פאַר אונדז איז די שטאָט. האָט ער מיך נישט געפאָלגט, דער טאַטע, אַן אײַנגעעשפּאַרטער איז ער שטענדיק געווען...

אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען גרייס, אָן אַ היטל. די טונקעלע, לאַנג שוין נישט געשווירענע, האָר צעפּאַטלט. אַ הויכער, אַ דינער, ווי געצויגן פון דראָט. די הויט דורכגעגעסן פון קוילן־שטויב. די פלייצעס געבויגן, פון גראָבן זיך יאָרן אין קוילן־מינעס. בלויז די אויגן, גרוילעכע אויגן, וואָס האָבן געפינקלט מיט שטאָל, האָבן געקוקט איבער די קעפּ פון די שטוביקע. ער האָט זיך אַ פרעג געטאָן:

ס'האָט מיך דאָ קיינער נישט געזוכט?

— קיינער — האָט ס'ווײַב זיך אויפגעשטעלט, איז געגאַנגען אָנוואַרעמען ס'נאַכט־עסן — ווער האָט דען דיך געדאַרפט זוכן?

— די שפּיר־הינט. מיט טרערן־באָמבעס האָבן זיי צעטריבן דעם מיטינג.

— מיינסט די דעפּיוטי־שעריפס?

— יאָ. און איצט יאָגן זיי זיך נאָך די רעדנער, באַשול־

דיקן זיי אין „קרימינעלן סינדיקאַליזם". דזשאַנען האָבן זי׳ בע־שפּאָלטן דעם קאָפּ.

— דו האָסט דען אויך גערעדט ?

— איך בין געווען פאָרזיצער.

— אויב אַזוי, באַב, וואָלט גלײַכער געווען, זאָלסט אָפּציִען. כאַפּ דיר אַריבער אין די בערג צו טאָמען אויף אַ טאָג, צוויי, ביז ס׳וועט שטילער ווערן.

— די מאַמע איז גערעכט — האָט ס׳צוועלף־יאָריקע ייִנגל זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער.

— דאַכט זיך, מען פאָרט — האָט גרייס זיך אַ לאָז געטאָן צום אָפענעם פענסטער.

אַן אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט אָנגע־קלאַפּט אין טיר. איינמאָל, נאָכאַמאָל, אין אָפענעם פענסטער איז אויסגעוואַקסן אַ קאָפּ:

— וווינט דאָ באַב גרייס ?

און איידער גרייס האָט געענטפערט, האָט די טיר זיך גע־עפנט און צוויי באַוואָפנטע דעפּיוטי־שעריפס זײַנען אַרײַן. דער דיל האָט זיך צעקרעכצט אונטער זייערע פיס.

— מיר האָבן אַ „וואַראַנט" אײַך צו אַרעסטירן, באַב גרייס !

— כ׳וויל זעען דעם „וואַראַנט".

— אָט איז ער — האָט אַ שעריף אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר.

גרייס האָט זיך אַ בויג געטאָן, געוואָלט נעמען ס׳פּאַפּיר, האָט דער צווייטער שעריף עס אַרויסגעכאַפּט:

— ס׳וועט גוט זײַן אָן אַ פּאַפּיר.

— כ׳וויל וויסן, פאַרוואָס איר אַרעסטירט מיך ? — האָט גרייס זיך אַנטקעגנגעשטעלט.

— דאָס וועסטו געוווּיר ווערן בײַם ריכטער, וואָס וואַרט אויף דיר.

אַ דעפּיוטי האָט פאַרצויגן אַ ציגאַרעט און געפרעגט גרייסן:

— ביסט אַ רויטער, אַ קאָמוניסט ?

— ניין.

— ביסט אַ איי־דאָבליו דאָבליו?

— ניין.

— וואָס דען ביסטו?

גרייס האָט נישט געענטפערט. די גרויליקע אויגן האָבן איצט נאָך שטאַרקער געפינקלט. זײַן בליק האָט זיך געשאַרט איבער די ווענט, איבערן געלעגער, ווו דזשעק איז נאַר־וואָס געלעגן. ווו איז ס׳יינגל? טאַקע ווו איז ס׳יינגל? איז ער גע־לאָפן אָנזאָגן די קוילנגרעבער? ער, דזשעק, זײַן צוועלף־יעריקער יונג! שטיקער פײַער האָבן זיך באַבן געהויבן אין האַלדז אַרײַן, אין די אויגן אַרײַן! ער, דזשעק, איז געגאַנגען אָנזאָגן, אַז די גאָרגלשנײַדער זײַנען באַפאַלן באַבן, באַב גרייסן. פיר באַ־וואָפנטע גאָרגלשנײַדער! ווען ער, באַב, האָט איצט אַ ביקס, או—וה!

— הער, באַב — האָט דער צווייטער דעפּיוטי זיך אויסגע־דרייט צו גרייסן, אים כמעט אײַנגערוימט אין אויער — גיב מיר די נעמען פון די לינקע יוניאָן־פירער, זאָג מיר, וויפיל ביקסן און מאַשין־ביקסן זיי האָבן און ווו זיי ליגן באַהאַלטן, וועל איך דיך לאָזן פרײַ.

— ווי קען איך זאָגן, אַז כ׳ווייס נישט — האָט גרייס אַ הייב געטאָן מיט די פּלייצעס.

— כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז ער איז אַ הינטישער זון, אַז ער איז אַ דורכגעטריבענער רויטער — האָט דער דעפּיוטי גענו־מען גיין אויף באַבן — און דו טענהסט נאָך מיט אים אײַן.

ס׳צימערל איז פול געוואָרן מיט פרעמדע. דרײַ, פיר, פינף— ס׳איז מיט אַמאָל געוואָרן ענג. באַב האָט נישט געהאַט קיין פּלאַץ. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין רוקן צו דער טיר. האָט מען אים אַ הייב געטאָן? האָט מען אים אַרויסגעטראָגן? אין די טונקעלע באַראַקן האָבן זיך געצונדן פײַערלעך. טירן האָבן געסקריפּעט, הינט — געבילט. באַב איז שוין געזעסן אין דער מאַשין צווישן צוויי דעפּיוטיס, געהערט ווי די מאַשין סאָפּעט, געהערט ווי מאַלי רײַסט זיך צו אים, ווי דער קראַנקער טעדי

ווינט. און ווו איז דזשעק? אָט פּאָרט שוין די מאַשין.ביידע דעפּיוטיס האָבן געיאָגט דעם אָנטרייַבער:

— שנעלער! גיכער! פאַרדריי דיך מיטן שמאָלן וועג צו די בערג! אָט איז שוין ס׳וועלדל!

פון אַלע זייַטן האָבן זיך געטראָגן קולות:

— פאַרלויפט, ברידער, דעם וועג!

— רעכטס!

— לינקס!

— נידעריקער די ביקסן!

— צילעוועט אין די רעדער!

— אָט אַזוי! אָט אַזוי!

אין דער שטילער, פינסטערער נאַכט האָבן אויפגעטוקט פייַערלעך, זיך פאַרבייַגעטראָגן מיט אַ פייַף. אַ ראָד האָט אַ שאָס געטאָן, אַ צווייטס, אַ דריטס און דער אויטאָמאָביל איז געבליבן שטיין. די דעפּיוטיס האָבן זיך צעשאָטן אין אַלע זייַטן, זייַנען געקראָכן אויף אַלע פיר, געבליבן ליגן אין פינסטערן וועלדל.

— דערשיסן דאַרף מען זיי, די גאָרגלשנייַדערס!

— די הינט!

— מיר וועלן זיי אויפזוכן מיט שייַנוואַרפערס!

— און די קאַטערינקע לאָמיר אונטערצינדן!

— און ווו איז באַב?

— באַב האָט אָפּגעצויגן. ער איז אַוועק מיט די בערג צו טאָמען.

באַב גרייס איז געגאַנגען מיט זייַן צוועלף־יעריקן זון, מיט דזשעקן. דער וועג — שטיינער און נאָדל־ביימלעך — האָט זיך געשניטן באַרג־אַרויף. טאַטע־זון האָבן אויסגעקליבן דאָס שמאָל־סטע, משופּעדיקסטע וועגל, ווו מען האָט זיך געדאַרפט האַלטן פאַר די נאָדל־ביימלעך, מען זאָל זיך נישט אַראָפּקייַקלען אין איינעם מיט די לויזע שטיינער אין אַ טיפן אָפּרייַס אַרייַן.

באַב האָט נאָך איצט אויסגעזען געבויגענער און דאַרער.

בלויז די אויגן האָבן געפינקלט. און כאָטש באַב האָט געזען פאַר זיך אַ נײַ לעבן, וואָס האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט די קאָלטענעוואַטע וועגלעך, האָט ער פונדעסטוועגן צום הונדערטסטן מאָל גענומען דערציילן דעם ייִנגל די מעשה, ווי זייער ווײַטער, גאָר ווײַטער קרוב, ווי דניאל בון, האָט זיך דאָ אין די בערג דורכגעשלאָגן אַ וועג מיט ביקס און פּיסטויל.

באַזיגט

דער פאַרנאַכט, אַ טיף־בלויער, אַ קילער, האָט אויפגעהײַטערט, האָט צענומען די גלידער, ווי אַ גוטער טרונק בראַנפן. בערגלעך בראָנזענע בלעטער, וואָס זײַנען געווען צעשאָטן אַרום שיטערע שטאַמען, האָבן פאַרגרעסערט די פוסטקייט, וואָס האָט אַרויסגעגלאָצט פון צווישן די ביימער. פאַראַנקערטע שיפלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען אינמיטן „אינדיען־לעיק" אין שורות, האָבן פון דערווײַטנס אויסגעזען, ווי קברים. בלעטער, ביימער, טײַך — אַלץ האָט זיך געוויטלט אינם האַרבסטיקן זון־פאַרגאַנג. יונג און אַלט זײַנען אַראָפּ פון די אַספאַלט־וועגן, זיך געשאַרט צווישן די אָנגעשאָטענע בלעטער, וואָס האָבן גערוישט, געקלימפּערט, פאַרטריבן די מידקייט פון די פיס.

אַ חברה יינגלעך זײַנען געווען צעוואָרפן בײַם „אינדיען־לעיק", ווו צוויי קליינע זעגל־שיפלעך האָבן זיך געטראָגן איבערן טײַך, געשניטן דאָס וואַסער פון איין ברעג צום צווייטן. די יינגלעך האָבן זיך געהאַלטן אין איין וועטן, וואָס פאַר אַ שיפל עס וועט פריִער צושווימען צום אַנדערן ברעג.

— איך וועט פינף סענט, אַז דזשאַניס!

— איך אויך!

— און איך וועט, אַז פרענקס!

— דעם נעגערס?

— יאָ, דעם נעגערס, — האָט אַ צוועלף־יאָריק ייִנגל, מיט אַ פּאַרריסענער נאָז און מיט אַ פּאָר קיילעכדיקע אויגן, ווי בײַ אַ הון, זיך צעשריִען, — ס'בלויע שיפל האָט שוין אַריבערגעיאָגט דאָס ווײַסע!

— וועמעס איז דאָס בלויע? פרענקס? דעם נעגערס?

— יאָ, דעם נעגערס.

— און דאָס ווײַסע?

— ס'ווײַסע איז דזשאָניס.

דאָס בלויע שיפל, גרויס ווי אַ שפּילצײַג, האָט זיך געוויגט איבערן געפּאָלדעוועטן וואַסער, אַריבערגעיאָגט דאָס ווײַסע שיפל אויף אַ האַלבן קלאַפטער. דאָס קליינוואַרג האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן געשריי, ווי דאָס וואָלט ניט געווען קיין וועט צווישן צוויי שיפלעך, נאָר אַ פּרײַז־פּײַט. מען האָט זיך אויפן אָרט צע־טיילט אין צוויי גרופּעס. די וואָס האָבן זיך געהאַט געוועט, אַז דזשאָנס שיפל וועט געווינען, האָבן זיך גערופן „ווײַסע". די אַנדערע, וואָס האָבן זיך געוועט אויף פרענקס — „בלויע". די „ווײַסע", וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט אײַנגעשטעלט אַ סענט, האָבן זיך ניט בלויז געבעטן בײַם זעגל־שיפל, וואָס איז געבליבן הינטערשטעליק, נאָר אויך צוגעגעבן דעם שיפל קוראַזש, ביז אויפגעהערט עס צו מינטערן:

— קאָם אָן, דזשאָני, קאָם אָן! רעכטס! אַזוי! נעם זיך רעכטס, דזשאָני, וועסטו פרענקן אַריבעריאָגן!

און די „בלויע", האַלב־באָרוועסע, האַלב־אָפּגעריסענע, וואָס זײַנען געשטאַנען מיט ברייט־צעעפנטע מײַלער, האָבן פון פרייד אונטערגעשפּרונגען. זיי האָבן זיך ניט געבעטן. זייערע קולות האָבן זיך געטראָגן, ווי אַ מלחמה־רוף פון אַ שטאַרקערן, וואָס איז זיכער, אַז ער וועט געווינען. די „בלויע" האָבן איבערגעשריִען די „ווײַסע", זיי פאַרהילכט און איבערן טײַך און פּאַרק האָט זיך געטראָגן דעם מלחמה־רוף:

— קאָם אָן, פרענק, קאָם אָן! דו האָסט דזשאָנין שוין אַריבערגעיאָגט! כ'וועט פינף „בלויע" סענט צו יעדער פאַרשאָל־טענער פּעני פון אַ „ווײַסן".

— איך אויך!

— איך אויך!

— און איך, — האָט זיך אַרויסגערוקט אַ צוועלף־יאָריק בחורל מיט אַ סיגאַרעט אין מויל, — איך וועל אויף פרענקס שיפל קיין צעבראָכענעם סענט ניט אײַנשטעלן!

— וועסט פאַרלירן! — האָט זיך אַרויסגערוקט אַ ייִנגל אין ווײַבערשע שיך.

— וויפיל וועטסטו, אַז ניט?

— כ׳וועט דײַן לײַב און לעבן, אַז יאָ!

— כ׳וועט דײַן פאַרשאָלטן לײַב און לעבן, אַז ניט!

— כ׳וועט דײַן גאָט־פאַרשאָלטן לײַב און לעבן, דײַן פאָטערס לײַב און לעבן, דײַן מוטערס לײַב און לעבן, אַז דו וועסט פאַרלירן!

— וועל איך!

דערווײַל האָט פרענקס שיפל זיך געהאַלטן אין איין דערווײַטערן פון דזשאָניס. די „ווײַסע" זײַנען איינציקווײַז אַנטשוויגן געוואָרן, האָבן שלום געמאַכט, אַז דאָס אײַנגעשטעלטע געלט — ווער אַ סענט, ווער צוויי, ווער פינף, — איז פאַרשפּילט. די „בלויע" האָבן געטומלט, געהאַלטן אין איין אונטערלויפן צו דזשאָנין, זיך געקרײַצט מיט אים:

— דו מעגסט שוין אויסצאָלן, דזשאָני.

— כ׳האָב צײַט, — איז דער געלער דזשאָן מיט די זומער־שפּרענקלעך אַזוי בלייך געוואָרן, ווי נאָר געלע קאָנען בלאַס ווערן.

— אַז דײַן קריגסשיף גייט גראָד אויף צוריק, — האָט אַ ייִנגל גנביש אַ קוועטש געטאָן מיט אַן אויג.

— זאָל דיר דײַן קאָפּ ניט דאַרן!

— ס׳גייט טאַקע אויף צוריק!

— גייט עס!

— געוווּנען האָט טאַקע פרענק!

— ניט בײַ מיר! — האָט זיך אַרויסגערוקט פּיט, דזשאָניס צען־יאָריק ברודערל.

פיטן האָט די ניכפּה געגעסן. ער איז ניט אײַנגעשטאַנען. די הענט האָבן זיך בײַ אים געצבײַלט, די פיס געהויבן. אויף אַזאַ חרפּה האָט ער זיך ניט געריכט. עס האָט אים ווי געטאָן, שטאַרק ווי געטאָן, וואָס דער ברודער דזשאַני וועט זיך איצט ניט קאָנען ווײַזן אויף ברוק עווענין. ווען פרענק איז ניט קיין נעגער, וואָלט ער נאָך הײַנט איבערגענומען די פירערשאַפט איבער דער „גענג". דער ברודער, דזשאַני, האָט סײַ־ווי־סײַ אַלץ פאַרלוירן. ער, פיט, אויך. און וואָס פרייען זיך אַזוי פרענקס ברידער? דער צען־יאָריקער בוקערט און דער זעקס־יאָריקער טאָם? דאָס בלויע שיפל טאָר ניט געווינען, וועט ניט געווינען. און וואָס שרײַען אַזוי די חברה?

— קאָם אָן, פרענק, קאָם אָן! האָסט געגעבן דזשאַנין דעם אמתען „נאָקאַוט"... הוריי!

פיט האָט צווישן דיביימער אויפגעזוכט אַ פלאַטשיקן שטיין. און ווי די חברה האָבן זיך צעוואָרפן איבערן ברעג, גערופן דאָס בלויע זעגל־שיפל מיט די מײַלער, מיט די אויגן, מיט די הענט, האָט פיט אַ שלײַדער געטאָן דעם שטיין. דער טײַך האָט זיך צעפליוסקעט, אָפגעשפריצט די חברה און דאָס בלויע זעגל־שיפל האָט זיך איבערגעדרייט און אונטערגעטונקט.

עס איז געוואָרן אַ ווײַל אומאָנגענעם שטיל. אויגן, בייזע, איבערגעשראָקענע, זײַנען געלאָפן פון שיפל צו פיטן. מײַלער האָבן געגוואַלדעוועט:

— פרענק האָט סײַ־ווי געוווּנען!

— און נאָך ווי געוווּנען!

— דזשאַני וועט צאָלן!

— וועט קרעכצן און צאָלן!

— און פיטן דאַרף מען אונטערהאַקן אַן אויג!

דערווײַל איז דער צען־יאָריקער בוקערט אָנגעלאָפן אויף פיטן מיט אַזאַ רציחה, אַז פיט האָט זיך גענומען רוקן אויף צוריק, געזוכט אַ זיכער פּלאַץ, וווּ זיך אָוועקצושטעלן. און ווי נאָר פיט האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיט געבײַלטע פויסטן, מיט אַן אָנגע־

בויגענעם קאָפּ, האָט ער אָנגעהויבן בוקערטן אַזוי שנעל פּלעמען אונטער דער גאָמבע, אַז בוקערט האָט זיך איבערגעדרייט. דער זעקס=יאָריקער טאַם, ווי אַן איבערגעשראָקן חיהלע, האָט זיך צעשריגן:

— פרענק, די פאַרשאָלטענע הרגענען בוקערטן!

פרענק איז אָנגעלאָפן. נאָך אים — דזשאַני. ביידע איין עלטער, כמעט איין הייך. פון זיך אַליין איז אויסגעוואַקסן אַ ליידיק שטיקל שטח. פון איין זײַט שטח איז געשטאַנען דזשאַני, פון צווייטן — פרענק. דער צעשלאָגענער פּיט האָט געמונטערט דעם ברודער זײַנעם:

— גיב אים, דזשאַני! גיב אים! אַזאַ אויסגעשמירטער הינטן!

בוקערט און טאַם, מיט גרויסע איבערגעשראָקענע אויגן, האָבן זיך געררוקט הינטער פרענקן, געפילט, אַז קיין גוטס וועט דאָ ניט אַרויסקומען. ביידע ברידערלעך האָבן געשוויגן.

פרענק און דזשאַני, ווי צערייצטע בעקלעך, זײַנען אָנגעלאָפן איינער אויפן צווייטן מיט די קעפּ אויף אַפּריָער. ביידע האָבן זיך פאַרמאָסטן, ניט געטראָפן. און מיט אַמאָל האָט דזשאַני געוואָלט אויסמײַדן פרענקס אַ קלאַפּ. ער האָט זיך צוגעזעצט, און פרענקס פויסט איז אים אַרײַן גלײַך אין אויג אַרײַן. פון דעם קלאַפּ האָט דזשאַני זיך אַ וואַקל געטאָן. ייִנגלעך האָבן אים אונטערגעכאַפּט ער זאָל ניט פאַלן. ס'רעכטע אויג איז בײַ דזשאַנין פאַרלאָפן געוואָרן. ער האָט זיך ווידער געוואָרפן אויף פרענקן.

פרענק האָט געשלאָגן, ווו ער האָט נאָר געטראָפן, געהאַמערט מיט די פויסטן און מיט אַמאָל האָט ער אים אַ שאָס געטאָן אין די ציין, אַז דזשאַני האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט בלוט.

— גענוג! גענוג! — האָט מען געשריִען פון אַלע זײַטן.

די חברה האָבן גענומען די שלעגערס. דזשאַני מיט פּיטן האָבן זיך געלאָזט רעכטס. פרענק מיט בוקערטן און מיט טאַמען — לינקס. די אויגן בײַ בוקערטן און טאַמען האָבן זיך

מער ניט געשראָקן, געקוקט מיט שטאָלץ אויפן שטאַרקן ברודער, אויף פרענקן. און דער זעקס־יאָריקער טאַם האָט אונטערגע־שפּרונגען ווי אַ שוואַרץ ציגעלע, זיך באַלעקט מיטן רויטן צינגל און אַלץ אין אים האָט זיך איבערגענומען, וואָס די שוואַרצע ראַסע האָט באַזיגט די ווײַסע.

אַ לעקציע

דער חבר, וואָס האָט לילין איבערגעגעבן דעם קלאַס אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע און קלאַסנקאַמף, האָט איר אָנגעזאָגט:

— הערסט, לילי, דער עולם איז אַ צוריקגעשטאַנענער, אַ ווילדער, פריילעכע יאַטן. קודם־כל דאַרף מען זען זיי זאָלן בײַ זיך אַליין ווערן דערהויבן. מען דאַרף פון זיי אַרויסשלאָגן די הכנעה און דעם דרך־ארץ צום ווײַסן, ווי צו אייגעם, וואָס דאַרף הערשן, דאַרף רעגירן. דאָס קאָן מען דערגרייכן אין איין, העכסטנס אין צוויי לעקציעס. און ערשט דעמאָלט, צווישן שמועסן איבער קלאַסנקאַמף, וועסטו אויך קענען רעדן איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

לילי האָט זיך געגרייט צו דער לעקציע אַ גאַנצן טאָג. זי איז געווען גליקלעך, ווען זי האָט אויסגעפונען, אַז פּושקין שטאַמט פון נעגערס, אַז דיומאַ שטאַמט פון נעגערס, אַז אין זעכצנטן יאָרהונדערט האָט אַ סודאַנער נעגער אָנגעשריבן איבער פערציק ביכער. זי וועט זיי זאָגן, אַז די ווײַסע האָבן בײַ די נעגערס צוגענומען ס'לשון, די ווײַבער, די קינדער, אַז די ווײַסע האָבן פאַרוואַנדלט אַ גאַנץ פאָלק אין שיף־פּוצער, אין קנעכט. די וועלט איז שולדיק דעם נעגער, שולדיק אַ סך, און נאָר דורך קלאַסנ־קאַמף וועלן די לעצטע ווערן די ערשטע.

אַן אויפגעהייטערטע, אַן אָנגעלאָדענע, ווי אַ בין, איז די נײַנצן־יאָריקע לילי, פּונקט אַכט אין אָוונט, אָנגעקומען אין דער קינדער־שול, וווּ מען האָט שוין געוואַרט אויף איר. זי האָט באַ־גריסט דעם עולם:

— גוטן אָוונט, חברים!

זעכצן מענער און פיר פרויען, וואָס זײַנען געזעסן אַרום די קלײנע קינדער־בענק, האָבן געענטפערט מיט אַמאָל:

— גוטן אָוונט, חברטע לערערין!

זײ האָבן געהאַלטן די צעוואַקסענע פיס, ווי אין אַ קלעם. די בענק זײַנען געווען אַלטע, אַרומגעגריזשעטע, ווי בײַטאָג וואָלטן אין צימער נישט געזעסן קײן קינדער, נאָר ווילדע חיהלעך.

ווען לילי האָט אַוועקגעלײגט אירע ביכער און נאָטיצן און זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ קלײן טישל, האָבן נישט בלויז די אָפּ־געקראָכענע ווענט, די בילדער, — מאַרקס, לענין, פּרץ, שלום־עליכם — וואָס האָבן געהאַנגען אויף די ווענט, נאָר דאָס גאַנצע טונקעלע צימער מיט די האַלב־אויסגעברענטע לעמפּלעך, אַלץ האָט געגומען פלייצן, האָט זיך אײַנגעזאַפּט אין לילים בליק, ווי אין לעש־פּאַפּיר. לילים בליק איז נאָך געוואָרן קלאָרער, ליכטיקער, גרייט געווען אויפצונעמען די צוואַנציק פּאָר אויגן, טרויעריקע אויגן, וואָס האָבן זיך געצויגן צו איר. זי האָט קײנמאָל נישט געהאַט געזען אַזוי פיל טרויער אין אײן צימער. דאָס יונגע, הייסע האַרץ האָט זיך געריסן פונם שמאָלן גוף, געוואָלט אײַנ־זאַפּן דעם טרויער, ווי פרילינג זאַפּט אײַן די פאַרוויינטע רעשט־לעך ווינטער. לילי האָט זיך אַ הייב געטאָן פון בענקל. זי איז צוגעגאַנגען נעענטער צו די איבערגעוואַקסענע תּלמידים און די אויגן אירע, איבערגעשראָקענע פון צופיל גוטסקייט, האָבן געניש־טערט, פאַרטשעפּעט דעם תּלמיד, יענעם. זי האָט געוואָלט, ווי אַן אייגענער מענטש, ווי אַ חבר, זיך אַוועקזעצן לעבן דעם מיאוסטן תּלמיד, איז ווי אויף צו להכעיס, האָבן אַלע בײַ איר איצט אויסגעזען שיין. ס'איז איר אײַנגעפאַלן, אַז מיאוס־שיין איז אַן אײַנרעדעניש, ס'ווענדט זיך מיט וואָסערע אויגן מען קוקט.

און אירע אויגן, ווייכע, גרויע, וואָס האָבן זיך איבערגע־גאָסן און אויפגעלויכטן פון באַהאַלטענער פרייד, האָבן אָנגע־שטעקט די תּלמידים. דער טרויער אויף זייערע טונקעלע פּנימער האָט גענומען אויסרינען, איז נישט געוואָרן.

לילי איז אַרײַן צווישן די תּלמידים. די חברים האָבן גע־מאַכט פּלאַץ. זי האָט זיך צוגעזעצט. ס'קורצע קלייד איז קיר־צער געוואָרן, אָפּגעדעקט די שמאָלע פיס, און די צוגעשווירענע ברוינע האָר, וואָס האָבן זיך צעלייגט אין אַ שרינט, זײַנען גע־פאַלן איבער די קוים־פאַררויטלטע באַקן.

לילי האָט זיך צערעדט.

זי האָט אָנגעוואָרפן איין בילד נאָכן צווייטן, אַרײַנגעפלאָכטן די מלכּה־שבֿא, דאָס לאַנד כּוש, ווו קאָלירטע פּאָפּוגײַען פלאַפּלען טאָג און נאַכט, דאָס הונדערט־יעריקע קנעכטשאַפט, דעם פאַרשאַרפטן קלאַסנקאַמף, וואָס איז געקומען מיט דער אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע.

און אין דעם קליינעם צימער, ווו ווערטער, צאַפּלדיקע ווערטער, האָבן זיך געקײַקלט און איבערגעלאָזט נאָך זיך חלומות— אין דעם צימער האָט לילי'ס קול געקלונגען ווי אַ מלחמה־רוף.

זי איז אַראָפּ פון באַנק, ווו אַ יונג איז געזעסן. ווילעריש, ווי אַ יונג, האָט זי אַ וואָרף געטאָן די פּאַסמעס האָר, וואָס זײַנען געלעגן אין די אויגן, און אַ כאַפּ געטאָן פונם טיש אַ בוך:

— ווער פון אײַך, חברים, האָט געהערט פונם יונגן דיכ־טער לאַנגסטאָן היוז? קיינער? אָט וועל איך אײַך איבער־לייענען זײַנס אַ ליד:

„ ... איך, אויך, זינג אַמעריקע.
איך בין דער טונקעלער ברודער.
זיי שיקן מיך עסן אין קיך,
ווען געסט קומען.
איך אָבער לאַך
און עס צו דער זאַט
און ווער אַלץ שטאַרקער.
מאָרגן
וועל איך זיצן בײַם טיש
ווען געסט וועלן קומען.
דעמאָלט —

קיינער וועט קיין העזה נישט האָבן
צו זאָגן:
„עס איז קיך".
זיי וועלן דערזען, ווי שיין איך בין
און בלייבן פאַרשעמט, —
איך, אויך, בין אַמעריקע".

צוואַנציק פּאָר אויגן האָבן זיך אַ צינד געטאָן, געשריפּט מיט דאַנקבאַרקייט. און הינטער די טונקעלע שטערנס האָט געשוועבט, ווי אין אַ תוהו־ובוהו, אַן אָפּקלאַנג פון אַ זינדיקער מחשבה, אָן אַ פאָרם, אָן אַ נאָמען, וואָס האָט, דאַכט זיך, קיין שייכות נישט געהאַט מיט לילין.

— ער איז גערעכט, — האָט זיך אַ תּלמיד אָנגערופן.

— דער קאַמעראַד פּאָעט איז גערעכט, — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט.

לילים קול — קלאָר און העל — האָט זיך געטראָגן איבערן צימער:

— חברים, איר ווייסט מיט וואָס אַמעריקע נעמט זיך איבער? מיט איר דזשעז, מיט אירע „ספּיריטשועלס", מיט איר פאָלקלאָר! אויב ס'איז דאָ אין אַמעריקע אַ פאָלק־טראַדיציע, אַן אייגענער זשאַנר, האָט איר, שוואַרצע, עס געשאַפן, נישט מיר, די ווייסע, וואָס האָבן געלעבט מיט אייראָפּע און נאָכגעקרימט אייראָפּע. און אַפילו דאָרט, ווו דער נעגער האָט איבערגענומען פונם ווייסן — כ'מיין רעליגיע — אפילו אין רעליגיע האָט דער נעגער אַריינגעטראָגן אַ נייע פאָרם, זיין פאָרם.

אָן די אויגן פון די צוהערער האָט לילי דערקענט, אַז זי האָט זיך פאַררעדט, אַז דער עולם כאַפּט נישט, וואָס זי זאָגט, אַז מען דאַרף רעדן אַנדערש און פּשוטער. איז ווי נאָך רעדט מען, ווען די ווערטער האָבן זיך ערגעץ פאַרפּלאָנטערט, קומען נישט און די באַקן פלאַמען? נאָך גוט, וואָס אַ חבר האָט אַ הייב געטאָן צוויי פינגער.

לילי האָט זיך אַ בויג געטאָן צו אים:

— איר ווילט עפּעס זאָגן?

דער חבר, צווי מאָל אַזוי הויך ווי לילי, האָט זיך אַ שטעל געטאָן און מיט זײַן גרײ ס פֿאַרשטעלט די שײַן פֿון די עלעקטרישע לעמפּלעך. ער האָט אָפּגעהוסט:

— קאַמעראַד לערער, נישט אַלץ, וואָס דער קאַמעראַד האָט גערעדט, האָב איך פֿאַרשטאַנען, כ׳פֿיל אָבער, אַז דער קאַמעראַד האַלט מיט אונדז, מיטן געקריוודעטן, טונקעלן ברודער. דאָס איז אָל־רײַט!

— ווי נאָך קאָנען מיר פֿאַרלאַנגען דער ווײַסער זאָל אונדז האַלטן פֿאַר אַ גלײַכן, — האָט אַ צווייטער זיך אַ שטעל געטאָן און זיך אַרײַנגעריסן דעם ערשטן אין די רייד — ווען מיר, שוואַרצע, האַלטן פֿון זיך אַליין ניט?

— זאָג עס נאָכאַמאָל, בוקערט — האָט אַ דריטער זיך אָנגערופֿן.

— און אַז אַן אונדזעריקער האָט שלעכטע מאַנירן — האָט בוקערט זיך אַרויסגערוקט — זאָגן מיר ניט, אַז ער האָט געגנלעך פֿון אַ נעגער?

— מיר זאָגן!

— אַוודאי זאָגן מיר!

— און דער שענסטער קאָמפּלימענט בײַ אַ שוואַרץ מיידל איז, — ווען מען זאָגט איר, אַז זי זעט אויס ווי אַ ווײַסע!

— איך האָב אַליין געהערט, — האָט דער ערשטער, דער הויכער, אַוועקגעשאַרט די אַנדערע צווי רעדנער — ווי אונדזעריקע צווי רעדנער טיילן אײַן ווײַבער אין אויטאָמאָבילן. אַ שוואַרצע, אַ נעגערטע, איז בײַ זיי אַ בילִיק „פֿאַרדל", אַ מולאַטקע — אַ קערילאַק, און אַ ווײַסע — אַ פּעקאַרד.

אַלע, די מענער, די ווײַבער, האָבן זיך צעלאַכט, ווי נאָר נעגערס קאָנען לאַכן. לילי האָט מיטגעלאַכט. זי האָט געוואָלט אַרײַנציִען די פֿרויען, וואָס האָבן די גאַנצע צײַט געשוויגן, אינם שמועס און אַ זאָג געטאָן:

— און איר, חברטעס, איר האָט גאָרנישט, וואָס צו זאָגן?

די פֿיר פֿרויען האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם שמייכל און געשוויגן.

— כ'מיין מיט אַן אמת — האָט לילי זיך אַ שאַר געטאָן צו די חברטעס — האָב איך אַ גאַנצן אָוונט גערעדט וועגן דעם נעגערס פאַרגאַנגענהייט, וועגן זײַן חלק אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, אין דער אַמעריקאַנער מוזיק, וועגן קלאַסנקאַמף...

בשעת לילי האָט גערעדט, האָט זיך אַ חברטע אַ שטעל געטאָן. אַ צוואַקסענע, אַ לײַביקע, די קאַרבירטע האָר גלאַנציק, ווי בײַ אַ מאָרזש, איז זי אַפּער פון הינטער דער באַנק, געקוקט אויף די חברים, אויף לילין און אָנגעהויבן:

— קאַמעראַד לערערין... כ'וואָלט געוואָלט פרעגן...

— ביטע, ביטע.

— כ'וואָלט געוואָלט פרעגן, — איז זי געוואָרן דרייסטער — ווו איז יושר? אויב יאָ קלאַסנקאַמף, אויב מיר זײַנען יאָ גלײַך צו די ווײַסע, פאַרוואָס נעמען די ווײַסע צו אונדזערע מענער? כ'מיין עס, כ'מיין עס מיט אַן אמת!

דער עולם האָט זיך אַזש אַ הייב געטאָן פון די בענק. און פון געלעכטער האָבן ווענט און פענסטער געציטערט.

ע פ י

עפי איז געשטאַנען אויף דער הינטערשטער וועראַנדע, וואָס צום וואַלד צו, און האָט געקוקט ווי דער טאָג זעצט זיך. ביימער, לאָנקעס, מעקעדיקע קי — אַלץ האָט געפלייצט, אַלץ איז געבליבן שטעקן אין אירע גרויסע, טרויעריקע אויגן.

דער פאַרנאַכט האָט זיך געקנייטשט, האָט זיך געשאָטנט, האָט זיך צעלייגט איבער איר פּנים, וואָס איז אַזוי אויך געווען ברוין און טונקל.

דאָס שטילע „קאָלאָניעל"־הויז אין עק שטאָט, פון וואַנען די מוטער, אַ ווייסע, איז מיט יאָרן קריק פאַרשוווּנדן, האָט זיך נישט אַרויסגעזען פון צופיל ביימער און קריך־פלאַנצן. דער ברודער, עריק, וואָס איז אַנטלאָפן פון יעיל, נישט געקענט אויסהאַלטן פון די ווייסע סטודענטן, האָט זיך געדרייט איבער די ליידיקע, פאַרוואָרלאָזטע צימערן און געליטן פון מרה־שחורה. דער פאָטער, דאָקטאָר פרענק דזשאָנסאָן, אַ שוואַרצער, איז שטענדיק געזעסן איבער מעדיצינישע זשורנאַלן. ער איז געווען קאַלט צו די קינדער, כמעט נישט גערעדט מיט זיי, ווי זיי וואָלטן געווען פרעמדע. און עפי? זי איז געווען, ווי אַ יונגער פויגל, וואָס מען האָט טאַטע־מאַמע דערשאָסן, און זי, עפי, דאַרף זיך אַליין דערנערן. זי איז נאָך קיין זיבעצן יאָר נישט אַלט געווען און די פרוי אין איר האָט אַרויסגעשריגן פון די טרויעריקע אויגן, פון די בויגיקע, שמאָלע פלייצעס. זי האָט שפּאַצירט מיטן אַרכי־

טעקט, מיטן יונגן אַפּטייקער, מיטן נאָך ייִנגערן דענטיסט—שפּאַ־צירט אין וואַלד, פֿאַרקראָכן מיט זיי אין געהיימע ברײַזלעך.

עפּי האָט נישט געקענט אײַנזיצן אין שטוב, ווי שטילקייט און מרה־שחורה האָבן זי געטריבן אין וואַלד אַרײַן, אין פֿעלד אַרײַן, פֿאַרשטאַרקט די בענקעניש נאָך דער מוטער, וואָס זי, עפּי, האָט נישט געקענט.

ס'האָט אָנגעהויבן צו ווערן נאַכט. דאָס פֿינסטערניש, וואָס איז געקראָכן פֿון וואַלד, פֿון די לאָנקעס, געקראָכן שטיל און שווער, האָט אײַנגעהילט די וועראַנדע, ווו עפּי איז מיט די פּליי־צעס געשטאַנען אײַנגעשפּאַרט לעבן אַ הילצערנער קאָלאָנע.

אַ פֿאַרשטיקט געוויין האָט זיך געקנוילט אין איר. די זי־בעצן יאָר האָבן זיך געוויקלט אַרום די דינע, שמאָלע פּלייצעס, אַרום דעם אויסגעבויגענעם האַלדז, אַרום דעם צעקנייטשטן, אויס־געשמירטן קלייד, וואָס זי האָט געוואָלט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך.

עפּי האָט זיך צעוויינט אויפֿן קול.

דער ברודער, עריק, וואָס איז נישט ענלעך געווען אויפֿן פֿאָטער, אויף דער שוועסטער, איז אונטערגעקומען מיט ווייכע, לײַכטע טריט. די אַפֿריקאַנער זיידעס האָבן אַרויסגעשריגן פֿון זײַנע געקרײַזלטע האָר, פֿון דער פֿלאַטשיקער נאָז, פֿון גרויסן מויל מיט די לעבער־ליפּן. און אַז די מאַמע איז געווען אַ ווײַסע, דער טאַטע אַ מולאַט, איז וואָס? ס'לעבן האָט נקמה גענומען, באַשאַפֿן אַ פּרצוף, וואָס וואָלט געגנוג געווען פֿאַר צען נעגערשע דורות. מרה־שחורה און ביטול, וואָס זענען געלעגן אין עריקס אויגן, אַרום די ליפּן, האָבן זיך צעשפּילט אין אים. ער האָט אַ פֿרעג געטאָן די שוועסטער:

— וואָס איז, עפּי, וואָס וויינסטו?

עפּי האָט אַרײַנגעכאַפּט ס'פּנים אין די הענט, אָנגעשפּאַרט די הענט אָן דער הילצערנער קאָלאָנע און זיך געבעטן בײַם ברו־דער:

— לאָז מיך צורו.

— וואָס, עפּי? וואָלטער, דײַן דענטיסט, דער הינטישער זון — איז דער ברודער צוגעשטאַנען צו דער שוועסטער, געוואָלט איר אַ קוק טאָן אין פּנים אַרײַן.

עפּי האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים. מיט אַ שפּרײַז איז זי אַריבער אויף דער צווייטער זײַט וועראַנדע. ס׳גאַנצע לײַב אירס האָט זיך גענומען קאָרטשען און דרייען, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס אַרויסוואַרפן פון זיך און האָט נישט געקענט. פון דעם בויגיקן האַלדז האָבן זיך געריסן שטיקער קולות, הייזעריקע, פאַרשטיקטע, און מיטאַמאָל — אַ פאַרשפּיצט היילן, ווי אַ חיה וואָלט זיך צעוויינט.

— ווער וויינט? — האָט דער פאָטער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אויף דער וועראַנדע.

— עפּי — האָט דער ברודער געענטפערט.

— וואָס וויינט זי?

— זי וויל נישט זאָגן.

די נאַכט האָט עפּי פאַרשטעלט. עריק האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, דערזען בײַם פלאַקער פון שוועבעלע, אַז עפּי בלוטיקט, ס׳ווײַסע קלייד איז אויסגעשמירט מיט בלוט. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— טאַטע!

דאָקטאָר דזשאָנסאָן איז אַרויס אויף דער וועראַנדע מיט אַ מעדיצינישן זשורנאַל. דער פאָטער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געפּיעשטשעט די טאָכטער, האָט איצט אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף איר אַקסל:

— וואָס איז, עפּי, טאָכטער מײַנע?

דער פאָטער איז מיט איר אַרײַן צו זיך אין צימער. דער ברודער, אַ געבויגענער, האָט צוגעלייגט אַן אויער צו דער וואַנט, ווי ער וואָלט זיך אײַנגעהערט. דער פאָטער איז געבליבן אַ לענגערע צײַט מיט דער טאָכטער, און אַז ער איז קריק אַרויס, האָבן זײַנע אויגן זיך געצונדן, ווי פּאָספאָר, געזוכט דעם זון. ער האָט געשפּרײַזט און גערעדט צו זיך:

— מײַן אָרעם מיידל! מײַן אָרעמע עפּי!

עריק האָט אָפּגעשטעלט דעם פאָטער:

— אויב ס'איז אמת, טאַטע, וועל איך אים דערשיסן! דערשיסן, ווי אַ הונט! די ווײַסע בעסטיע! ווער, זאָגט זי? וואָלטער?

דער פאָטער האָט באַלד נישט געענטפערט. אַ הויכער, אַזש געבויגן פון צופיל הייך. די טונקעלע האָר זײַנען געפאַלן פּאַסמעסווײַז איבערן גרויסן שטערן, איבער די ווײַסע שלייפן. שווער געווען צו זאָגן, אַז אין אים רינט נעגעריש בלוט. ער האָט געקוקט אויפן זון און זיך אָנגערופן:

— און אַז דו וועסט וואָלטערן דערשיסן, וואָס וועט עפּעס דערפון געווינען? די גאַנצע שטאָט וועט זיך דערוויסן, און עפּעס וועט זיך קיינעם אויף די אויגן נישט קענען ווײַזן. ס'איז דאָ איין וועג — וואָלטער זאָל מיט איר חתונה האָבן.

— ער וועט נישט, טאַטע!

— וועלן מיר שפּעטער זען!

דאָקטאָר דזשאָנסאָן איז אַרײַן צו זיך אין קאַבינעט. ער האָט געעפנט אַ שויבן־שענקל, געגנישטערט צווישן די בלאַנקנדיקע אינסטרומענטן, זיי געלייגט אין אַ קלייגער לעדערנער וואַליזע. ער איז אַרויס צום זון:

— עריק, פיר אַרויס דעם אויטאָמאָביל.

דער דאָקטאָר האָט זיך געזעצט בײַם ראָד. עריק האָט אַראָפּגערוקט דעם קעפּ איבער די אויגן און איז אַרײַן אינעווייניק. ער האָט זיך געזעצט פון הינטן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, און נישט געהערט, ווי די מאַשין האָט גענומען גיין, נישט געהערט, ווי זי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

בײַ זיך אויפן הויף איז געשטאַנען וואָלטער אָן אַ ראָק. ער האָט געראויכערט אַ ציגאַר און באַטראַכט זײַן נײַעם פּעקאַרד. וואָלטער האָט דערזען דזשאָנסאָנען און דערפילט, ווי ס'בלוט רינט בײַ אים אָפּ פון די שלייפן. ער האָט געטאַמעוועט אין זיך די שרעק און זיך צוגעגעבן קוראַזש:

— האַלאָ, דאָקטאָר דזשאָנסאָן!

דזשאָנסאָן האָט נישט געענטפערט און גלײַך אָנגעהויבן:

— עפי איז קראַנק...

וואָלטער האָט געעפנט אַ פּאָר בלויע, אומשולדיקע אויגן, ווי ער וואָלט פון קיין זאַך נישט געוווּסט.

דאָקטאָר דזשאָנסאָן האָט אויפגעציטערט, גערעדט שטיל, גאָר שטיל:

— ווען דו, וואָלטער, וואָלסט געווען אַ לײַטישער מענטש, וואָלסטו נישט געוואַרט, ביז עפּיס פֿאָטער וועט קומען צו דיר... וואָלסט שוין לאַנג געווען בײַ מיר, וואָלסט געבעטן, כ׳זאָל דיר מוחל זײַן...

וואָלטערן איז אָפּגערונען ס׳בלוט פון פּנים. ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— וואָס איז? וואָס איז דען געשען?

— שווײַג? — איז דזשאָנסאָנס אויבערשטער האַלבער קערפּער אויפגעשפּרונגען, ווי אַ קלינג פון אַ מעסער — שווײַג, דען כ׳זאָג נישט גוט פּאַר מיר! כ׳וויל, זאָלסט חתונה האָבן מיט מײַן טאָכטער, מיט עפּין!

— חתונה האָבן? — האָט וואָלטער זיך גענומען רוקן אויף קריק — מײַנע עלטערן וועלן דאָס קײנמאָל נישט דערלאָזן!

— זיי וועלן קײנמאָל נישט דערלאָזן — האָט דאָקטאָר דזשאָנסאָן אים איבערגעקרימט און מיט ביטול געצויגן די ווערטער — אויב זיי וועלן נישט דערלאָזן, זאָג זיך אָפּ פון די עלטערן.

וואָלטער האָט געשוויגן.

— וואָס שווײַגסטו?

— כ׳קען נישט צוזאָגן.

— קענסט נישט?

— ניין.

— ווייסטו כאָטש, אַז עפּי האָט צוזאַמענגעבראָכן?... ליגט צו בעט... איז קראַנק... ווילסט זי גאָרנישט זען?

— מען קען דען זי זען?

— יאָ — האָט דזשאָנסאָן אָן עפּן געטאָן ס׳טירל פונם אויטאָמאָביל און זיך אַ שטעל געטאָן מיט דער גאַנצער הייך איבער

וואָלטערן, אַז דער דענטיסט האָט געמוזט אַרײַן אין דער מאַשין — יאָ, מען קען זי זען.

די מאַשין האָט זיך געטראָגן צום דאָקטאָר און אַז זי איז פאַרבײַגעלאָפן דזשאָנסאָנס הויז, האָט וואָלטער זיך אָנגערופן:

— דאָקטאָר דזשאָנסאָן, איר זענט שוין אַריבערגעפאָרן.

— כ'ווייס — האָט דער דאָקטאָר פעסט געהאַלטן ס'ראָד, זיך געריסן מיט דער מאַשין אין וואַלד אַרײַן.

— וואוהין פירט איר מיך? — האָט ס'קול בײַ וואָלטערן געציטערט.

— ווו דו האָסט געפירט מיין שוועסטער — האָט עריק, וואָס איז די גאַנצע צײַט געלעגן אין אַ פינסטער ווינקל, זיך אָנגערופן.

וואָלטערס בלויע אויגן זײַנען פון שרעק גרין געוואָרן, עריקס — האָבן געשרפעט, ווי צעהיצטער בורשטין. די אויגן האָבן געגנישטערט אין דער פינסטער. אַ רגע, צוויי, דרײַ. די בליקן האָבן זיך פאַרטשעפעט, זיך פאַרמאָסטן — ווער וועם, ווער וועם? אַפריקע איז בײַגעקומען אַמעריקע. וואָלטער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און ס'קול זײַנס, אַן אָנגעשפּאָלטנס, האָט זיך געפרעגט, האָט זיך געבעטן:

— וואָס גייט איר מיט מיר טאָן? איר גייט מיך שיסן?

— ניין, ווײַסע בעסטיע, נישט שיסן — האָט עריק מיט זײַן גאַנצער גבורה זיך אַ וואָרף געטאָן אויף וואָלטערן און אים אָנגעטאָן אַ כלאָראָפּאָרם־מאַסקע — מיר וועלן דיך נישט שיסן! מיר וועלן דיך מסרס זײַן! מיר וועלן דיך קאַסטרירן ווי אַ ווילדן אָגער!

גערעכטיקייט

קעפּ, קעפּ, קעפּ. קעפּ אין די טויזנטער, קעפּ אין די צענדליקער טויזנטער האָבן ביסלעכוויַיז איַינגעשלונגען דעם סקווער. פּענער און קעפּ. און איבער די קעפּ, אויף אַקסלען, אויף ברעטער־געשטעלן, האָבן רעדנער געאַרבעט מיט די הענט, מיט די מיַילער, געוואָלט איבערשריַיען אַ צעשפּילטן, צעפּאַלדעוועטן ים.

פון אַלע זיַיטן סקווער האָבן זיך געזען באַוועגלעכע קעפּ. הונגעריקע אויגן האָבן זיך געצונדן, אויסגעקרימטע מיַילער — אויסגעגליַיכט. אויס הונגער, אויס נויט. שטיקער זון, שטיקער ליכט. די פּענער ווינטלען זיך איבער די טויזנטער בלויזע קעפּ, פלאַטערן. דער סקווער זינגט. דאָס געזאַנג — אַ מלחמה־רוף — ווערט העכער און העכער.

„— — — די וועלט פון גוואַלדטאַטן און ליידן,
צעשטערן וועלן מיר — — —"

און מיט אַמאָל אַ קנאַל, אַ גוואַלדריס. ס'געזאַנג האָט זיך איבערגעריסן, איז געבליבן שטעקן אין די צענדליקער טויזנטער קעלן. דער סקווער האָט זיך גענומען אויסשיילן, אָפּגעדעקט שטיקער אַספאַלט. דאָ אַ קלין, דאָרט אַ קלין. איבער צעשפּאָלטענע קעפּ, איבער צעבלוטיקטע ליַיבער — פערד, שווערדן, שטעקנס. צעריסענע פּענער, צעשלאָגענע אַרבעטער, היטלען — אַלץ האָט זיך געוואַלגערט איבערן אַספאַלט. וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, אין איין אויסברייטן זיך. נאָך די טויזנטער

אַרבעטער האָבן זיך געיאָגט פּאָליסלײַט אויף פערד, געטריבן די אַרבעטער אין די אַרומיקע הײַזער, אין די זײַטיקע גאַסן און געסלעך.

פון דער לײדיקײט, וואָס האָט זיך געדרײט ווי אַ לײקע, וואָס איז געוואָרן אַלץ טיפער, האָט אַרויסגעגלאָצט דער פאַר־בלוטיקטער סקווער, ווו לאָרע איז געלעגן. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פונם אַספאַלט און איז קריק געפאַלן. ס'פּנים האָט גע־פלאַמט, געבלוטיקט. עטלעכע טריט פון לאָרען האָבן זיך גע־וואַלגערט אירע ברילן. ביידע גלעזלעך צעבראָכן. צוויי פּאָליס־לײַט האָבן לאָרען אויפגעהויבן, זי צוגעטראָגן און אַרײַנגעזעצט אין אַ פּאַטרול־וואָגן.

און איצט איז זי אין געריכט־זאַל. אַ געפּאַקטער זאַל. נישט בלויז די בענק זײַנען געווען באַזעצט, נאָר עולם איז אויך געשטאַנען אַרום און אַרום די ווענט, נישט געלאָזט אָפּאָטעמען די אויפפּאַסערס.

דאָס שטיקל פּלאַץ, ווו די אָנגעקלאָגטע זײַנען געזעסן, האָט דערמאָנט אַ שפּיטאָל. באַנדאַזשן אויף קעפּ, אויף פּנימער, אויף אויגן, נעז, אויערן, באַקן — אומעטום פּלאַסטערס, ווי צלמלעך. הענט באַנדאַזשירט צו ברעטלעך.

לאָרע איז געזעסן גאָר פון הינטן. די הויט אונטערן רעכטן אויג אָפּגעריסן. הפּנים פון דער צעבראָכענער בריל. אַלץ האָט איר וויי געטאָן — די הענט, די פיס און דער עיקר די פּלײצעס. האָט מען זי געשלאָגן? זי האָט נישט געדענקט. זי האָט געליטן, וואָס די ברילן זײַנען צעבראָכן, וואָס זי זעט אַפילו נישט איר שכן, און איז שטאַרק געווען פאַרנומען מיט זיך. זי איז נישט געווען זיכער, צי זי האָט אָנגעגעבן איר נאָמען, צי אַ פרעמדן. זי האָט, דאַכט זיך, אָנגעגעבן ביטי האַלפּער. פאַרוואָס עפּעס האַלפּער? ס'לענגלעכע פּנים — בלײך און אײדל — האָט זיך פאַרטראַכט, איז געוואָרן בלויז שטערן.

דער פאָטער לאָרעס, וואָס איז שוין יאָרן טויט, איז געווען אַ רב, איז געווען אַ טעאָלאָג, איז געווען אַ פּראָפעסאָר. איבער דעם בלוט־רויטן פּראָפעסאָר־מאַנטל — אַ ברייטע באָרד. די באָרד,

וואָס האָט געהאַלטן אין גרוי ווערן, וואָס האָט זיך געהויבן איבער די דורכזיכטיקע שלייפן, האָט זיך פאַרלוירן אין די געדיכטע, ווײַסע האָר, וואָס זײַנען גאוניש געווען צעפּאַטלט איבערן גאַנצן קאָפּ.

ווי אַלט איז לאָרע דעמאָלט געווען? צוועלף יאָר, פערצן יאָר, זעכצען יאָר. זי איז געווען די ייִנגסטע. דער פאָטער גיט זיך אָפּ מיט איר. ער לייענט איר גליקל־פון־האַמילס זכרונות, לייענט שטיקער פון „זיטנבוך", פון „לב־טוב", ווו דער רײַכער איז שוין דעמאָלט געווען דער דריקער, דער זינדיקער — דער אומגערעכטער. דער רײַכער איז שטענדיק געווען דער פרעסער, דער זויפער. און דער אָרעמאַן? דער געדריקטער, דער געפּײַ־ניקטער. זי האָט איבערגעשריבן דעם פאָטערס אַרבעט וועגן די „חסידי־אַשכנז", וועגן דער ערשטער יידישער קאָמונע — „די מקובלים פון צפת". זי האָט שטענדיק געחלומט צו גיין אין פאָטערס דרכים, נישט בלויז אָפּקומען מיט ווערטער, נאָר זיך מיט אַן אמת אײַנשטעלן פאַר די באַליידיקטע, פאַר די דערני־דעריקטע. האַלפּער, אַ יונגער טעאָלאָג, דעם פאָטערס בעסטער תּלמיד, האָט איר געבראַכט — היינע, לאַסאַל, מאַרקסן — האָט זי אַרויסגעפירט פון דער רבנישער שטוב. דערנאָך סטרייקס, סטרײַקס, סטרײַקס — דער וועבער־סטרײַק, דער קוילנגרעבער־סטרײַק. זי איז שוין יאָרן נישט געווען אין ניו־יאָרק. מיט דער משפחה איז זי צעקריגט — אויס ברודער, אויס שוועסטער. דער פאָטער, די מוטער, האַלפּער — אַלע זײַנען שוין לאַנג טויט. זי איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק צו דער הונגער־דעמאָנסטראַציע און איצט זיצט זי דאָ, אין געריכט־זאַל, נישט לאָרע, נאָר ביטי האַלפּער.

דאָס געריכט איז אָנגעגאַנגען. מען האָט גערופן איין אָנ־געקלאָגטן נאָכן צווייטן. טייל האָט מען באַפרײַט, טייל באַשטראָפט מיט פינף דאָלער, מיט צען דאָלער. די עקשנים האָט מען גע־געבן צוויי וואָכן תּפיסה, פיר וואָכן תּפיסה.

דער ריכטער האָט כּמעט ווי נישט גערעדט. די הענט אָנגעשפּאַרט אָן טיש, דער גוף — אָן די הענט און דאָס פּנים, אַן אמת יידיש פּנים, וואָס האָט געקוקט און זיך אײַנגעהערט,

האָט דאָ און דאָרט געלאָזן פֿאַלן אַ וואָרט. ס'קול איז לאָרען געווען באַקאַנט. זי האָט זיך עטלעכע מאָל אָנגעשטרענגט, געוואָלט אָנקוקן דעם ריכטער, פֿאַר די קורצזיכטיקע אויגן האָבן זיך געשאַרט צעשוווּמענע פֿנימער.

מיט אַמאָל:

— ביטי האַלפּער!

לאָרע האָט זיך אויפֿגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען. די צוויי פּאָליסלײַט זײַנען אויסגעוואַקסן. ס'האָט גערעדט איינער, ס'האָט גערעדט אַ צווייטער:

— אַזוי און אַזוי, יור האָנאָר! זי האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, איז געבליבן שטיין מיט אַ רויטער פֿאָן, ווען מען האָט איר געהייסן גיין. דערצו האָט זי אונדז געזידלט, געזאָגט מוסר, געטענהט, אַז מיט גוטן וועט זי נישט גיין, האָבן מיר זי געמוזט אַוועקטראָגן.

דער ריכטער האָט נישט געהערט, וואָס די פּאָליסלײַט רעדן. ער האָט דערפֿילט, ווי די מראה אין פּנים בײַט זיך בײַ אים און אויפֿן אָרט האָט ער גענומען טאַמעווען אין זיך ס'בלוט, געטריבן די קאָלירטע רעדער פֿון די אויגן. ס'האָט געדויערט אַ רגע, צוויי, דרײַ. ס'פּנים איז נאָך געוואָרן זיכערער און שטרענגער ווי פֿריִער. דער ריכטער האָט דערקענט די אָנגעקלאָגטע. ס'איז געווען זײַן ייִנגסטע שוועסטער, לאָרע, וואָס ער פֿלעגט זי קליינערהייט אויף די הענט אַרומטראָגן. זינט אָבער לאָרע איז משוגע געוואָרן און די גאַנצע משפּחה האָט פֿון איר בלויז חרפּות, איז זי מער נישט קיין שוועסטער. זי, לאָרע, איז אַ פֿלעק פֿאַרן פֿאָטער, דעם גרויסן רבֿ און טעאָלאָג, אין וועמענס דרכים, ער, דער ריכטער, גייט.

ער האָט באַטראַכט די שוועסטער. בלייך, אויסגעצערט ס'רעכטע אויג פֿאַרשוואָלן און די הויט אונטערן אויג צעראַצט.

ס'קול האָט זיך בײַם ריכטער אַוועקגעשטעלט אין האַלדז. ער האָט זיך ניט אויסגעגלײַכט, איז געבליבן ווײַטער אַזוי זיצן, אָנגעשפּאַרט מיטן גוף אויף די הענט. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אָפּ'פּטרן די קלאַגע און איבערגעפּרעגט די פּאָליסלײַט:

— אין וואָס באַשולדיקט איר מיס האַלפּער?

— אַזוי און אַזוי, יור האָנאָר... אַזוי און אַזוי...

איצט ערשט האָט לאָרע דערקענט דעם ברודער. אַ געלעכטער האָט זיך געהויבן אין איר, געוואָלט זיך אַרויסרײַסן קנוילנווײַז. לאָרע האָט זיך אויסגעקניפּט שטיקער פלייש, זיך געבראָכן די פינגער, געוואָלט זיך באַהערשן, דערשטיקן אין זיך דעם געלעכטער. צוויי אַדוואָקאַטן האָבן זיך איבערגעוואָרפן:

— כ'וואָלט געזאָגט, אַז די אָנגעקלאָגטע איז דעם ריכטערס אַ שוועסטער.

— טאַקע ענלעך.

דער ריכטער האָט עס געהערט. ער האָט ווידער גענומען ווערן אומרויִק, געליטן, וואָס ס'קול איז בײַ אים אָנגעשפּאָלטן, מיט אַ פּגימה.

— איר האָט געהערט, מיס האַלפּער, וואָס די פּאָליסלײַט זאָגן?

— כ'האָב געהערט.

— דערקלערט איר זיך שולדיק?

— ניין, ניין! — האָט ס'קול בײַ לאָרען זיך גענומען הייבן און זי האָט זיך צערעדט, ווי מען רעדט מיט אַ ברודער, נישט מיט קיין ריכטער — וואָס האָסטו דווקא רחמנות אויף מיר, לעאָפּאָלד, נישט אויף די צעשפּאָלטענע קעפּ, אויף די צעבראָכענע הענט, אויף די אויסגעהאַקטע ציין? ווײַל כ'בין דײַן שוועסטער? כ'בין נישט דײַן שוועסטער! איך, איך, דאָס קליינע מיידל, האָב געשלאָגן די צוויי זעקס-פוסיקע פּאָליסלײַט, וואָס היטן גערעכטיקייט, דײַן גערעכטיקייט, לעאָפּאָלד!

דער ריכטער, וואָס איז געזעסן, ווי פריִער, די הענט אויפן טיש, דער גוף אויף די הענט — האָט אויסגערופן:

— פיר וואָכן תּפיסה!

און אַז מ'האָט אײַנגעשטילט דעם טומל, איז ער נאָך אַלץ געזעסן, ווי פריִער, און ס'קול זײַנס האָט זיך געטראָגן מיט אַ ציטער:

— נעקסט!

יידישקייט

דעם זעלבן טאָג, נאָך מ. ל. האַלפּערנס קבורה, האָט דער קריטיקער זלמן פייגין זיך געזעצט שרײַבן אַן אַרטיקל איבערן נפטר. ער האָט געשריבן און זיך געהאַלטן אין איין ערגערן, אַז מען שטערט אים, כאָטש אין צימער איז געווען אַזוי שטיל, ווי ער, פייגין, וואָלט אײנער אַליין געווען אין הויז. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איבער דער וואַנט טומלט מען, אַז דאָרט זיצט זײַן נײַנצן־יאָריקער זון, לייבוש, און דער בלויזער געדאַנק האָט דעם פאָטער ווײ געטאָן.

פייגין האָט געזוכט אַ שייכות צווישן די אָנגעוואָרפענע נײַע שורות וועגן טויט און דעם יונגן לעבן, וואָס איבער דער וואַנט, געזוכט און גאָרניט געקענט געפינען. מיטן שרײַבן האָט זיך געקליבן אין פאָטער אַ טרויער, האָט זיך געקליבן אַ ווייטאָג, אַז מיט אים ענדיקט זיך אַלץ, אַז דער סוף זיצט שוין אין איי־גענעם הויז.

פייגין האָט מיט אַמאָל אַוועקגעלייגט די פעדער און זיך אויפגעשטעלט. דער גרויסער, ליכטיקער צימער, ווו אַרום די ווענט זײַנען געשטאַנען בײַכיקע ביכער־שענק, איז פול געווען מיט טענות. און ניט בלויז האָט פייגין אַליין געמאָנט. די הונ־דערטער ביכער, וואָס זײַנען קיינמאָל ניט געשלאָפן, האָבן שטענ־דיק געוואַרט, אַז פייגין זאָל זיי עפענען. די ביכער האָבן אויך געהאַט טענות:

ווי איז דער זין פון געשיכטע? און אַז אונדזער געשיכטע נעמט שוין אַרײַן סאָציאָלאָגיע, רעליגיע, עקאָנאָמיע און אַז זי רעכנט זיך שוין מיט פאַקטן, בלײַבט נאָך אַלץ אויסן דאָס וויכ־טיקסטע, דער צופאַל. און מיט דעם צופאַל רעכנט זיך קיינער ניט, ווײַל קיינער ווייסט ניט, וואָס צו טאָן מיט אים.

פייגין האָט אַרײַנגעשטעקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און זיך געלאָזט איבערן צימער.

מיט אַ פערטל יאָרהונדערט קריק איז אין דעם צימער גע־זעסן פייגינס פאָטער, ר׳ לייבוש, דער אָנגעזעענסטער רב פון האַרלעם. דער זעלבער שרײַב־טיש באַשלאָגן מיט לעדער, די זעלבע ביכער־שענק. אויף די ווענט — דער רמב״ם, שמואל־דוד לוצאַטע, דער בעל־שם.

אין די אָוונטן האָט דער רב שעהן־לאַנג געשפּרײַזט איבערן צימער, זיך געמוטשט. אינמיטן שפּרײַזן פלעגט ער אַרויסנעמען אַ ספר, אַ בלעטער טאָן, אַ קוק טאָן, קריק שטעלן און ווײַטער שפּרײַזן. ניט בלויז דער מוח דאַרף אַרבעטן, אַלע רמ״ח אברים דאַרפן זיך באַוועגן, נאָר דעמאָלט, האָט דער רב געהאַלטן, וועקט זיך אינם מענטש אַ נײַע מחשבה, אַ נײַער רעיון. די משנה איז געשאַפן געוואָרן אין די ווײַנגערטנער פון יבנה, איז געשאַפן געוואָרן גייענדיק, ניט בײַ קיין טישן.

און אַז דער רב האָט דאָס געזאָגט, האָט דער פופצן־יאָרי־קער זון זײַנער, זלמן, געזען, ווי ר׳ יוחנן־בן־זכאי, אַ ווייסער פון אַלטקייט, שפּרײַזט הין און קריק מיט זײַנע חברים, פאַרטיפט אין מחשבות, וואָס לעבן נאָך הײַנט צווישן יידן.

יאָרן האָבן זיך גערוקט. זלמן איז עלטער געוואָרן. דער פאָטער האָט אים געהאַלטן אין איין שטראָפן, געטענהט, אַז ער, דער רב, וועט ניט האָבן וועמען איבערצולאָזן די אַלטע ספרים, וואָס זײַנען אָנגעפּיקעוועט מיט הגהות, מיט באַמערקונגען. ער, זלמן, איז ערגער פון אַ משומד. אַ משומד איז אַן אָפּגעשטאָרבן, אָפּגעריסן אבר, וואָס האָט מיטן גוף קיין מגע־ומשא ניט. ער, זלמן, ווײַל אויפרײַסן ס׳יידישע לעבן פון אינעווייניק, ווײַל עס

עוקר־מן־השורש זײַן. און צומײַנסטן האָט אים געאַרט, וואָס דער זון וויל פֿאַרבײַטן לשון־קודש אויף זשאַרגאָן.

שטייט דאָך בפירוש — האָט דער רב געוואָלט דורסן דעם זון, — כה תאמר אל בני ישראל — דו זאָלסט רעדן צו די יידן אין דעם לשון, וואָס איך, גאָט, רעד — אין לשון־קודש.

— טאַטע, — איז זלמן, מיט דעם גאַנצן אימפּעט פֿון זײַנע זיבעצן יאָר, אַ פֿלי געטאָן דעם פֿאָטער אין די אויגן אַרײַן, — כ'קען דאָך טײַטשן פֿאַרקערט. ווי שטייט? יאָ — „בשעת גאָט ברוך־הוא איז געקומען געבן יידן די תורה, האָט ער מיט זיי גערעדט מצריש, ס'לשון וואָס יידן האָבן געקענט און פֿאַרשטאַנען".

— ביסט אַן עוכר־ישראל און אַרויס פֿון מײַן שטוב! — האָט דער רב אַ כאַפּ געטאָן דעם שטעקן מיטן זילבערנעם קאָפּ און אים נאָכגעוואָרפֿן זלמנען, וואָס איז שוין געווען אויף יענער זײַט טיר.

די מוטער, די רביצין, האָט געוויינט און געהאַלטן מיטן פֿאָטער.

זלמן איז אַוועק פֿון שטוב. ער האָט געאַרבעט בײַ העמ־דער, בײַ וועסטן, בײַ הויזן, געביטן די שעפּער לויט דעם סע־זאָן, געאַרבעט און געשריבן. מיטן פֿאָטער איז ער כּמעט גע־בליבן פֿון דערווײַטנס. אַחוץ אויף שמחות און לוויות האָבן זיי זיך נישט באַגעגנט.

זלמן איז געווען פֿון די ערשטע, וואָס האָבן געהאָלפֿן בויען אין ניו־יאָרק אַ יידישע שול, איז געווען פֿון די ערשטע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געהאָלפֿן זוכן אַ טעריטאָריע פֿאַר דעם יידישן פֿאָלק.

ס'לעבן איז נישט געשטאַנען, ס'האָט געשלונגען יאָרן.

נאָכן רבס טויט, ווען זלמן האָט איבערגענומען די דירה, האָט אָנגעהויבן אַרײַנצוקוקן אין די ספרים, איז דער פֿאָטער אים נעענטער געוואָרן. ער האָט איצט אַליין נישט תּופס געווען, צוליב וואָס ער האָט אין די יונגע יאָרן געהאַלטן אין איין פֿירן מלחמה מיטן פֿאָטער. וואָס האָט זיך דאָ געביטן? דער פֿאָטער, דער רב, האָט אויפֿגעהאַנגען אויף דער וואַנט דעם רמב"ם; דער

זון, דער סאָציאַליסט — שפּינאָזען. דער פאָטער — שמואל־דוד לוצאַטען, דעם בעל־שם; דער זון — מאַרקסן, משה העסן, פּרצן.

אָט שפּרייזט ער, זלמן, שוין מער ווי אַ שעה אַרום און אַרום דעם צימער, שטעלט טריט פּונקט ווי דער פאָטער. דער רב איז געווען זיכער, אַז מיט דעם שפּרייזן, מיט דעם באַוועגן זיך, וועקן זיך אין מענטשן די טיפסטע מחשבות. ר׳ יוחנן־בן־זכאי האָט אַרויסגעזאָגט די טיפסטע געדאַנקען, ווען ער האָט געשפּאַצירט אין די יבנה׳ר ווייַנגערטנער. ער, דער זון זלמן, איז מסכים מיטן פאָטער, גיט נאָך צו וואָס מאָנטעין זאָגט: „אַז כ׳זיץ רויִק, שלאָפן מייַנע געדאַנקען. אָן מייַנע פיס, איז מייַן פאַנטאַזיע לאָם".

איז ווּ ליגט דער חילוק? בלויז אין דעם, וואָס דער פאָטער האָט געוואָלט לשון־קודש און דער זון — יידיש?

פייגין איז געבליבן שטיין בייַם פענסטער. ער האָט אַ שאַר געטאָן מיט פינף פינגער איבער דער שויב איינמאָל, נאָכאַמאָל, זיך געוואָלט קלאָר מאַכן, צי ס׳האָט געלוינט צו פירן אַזאַ לאַנגע מלחמה, צו דערגיין טאַטע־מאַמע די יאָרן?

און אַז זלמנס זון, אַ נייַנצן־יאָריקער סטודענט, וואָס הייסט נאָכן רב, לייבוש, האָט שוין יאָ געענדיקט די יידישע פאָלקסשול, די מיטל־שול, דעם יידישן אַרבעטער־סעמינאַר, רעדט ס׳אייגענע לשון, וואָס דער פאָטער, פאַרוואָס איז לייבוש אַזוי ווייַט פון יידן און יידישקייט? איז געשטאָרבן אַ יידישער דיכטער, זייַן, לייבושעס דיכטער, פאַרוואָס איז ער ניט געגאַנגען צו דער לוויה?

פייגין איז אַרויס פון צימער. ער האָט ניט אָנגעקלאַפּט און איז אַרייַן צום זון. בייַם פאָטערס אַרייַנקומען איז דער זון געבליבן אויפן בעטל מיט אַ בוך אין האַנט. ער האָט אָנגעשטעלט אויפן פאָטער אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן, וואָס האָבן געהאַט צו זאָגן:

— ווילסט עפּעס?

— כ׳וויל וויסן, זון מייַנער, פאַרוואָס ביסטו הייַנט ניט געווען בייַ דער לוויה?

— כ׳האָב ניט געהאַט קיין צייַט.

— ווען עס וואָלט געשטאָרבן אַן אַמעריקאַנער שרײַבער,— האָט פייגין געפּילט, אַז ער דאַרף פאַרשווײַגן, אַז אַזוי האָט צו אים גערעדט זײַן פאָטער, דער רב, און ניט געקענט פאַרשווײַגן,— וואָלסטו געפונען צײַט און וואָלסט געלאָפן.

— כ'ווייס ניט, וואָס דו ווילסט, טאַטע? — האָט דער זון פאַרמאַכט ס'בוך און זיך אויפגעזעצט.

— ווייסט ניט וואָס איך וויל? — איז דער פאָטער אַ פלי־געטאָן צום זון און נאָך פעסטער געהאַלטן די פויסטן אין די הויזן־קעשענעס, — כ'וויל זאָלסט ניט אויסוואַקסן קיין מה־יפית־יידל, קיין אַסימי־לאַטאָר, קיין שקלאַף! אָט וואָס איך וויל! ווילסטו מיר זאָגן, לייבוש, אַז די אַלע נעגערס, אַז די אַלע כינעזער, וואָס דו האָסט קיינמאָל ניט געזען, און לייגסט זיך פאַר זיי אין דער לענג און אין דער ברייט, זיי זײַנען דיר נעענטער? פאַר זיי פעלט דיר קיינמאָל ניט קיין צײַט? ביסט אַ ליגנער! ביסט אַ נאַרישער, אָנגעבלאָזענער גאווהן, וואָס האָט ליב כּבוד און פּובליסיטי!

— בין איך! — האָט לייבוש זיך אָנגעכמורעט און אויס־געזען ווי דער פאָטער.

— אויב ביסט יאָ, — האָבן זיך די מויל־ווינקלען בײַם פאָטער געבלעזלט, — זיץ ניט אויף מײַנע פּלייצעס! גיי צו אַלדע־יאָר! טראָג זיך! — האָט דער פאָטער אַן עפן געטאָן די טיר.

דער זון איז אַרויס. דער פאָטער איז געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר. ער האָט געהערט, ווי דאָס ווײַב שטעלט אָפּ לייבושן, נעמט אים אײַן, טענהט:

— ווייסט דאָך, אַז דער טאַטע איז אַ משוגענער...

פייגין האָט ווילד אַ לאַך געטאָן, שפּיציק, מיט פּגימות. ער האָט זיך קריק אַרײַנגעשאַרט אין שרײַב־צימער, זיך געזעצט איבער די אָנגעוואָרפענע בויגעלעך פּאַפּיר און זיך אַלץ אין איינעם געוואָלט קלאָר מאַכן:

— וואָס איז דער זון פון געשיכטע? האָט אונדזער גע־שיכטע אַ זין?

פ ר ע מ ד ע

פאַרנאַכט, דעם דרײַסיקסטן אַפּריל, איז בען שאַן קריקגעגאַנגען פון דער אָפּערע, ווו יעדן זונטאָג האָט געשפּילט אַ סימפאָנישער אָרקעסטער. שאַן האָט געהאַט אַ סעזאָן-בילעט. אַן אויפגעהײַטערטער, אַ רירעווודיקער, האָט ער זיך געטראָגן איבער די גאַסן, און פון זײַנע באַוועגלעכע הענט, פון די אײַנגעצויגענע ליפּן, פון זײַן גאַנצן געשטעל האָבן שטום אַרויסגעזונגען גאַנצע שטיקער פון בעטהאָווענס נײַנטער סימפאָניע.

שאַן האָט פאַרגעסן, אַז ער האָט טענעמענט-הײַזער, אַז דירות שטייען ליידיק, אַז ס'איז שווער אײַנצומאָנען דירה-געלט, אַז צײַטן ווערן אַלץ ערגער און ערגער. וועגן דעם האָט ער געדאגהט אַ גאַנצע וואָך — בײַ זיך אין אָפיס, בײַ זיך אין שטוב, און אַפילו פון שלאָף האָט ער גערעדט צום ווײַב, אַז מען דאַרף שנײַדן די הוצאות. זונטאָג האָט ער פון זיך אָפּגעשאָקלט אַלע דאגות. ער איז געוואָרן אויס ביזנעסמאַן. אין דער פרי איז ער אַרויס אויף געיעג. געגאַנגען איז ער מיט זײַנע חברים, געוועזענע אָפיצערן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אין דער וועלט-מלחמה. שאַן אַליין האָט אַהיימגעבראַכט פון דער מלחמה צוויי גאָלדענע מעדאַלן. בײַ יעדער געלעגנהייט האָט ער זיך איבערגענומען מיט די אויבלען, זיך איבערגענומען פאַר דעם איין-און-איינציקן זון זײַנעם, וואָס האָט געלערנט אין קאָרנעל אויף אַגראָנאָם.

פונם גײעג איז שאַך כמעט קיינמאָל ניט אַהיים געקומען ליידיק. ער האָט שטענדיק עפּעס אַהיימגעבראַכט — אַ האָז, אַ קורפּאַטווע, אַ ווילדע קאַטשקע, צי גאָר אַ קראָליק.

נאָכן מיטאָג — דער קאָנצערט אין דער אָפּערע. אין אָוונט האָט ער אויפגענומען געסט, אָדער איז אַליין געגאַנגען צו גאַסט. אַזוי האָט ער זיך געפירט פון נאָך דער מלחמה=אָן. די זונטאָג=אָוונטן האָבן געהערט דעם ווײַב. גאַנץ אָפט נאָך אַ זונטאָג=אָוונט האָט זיך אין שאַכן עפּעס איבערגעאַנדערשט און ער האָט געקושט ס׳ווײַב. אַ זון איז געבוירן געוואָרן, איז געוואַקסן אין די רײַכע, אויסגעמעבלירטע צימערן.

דער פאָטער — ניט קיין הויכער, ברייט אין די פּלייצעס, ס׳גלאַטיק געגאָלטע פּנים — אָפּן, די אויגן — טונקעלע, קלוגע.

ער איז געגאַנגען אַ זינגעוודיקער אַהיים. ער האָט ניט געזען, וואָס ס׳טוט זיך אַרום אים, כאָטש ס׳פּנים איז געווען אָפּן און די אויגן האָבן געשמייכלט. אַ יונגערמאַן האָט אים אַ רוק געטאָן אַ „בלעטל״ אין דער האַנט. שאַך האָט אַ קוק געטאָן אויפן יונגנמאַן, צוגענומען דאָס שטיקל פּאַפּיר און עס צונויפגעקוועטשט. ער האָט בדעה געהאַט זיך אַרײַנצודרייען אין אַ הינטער=געסל און עס דאָרט אַוועקצוואַרפן.

די נײַנטע סימפאָניע האָט פון שאַכן אַרויסגעזונגען אָן קלאַנגען, אַרויסגעזונגען מיט אַזאַ שטומען אימפּעט, אַז ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אומקוקן, צי מענטשן שטעלן זיך ניט אָפּ אויף זײַן בייז=וווּנדער. די גאַסן זײַנען כמעט געווען ליידיק. דער גרויער אָוונט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אַוועקקײַקלען, האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר דער נאַכט. מענטש, חיה, בהמה — קיינער האָט ניט ליב דעם איבערגאַנג, וואָס גרויט, שווערט, טרײַבט אין שטוב אַרײַן, טרײַבט אין שטאַל אַרײַן.

שאַך האָט צוגעקנעפּלט אויף זיך דעם מאַנטל, האָט אַראָפּגענומען דעם קאַפּעלוש און געשפּרײַזט צום טאַקט פון אַן אינערלעכן ריטם. בײַם הינטערגעסל איז געשטאַנען אַ רעדנער אויף אַ קליין לייטערל. אַרום דעם רעדנער אַ צוויי צענדליק צוהערערס. דער רעדנער האָט ניט בלויז גערעדט מיטן מויל. ער

האָט גערעדט מיט די הענט, מיטן אויבערשטן האַלבן קערפּער, גערעדט וועגן ערשטן מאַי, וועגן אַרבעטער, וואָס הונגערן און ליידן נויט.

שאַך האָט אויפגעכאַפּט דעם רעדנערס ווערטער און גענומען גיין נאָך שנעלער. די ווערטער האָבן אים אָבער ניט אָפּגעלאָזט, זיך געהאַלטן אין איין פּלאָנטערן, און ס'גערזאַנג, וואָס ס'האָט זיך געטראָגן אין אים, אַרום אים, איז זיך צעפלויגן, ווי רויך.

די נאַכט האָט געהאַלטן אין צופאַלן. דער מערב איז נאָך געווען ליכטיק, האָט זיך געצונדן אין רויט, אין טונקל־בלוי, האָט זיך געלאָשן, האָט געשפּרייט לבנה־ליכט, כאָטש קיין לבנה איז ניט געווען צו זען.

שאַך האָט געוואָלט אַריין אין פריַערדיקן ריטם און ניט געקאָנט. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז אין דער פּאַרקוועטשטער האַנט האַלט ער נאָך אַלץ „ס'בלעטל", און האָט אַ עפן געטאָן די פינגער. ער האָט אויסגעגלייכט דאָס שטיקל פּאַפּיר. ס'איז געווען אַ פּראָקלאַמאַציע צום ערשטן מאַי, אַ מלחמה־רוף צו די אַרבעטסלאָזע, זיי זאָלן מאָרגן אַרויס אין די גאַסן. שאַך האָט גוט געקענט דעם נוסח — הונגער, נויט, עקספּלואַטאַציע. און ווי ער האָט אַ קנייטש געטאָן ס'בלעטל, מיט שנאה עס אַ קנייטש געטאָן און געוואָלט אַוועקוואַרפן, האָט אים אַ פינקל געטאָן פאַר די אויגן אַ באַקאַנטער נאָמען. זיין זונס נאָמען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און איבערגעלייענט, אַז צווישן די רעדנער וועט אויך זיין לואי שאַך.

דער פאָטער האָט אויפגעציטערט. זאָל דאָס זיין דער זון זיינער? בען שאַכס זון וועט פירן די דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטסלאָזע? ניט ביים פאָטערס לעבן! וואָס וועט זאָגן די שטאָט? וואָס וועלן זאָגן די חברים זיינע, די געוועזענע אָפיצערן פון דער וועלט־מלחמה? ער האָט דערפילט אַ ציטער אין די קני. די ווילדע קאַטשקע, וואָס ער האָט געשאָסן פאַר מיטאָג, בעטהאָווענס ניינטע סימפאָניע, דער אָוונט ביי חבר גלאַס אין הויז — אַלץ איז געלעגן צעפיצלט, צעבראָקלט אַרום שאַכס פיס. דאָס וואָס ער האָט יאָרן געבויט, זיך געהאַלטן אין איינפונדעווען,

איז אין דער רגע אויסגעריסן געוואָרן. ער איז שוין ניט גע־גאַנגען מיטן טראָטואַר, ער איז געגאַנגען מיט דער גאַס, האָט זיך געערגערט, וואָס ער קאָן ניט זײַן רואיק, וואָס ער ווייס ניט ווי־נאָך צו באַגעגענען דעם זון.

ס'ווײַב, וואָס איז געזעסן אויף דער וועראַנדע, איז איםאַנטקעגנגעקומען:

— ווי איז געווען דער קאָנצערט, בען?

— פײַן, פײַן, — האָט שאַך זיך געוואָלט מאַכן האַרץ, ס'ווײַב זאָל ניט דערקענען, אַז די נכפּה עסט אים. — גלאַס האָט געקלונגען?

— גלאַס האָט געקלונגען — איז ס'ווײַב נאָכגעגאַנגען דעם מאַן אין שטוב אַרײַן — און געבעטן מיר זאָלן אַ ביסל פריִער קומען.

— ביסטו פאַרטיק?

— ניין.

— גיי טו זיך איבער, — האָט שאַך געוואָלט אַרײַן צו זיך אין צימער און זיך געפרעגט בײַם ווײַב: — ווו איז לואי? אין שטוב?

— ער איז בײַ זיך.

שאַך האָט אַראָפּגענומען דעם מאַנטל, דעם קאַפּעלוש, זיי אַוועקגעלייגט אויף אַ שטול און האָט אָנגעקלאַפּט בײַם זון אין טיר.

— אַרײַן!

לואי אַן איבערגעוואַקסענער בחור, איז געזעסן בײַם פענסטער איבער אַ בוך. ער האָט זיך אַ ווײַל אַרײַנגעקוקט אינם פאָטער, אַוועקגעלייגט ס'בוך און זיך אויפגעשטעלט:

— האַלאָ, פּאַ!

דער פאָטער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס צע־קנייטשטע בלעטל, עס אונטערגעטראָגן דעם זון, און אים געוויזן מיטן צײַג־פינגער אויפן נאָמען:

— דאָס ביסטו?

דער זון האָט געפינטלט מיט די אויגן, אַ ווײַל זיך געישובֿט וואָס צו זאָגן, און געענטפערט:

— יאָ, טאַטע, דאָס בין איך.

— פון ווען אָן ביסטו דאָס אַזאַ רעוואָלוציאָנער געוואָרן?

דער זון האָט נישט געענטפערט.

— כ'וויל נישט דו זאָלסט מאָרגן ריידן — האָט דער פאָטער אַרויסגעזאָגט די ווערטער שטיל, איינגעהאַלטן, געקוקט אויפן זון מיט אַ פאַרזשמורעטע אויג, ווי ער וואָלט געצילעוועט אין אים. — זאָגסטו מיר צו?

— דאַרפסט עס נישט פאַרלאַנגען פון מיר, טאַטע.

— ווי לאַנג כ'האַלט דיך אויס, האָב איך אַ רעכט צו פאַרלאַנגען זאָלסט גיין אין מיינע דרכים — האָט דער פאָטער נאָך אַלץ געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז רויק — דערצו האָב איך אין זינען דיין טובה, נישט מיינע.

לואי האָט אַ קוק געטאָן דורכן פענסטער, וואָס איז אַרויס אויף דער וועראַנדע, אַ קוק געטאָן אויפן שטיקל לבנה, וואָס האָט זיך קוים אָנגעזען אין דער טונקעלער בלויקייט. דער פאָטער איז אונטערגעקומען נעענטער, אָנגעשטעלט אויפן זון די אויגן.

— און דאָס, וואָס דו גייסט פאַרשוואַרצן מיר און דער מאַמען ס'פּנים, איז גאָרנישט? שאַכס זון אַ „רויטער", אַן אַגיטאַטאָר?

— וואָס מיר פּנים, טאַטע, ווען מיר פּנים — האָט דער זון זיך אויסגעגלייכט — לאָמיר בעסער רעדן וועגן די צענדליקער טויזנטער, וועגן די הונדערטער טויזנטער, וועגן די מיליאָנען מענטשן, וואָס הונגערן, וואָס גייען אויס פון הונגער.

— טייל זיך מיט זיי! — האָבן דעם פאָטערס אויגן זיך געצונדן — גיב זיי אַוועק דעם טאַטנס פּראַצע!

— כ'וואָלט זיי אַוועקגעגעבן!

— אידיאָט! דאָס וואָס דו ביסט! און אויב דו וועסט מאָרגן רעדן אין גאַס, איז אַרויס פון מיין שטוב!

— סטראַשע נישט, טאַטע!

— איך סטראַשע יאָ!

— מיר קאָנען זיך שוין צעגיין, טאַטע, און אויף שטענדיק!

— אויף שטענדיק, האַ? — האָט דער פּאָטער זיך אַ שאַר געטאָן צו דער וואַנט, אַראָפּגענומען אַ שרויט־ביקס — זעסט, לואי, צעגיין — צעגיין, נאָר אויב דו ווערסט זיך מאָרגן אַוועק־שטעלן רעדן אין גאַס, וועל איך דיך דערשיסן. כ׳וועל דיך אַוועקלייגן, ווי מען לייגט אַוועק אַ משוגענעם הונט! — איז וואָס זאָגסטו?

— שיס, טאַטע, דערשיס מיך שוין!

טאַטע־זון האָבן זיך אַ ווײַל אָנגעקוקט, אָנגעצונדן מיט די אויגן דאָס פינסטערניש, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין צימער אַרײַן. דעם פּאָטערס בליק האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם ביקס און געהערט ווי דער זון גייט אַרויס פון שטוב, גייט מיט דער וועראַנדע, גייט אַראָפּ מיט די טרעפּלעך און זײַנע טריט פאַרלירן זיך אין דער שטילקייט.

מענטשן

פופצן יאָר האָבן זיי זיך ניט געהאַט געזען. צוויי חברים, וואָס זײַנען געוואַקסן אין איין שטאָט, אין איין גאַס, האָבן גע־ווינט אַ הויז לעבן אַ הויז. צו דרײַצן יאָר זײַנען ביידע אַוועק קיין וואַרשע. בערל איז געוואָרן אַ שיק־יינגל אין אַ שניט־געשעפט אויף די נאַלעווקעס און הערשל איז אָנגעקומען צו אַ קירזשנער אויף דער לער.

אין וואַרשע זײַנען זיי אויך געווען צוזאַמען. נאָך דער אַרבעט — איין אַלקערל, איין טישל, איין בעט. מען האָט זאַל־בענאַנד שטודירט דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", זאַלבענאַנד זיך געדרייט אויף דזשיקע גאַס, ווו יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן געהאַט זייערע „בירזשעס". דערנאָך איז מען איינײנעם אַרײַן אין „בונד". דערנאָך געהיימע מיטינגען אין וועלדלעך, אויף בית־עלמינס, ווו מען האָט גערעדט מיט האַרץ, מיט לײַב־און לעבן, ווו מען איז געווען גרייט אַלץ מקריב צו זײַן פּאַר דער רעוואָלוציע.

צו זעכצן יאָר האָט די פּאָליציי שוין ביידן אַרומגעזוכט. אויס אַלקערל, אויס טישל, אויס בעט. ווו מען האָט גענעכטיקט האָט מען ניט געטאָגט. פרעמדע דירות. פרעמדע מענטשן, גוטע מענטשן, וואָס מען האָט זייערע נעמען ניט געוווּסט, האָבן גע־געבן אָפּצועסן, האָבן אויסגעבעט אויף קאַנאַפּעס, האָבן זיך גע־טיילט מיט די לעצטע פּאָר גראָשן און מיטגעשיקט ברידערלעכע

בליקן. די בליקן זײַנען שוין אויף שטענדיק פֿאַרבליבן אין זכרון. און דערנאָך? דערנאָך האָט בערל דערהאַלטן פֿון זײַן פֿאָטער, וואָס איז געווען אין ניו־יאָרק, אַ שיפֿסקאַרטע.

די חברים זײַנען דעמאָלט אַלט געווען צו זיבעצן יאָר. זיי האָבן זיך צעשיידט. בערל האָט געשוווירן בײַם הייליקסטן, בײַ דער רעוואָלוציע, אַז ער וועט אין אַ יאָר אַרום אַראָפּנעמען קיין אַמעריקע הערשלען. די אָפּטע בריוו פֿון ניו־יאָרק האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען זעלטענער. און אַז בערל האָט זיך אַריבער־געקליבן קיין אַטלאַנטאַ, האָט זיך דאָס איבערשרײַבן אינגאַנצן איבערגעריסן.

יאָרן זײַנען פֿאַרבײַ — פֿינף יאָר, צען יאָר, פֿופֿצן יאָר. הערשל האָט זיך געטראָגן איבער קליין־פּוילן, איבער גרויס־פּוילן, איז אויסגעווען ווי אַ שטאָט, ווי אַ שטעטל. ער האָט אָרגאַניזירט אַרבעטער, אָנגעפֿירט סטרײַקס, געזעסן אין תּפֿיסות. פֿאַר די פֿופֿצן יאָר איז הערשל קירזשנער אויסגעוואַקסן פֿון אַן איינפֿאַכן פּאַרטיי־זעלנער צו אַ פּאַרטיי־פֿירער. און אַז די פּאַרטיי האָט זיך געגנויטיקט אין געלט, באַשלאָסן צו שיקן קיין אַמעריקע אַ שליח, האָט מען אויסגעקליבן הערשל קירזשנער.

דעמאָלט האָט הערשל זיך דערמאָנט אָן בערלען, באַשלאָסן, אַז ער וועט אים אויפֿזוכן. און ער האָט אים אויפֿגעזוכט, האָט אָנגעלייגט אַ הונדערט איבעריקע מײַל און איז פֿאַרפֿאָרן קיין אַטלאַנטאַ.

בערל האָט אים אָפּגעוואַרט בײַ דער באַן, אָפּגעוואַרט מיט זײַן נײַעם פּעקאַרד.

— העלאָ, הערש!

— בערל!

די אַמאָליקע חברים האָבן זיך געקושט, האָבן זיך געהאַלדזט. דער אויטאָמאָביל האָט זיך געטראָגן איבער גאַסן, איבער עוועניוס, זיך געטראָגן אַהיים צו בערלען, וואָס האָט געוווינט אין אַ רײַכן געגנט. בערל האָט באַוואָרפֿן דעם חבר מיט פֿראַגן, באַוואָרפֿן אַזוי שנעל, אַז ער האָט אַפֿילו קיין צײַט ניט געהאַט זיך אײַנצו־

הערן וואָס הערשל ענטפערט אים. און אַז דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט בערל פאַרזיכערט הערשלען:

— און דו מיינסט, הערשל, אַז אין אַמעריקע איז אַלץ ביזנעס? בין איך אַ מיטגליד אין אַרבעטער־רינג, בין איך אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. און כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת — די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך אַזאַ רוק געטאָן רעכטס, אַז איך טראַכט ערנסט צו שטימען הײַ־יאָר פאַרן גאַנצן קאָמוניסטישן טיקעט.

די חברים זײַנען אַרויס פונם אויטאָמאָביל. פון איבער דער גאַס זײַנען אָנגעלאָפן צוויי נעגערס. זיי האָבן אַראָפּגענומען פאַר בערלען די היטלען, זיך טיף פאַרנייגט און זײַנען געווען גרייט צו טאָן וואָס מען וועט זיי הייסן. בערלס קול האָט זיך געביטן. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— וואָס זײַט איר אָנגעלאָפן אין צווייען? איינער וועט זיך אויך ניט איבערהויבן מיט דעם וואַליז!

בערל האָט אויפגעשלאָסן די אַרײַנגאַנג־טיר און איז ערגעץ פאַרשוווּנדן. דער נעגער מיט דעם וואַליז איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר. הערשל האָט אים געפרעגט:

— פאַרוואָס טראָגט איר ניט אַרײַן די וואַליז?

— אָן אַ דערלויבעניש — האָט דער נעגער זיך הכנעהדיק צעלאַכט — וועל איך ניט אַרײַנגיין אין ווײַסן מענטשנס הויז.

הערשל האָט דערפילט, ווי מען האָט אים באַליידיקט, ניט דעם נעגער. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די וואַליז, איז אַרײַן מיט איר אין שטוב, און די פרייד, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין אים, האָט גענומען אויסרינען.

בערלס פריוואַטע הויז איז געווען אָפן פון אַלע זײַטן. ווי אַ קוק — פענסטער און גלעזערנע ווערענדעס. די שטילקייט האָט מען געקאָנט אָנטאַפּן. בערלס ווײַב מיט די צוויי קינדער זײַנען געווען צוגאַסט בײַ אירע עלטערן אין ניו־יאָרק. פון קיך, ווו אַ נעגערטע האָט געקאָכט מיטאָג, האָט זיך געטראָגן אַ שטי־פער, טרויעריקער ניגון. ס׳האָבן זיך אויך געטראָגן ריחות, וואָס האָבן פאַרשאַרפט דעם אַפּעטיט.

הערשל האָט באַטראַכט די פּערסישע טעפּעכער, וואָס זײַנען געלעגן אויף די דילן, באַטראַכט די אייל־בילדער אויף די ווענט, באַטראַכט די געשניצטע שטיקער מעבל, די צוויי פּיאַנעס, און באַשלאָסן, אַז בערל דאַרף זײַן רײַך.

בערל איז אָנגעלאָפן:

— מיר גייען שוין עסן.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם חבר אונטערן אָרעם, אים אַרײַנגעפירט אין עס־צימער, וווּ דער מיטאָג איז שוין געשטאַנען אויפן טיש. מען האָט גענומען צו גלעזלעך קאָניאַק, פּאַרביסן מיט קאַוויאַר, פּאַרטרונקען מיט אַ צווייטן קאָניאַק, מיט אַ דריטן. דער שמועס האָט זיך איבערגעחזרט — ווידער ס'שטעטל, ווידער וואַרשע, ווידער די אַרבעטער־באַוועגונג. און אַז מען האָט שוין געהאַלטן בײַ דער שוואַרצער קאַווע, האָט הערשל אַ פֿרעג געטאָן בערלען:

— וואָס איז אייגנטלעך דײַן געשעפט?

— מײַן געשעפט? — האָט בערל זיך איבערגעזעצט אין אַ ווייכן פּאָטעל און האָט פֿאַרצויגן אַ סיגאַר — וואָס זאָל איך דיר זאָגן? וואָס איז אַ „דעפּאַרטמענט סטאָר" ווייסטו? בײַ מיר קריגסטו פֿון אַ נאָדל ביז אַן אויטאָמאָביל, נאָר אויף אויסצוצאָלן. פּאָקטיש האָב איך גאָר קיין געשעפט ניט. אלא וואָס־דען? אויב איינער וויל זיך אײַנקויפֿן מעבל, אַ צווייטער — צירונג, אַ דריטער — אַן אָנצוג — איך שטעל אַלץ צו אויף אויסצוצאָלן.

— און ווער זײַנען די קונים?

— שוואַרצע.

— נעגערס?

— יאָ.

— ס'איז טאַקע אמת — האָט הערשל זיך אַ רוק געטאָן צום חבר — אַז בײַ אײַך דאָ אין די טראַמווײַען, אין די רעסטאָראַנען טאָרן נעגערס ניט זיצן מיט קיין ווײַסע?

— אמת.

— אַזאַ פֿאַרכערײַ! אַזאַ מיטלאַלטער! — האָט הערשל זיך אַ הייב געטאָן. — ווען מען באַגילט מיך, וואָלט איך דאָ ניט געוווינט!

— איך האָב אויך אַזוי געמיינט — האָט בערל זיך אַ שטעל געטאָן — ווײַנט מען צווישן זיי, מען זעט ווי די שוואַרצע זײַנען צוריקגעשטאַנען, זײַנען האַלב־ווילדע, בײַט זיך די מיינונג.

— דאָס זעלבע זאָגן דאָך אַנטיסעמיטן וועגן יידן!

— אַ פאַרגלײַך! — האָט בערל עס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ ביטול, אַז הערשל איז געבליבן אַ געפּלעפּטער. — אויב דו ביסט ניט מיד, הערשל, וועלן מיר אַרויספאָרן צו די באַוול־פעלדער, ווו די נעגערס אַרבעטן. ס'איז ניט ווײַט, אינגאַנצן אַ פינף מײַל. דאָס פאָר איך אײַנקאַסירן די חובות.

איידער הערשל האָט צײַט געהאַט עפּעס צו ענטפערן, האָט בערל אים אַ נעם געטאָן פאַר דער טאַליע, אַרויס מיט אים פון הויז. ער האָט אים אַרײַנגעזעצט אינם אויטאָמאָביל און גענומען פאָרן מיט דער עוועניו.

אַלץ אין הערשלען האָט פּראָטעסטירט. וואָס טוט ער דאָ? ווו איז די גערעכטיקייט, וואָס האָט יאָרן אַרויסגעשריען פון אים, — די גערעכטיקייט, וואָס איז בײַגעקומען הונגער, תפיסות, איז בײַגעקומען תליות, איז בײַגעקומען דעם טויט? איז וואָס אַז ביידע קומען פון איין שטאָט, פון איין גאַס? איז וואָס אַז ביידע זײַנען ערגעץ אין אַ וואַרשעווער אַלקערעל געשלאָפן אין איין בעט? די הונדערטער חברים, וואָס הערשל האָט באַגעגנט אויף זײַן לעבן און האָט צומאָל זייערע נעמען ניט געדענקט, האָט זייערע נעמען קיינמאָל ניט געוווּסט, די חברים זײַנען אים איצט נעענטער געווען ווי בערל.

די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט. ביידע זײַנען אַרויס. ווי ווײַט ס'אויג האָט געקאָנט כאַפּן האָבן זיך געצויגן צעבליטע באַוול־פעלדער. די גרינע בעכערס האָבן זיך צעעפנט און ס'באַוול־בליעכץ — שטיקער וואַטע, הערמל־ווײַסע וואַטע — האָט אַ בלענד געטאָן, צוגענומען פאַר אַ ווײַל די ראיה. אַזאַ ווײַסקייט האָט הערשל נאָך קיינמאָל ניט געהאַט געזען. און פון דער ווײַסקייט האָט אַרויסגעפּרייכט אַ חמימה, געקניפּט, געביסן ווי אַ בייזער הונט. און אַז הערשל האָט זיך לענגער אײַנגעקוקט, האָט ער דערזען ווי צווישן דעם ווײַסן בליעכץ שאַרן זיך שוואַרצע פלעקן.

דאָס זײַנען נעגערס, נעגערטעס געשטאַנען אויף די קני. זיי האָבן געאַרבעט און צוגעזונגען. שטיל, צעצויגן און טרויעריק. בערל האָט אַרײַנגעלייגט צוויי פינגער אין מויל און זיך צעפּײַפט:

— הע־עי־י!

צענדליקער נעגערס האָבן זיך גענומען אַרויסהויבן פון צווישן די באַוול־פלאַנצן, זיך אײַנגעקוקט ווער ס'פּײַפט, און מיטאַמאָל, ווי איבערגעשראָקענע קראָען, האָבן זיך אַלע געלאָזט לויפן.

בערל האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס אַנטלויפן זיי? — האָט הערשל, אַ צעשראָקענער, זיך געפרעגט.

— דאָס אַנטלויפן זיי פון מיר, ווילן ניט צאָלן די חובות, האָבן מורא פאַר מיר, די שוואַרצע גנבים!

בערל האָט זיך געלאָזט מיטן פעלד. הערשל נאָך אים. אַן אַלטער נעגער, וואָס האָט ניט געקאָנט אַנטלויפן, איז געבליבן זיצן צווישן די פלאַנצן. בערל האָט אַרויסגענומען ס'ביכל מיט חובות:

— וויפל צאָלסטו אײַן אויפן חוב, דזשאַני?

— ניט הײַנט, מײַן האַרעלע. איך האָב קיין געלט ניט.

— אויב צו צאָלסט ניט אײַן, וועל איך נאָך הײַנט אויס־ליידיקן דײַן שטיבל, דזשאַני, צוריקנעמען ס'גאַנצע מעבל.

— ס'האַרעלע וועט עס ניט טאָן! — איז דער אַלטער נע־גער אַ פאַל געטאָן צו בערלס פיס — ס'האַרעלע וועט עס ניט טאָן.

די פויסטן בײַ הערשלען האָבן זיך געבײַלט. ער איז אַרויס פון פעלד, האָט געשפּרײַזט מיטן זאַמדיקן וועג, זיך געזידלט צו וואָס ער איז אַהער געקומען. בערל איז אויסגעוואַקסן לעבן אים און האָט געעפנט ס'טירל פון דעם אויטאָמאָביל.

— וועסט מיר זאָגן, אַז די שוואַרצע זײַנען מענטשן?

— נו, דו, בערל, ביסט אַ מענטש? — האָט הערשל אים אַ וואָרף געטאָן די ווערטער אין פּנים אַרײַן.

— ביסט דאָך טאַקע אַ „גרינער".

— בין איך! — האָט הערשל פון כעס אַזש געציטערט — און דיך, בערל, דײַן עשירות, דײַן סאָציאַליזם, האָב איך טיף אין דר'ערד. כ'פאַר נישט מער מיט דיר! פאָר אַליין.

הערשל האָט ניט געהערט ווי בערל קײַכט פון געלעכטער. ער האָט צעקנעפּלט ס'רעקל, ס'וועסטל און זיך געלאָזט מיטן זאַמדיקן וועג צופוס אין שטאָט אַרײַן.

אַ רב

ס'איז געווען סוף אלול, ווען די פרימאָרגנס הייבן אָן צו ווערן קיל.

דער רב פון דער שול „אַנשי־פוילן", ר' שלמה פּראַגער, האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געדרייט אויפן געלעגער. ער האָט געוואָלט איינשלאָפן, נישט געקאָנט און איז פריִער ווי שטענדיק אַראָפּ פון בעט.

אין דער פינסטער האָט דער רב אויפגעזוכט אַ שטיקל ליכט און עס אָנגעצונדן. פאַרטאָג האָט דער רב נישט געברענט די עלעקטרע. ער האָט אַהיימגענומען פון שול די נישט־דערברענטע ליכט און ביי זיי געלערנט. לעצטנס האָט ער כמעט אינגאַנצן נית געלערנט, זעלטן ווען געעפנט אַ ספר.

דאָס שטיקל ליכט האָט דער רב צוגעטריפט צו אַ ליידיקן טינטער און זיך גענומען אָנטאָן. איבער די גרויע ווענט האָבן זיך געשאַרט שאָטנס, זיך געוויגט, ווי שנירלעך וואַסער אין אַ לויפנדיק טייכל.

דער רב, וואָס איז געזעסן אַ געבויגענער אויפן בעט־פּאַ־רענטש, האָט אַרויפגעשלעפּט איין שוך, אַ צווייטן. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט און אָפּגעזיפצט. דער אויבערשטער האַלבער גוף, אַ לאַנגער, אַ דאַרער, איז אַריבער אויף דער וואַנט. איבערן גוף האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ קאָפּ, און אינם לענגלעכן, באַ־וואַקסענעם פנים איז געווען עקשנות און טרויער.

דער רב האָט געקוקט אויף זײַן אייגענעם שאָטן, געקוקט אויף די פּאַסעקלעך ליכט, וואָס זײַנען געלאָפן פון דער באָרד, פון די ברעמען, געלאָפן אָן אַ תּכלית און ער האָט זיך געפרעגט:

— איז וואָס זאָגסטו, געוועזענער קאַלישער רב, און הײַנט רב פון דער שול „אַנשי־פּוילן"? האַ, וואָס זאָגסטו, ר' שלמה פּראַגער, טאַקע אויס וועלט?

דער רב האָט זיך אַ בויג געטאָן, געוואַרט דער שאָטן זאָל אים ענטפערן. און אַז דער שאָטן האָט נישט געענטפערט, האָט דער רב מיט ביטול אַרויסגעבלעקט די צונג. דער שאָטן האָט אים געוויזן אַ לענגערע.

אַ געלעכטערל איז געבליבן שטעקן אינעם רבס צעקרימטער באָרד. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן, אַרויפגעצויגן די הויזן, ס'העמד און, אַ נישט־געוואַשענער, זיך אַוועקגעשטעלט בײַם אָפענעם פענסטער.

די נאַכט האָט זיך גערוקט הינטער די הײַזער. שטיקלעך באַגינען, גרויע, ווײַסע, האָבן זיך געקנוילט, האָבן געציטערט.

די עטלעכע־און־זיבעציק יאָר האָבן זיך נישט אָנגעזען אויפן רבס הויכן, דאַרן גוף. פּיס לאַנגע, אַקסלען ברייטע, גע־בויגענע. דער לינקער אַקסל מיט אַ קאָפּ העכער פאַרן רעכטן. ס'פּנים, די צעקרימטע באָרד, וואָס האָט נישט געוואָלט גרוי ווערן — אַ שטיק מרה־שחורה. און די מרה־שחורה האָט אים געפּײַניקט, נישט געלאָזט שלום מאַכן מיט זיך, געהאַלטן אין איין טײַטלען, אַז עפּעס אַנדערשט זיך אין אים איבער. וואָס האָט דער רב זיך געקאָנט העלפן, ווען טאָג און נאַכט האָט אויף אים געבלאָזן מיט אַ פאַרגאַנגן לעבן, מיט אַ לעבן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין פּוילן?

צענדליקער יאָרן איז ר' שלמה געווען רב אין קאַליש. ער האָט רעגירט מיט אַ שטאָט יידן, געפירט אַ קליינע מלוכה און זיך געקליבן איבערצוגעבן ס'רבנות דעם בן־יחיד זײַנעם. האָט זיך אונטערגערוקט די מלחמה. אויס עדה, אויס רבנות, אויס מלוכה. און אַז דער דײַטש האָט אַרויסגעשטופּט פון פּוילן דעם רוס, האָט דער רוס אים, שלמהן, מיטגענומען פאַר אַ משכון. ר' שלמה האָט

געדאַרפט ערב זײַן, אַז די גרעניץ־יידן זײַנען נישט קיין שפּיאָנען. דער רב מיט דער משפחה האָבן זיך געוואַלגערט מיט די פאַר־טריבענע פּוילישע יידן איבער גאַנץ רוסלאַנד. נויט, שרעק, טיפוס. אַזוי אַ יאָר, צוויי, דרײַ, פיר. און מיט אַמאָל אַן איבער־קערעניש. אויס אָרים, אויס רײַך. אין תּוך איז דער קאָלישער רב געווען צופרידן. נאָך אַזוי פיל צרות און פּײַן הייבט אָן קומען די גאולה. דער מענטש וועט באַפרײַט ווערן. ער אַליין האָט געהאַלטן דרשות אין שול, נישט געהייסן די גרעניץ־יידן זיך קריק־קערן קיין פּוילן. בײַ ר' שלמהן האָט די „גאולה" אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך אָנגע־טראָפן אויג־אויף־אויג מיט אַ רוסישן פּאָפּ, איז די פרייד בײַ אים אויסגערונען. דער רב האָט נישט געקאָנט מסכּים זײַן מיטן נײַעם לעבן, וואָס בויט זיך אויף מענטשלעכע לײַדן, אויף מענטשלעכן אומגליק. די גאַנצע שרעק פאַר דער נײַער גאולה האָט ער דערזען אינם רוסישן פּאָפּ, וואָס איז, ווי איבער נאַכט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סטראַשידלע. פונם פּאָפּס האָר, וואָס האָבן זיך געכוואַליעט איבער די פּלייצעס, איז געוואָרן אַ קאָלטן. אויס־געהונגערט, אויסגעצערט, ווי ער וואָלט אַראָפּ פון אַן איקאָנע, איז ער געשטאַנען אַ באָרוועסער אין אַ ווינקל, ער זאָל זיך נישט צופיל וואַרפן אין די אויגן, און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט געבעטלט אַ שטיקל ברויט, געבעטלט אַ גראָשן.

דאָס האָט אַזוי איבערגעשראָקן דעם רב, אַז ער האָט אויף דער ערשטער אײַנלאַדונג פון ניו־יאָרק אָנגענומען ס'רבנות אין דער שול „אַנשי־פּוילן".

און אַז דער בן־יחיד זײַנער, וואָס האָט שטודירט מעדיצין אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, האָט נישט געוואָלט מיטפאָרן, האָט דער רב זיך אויך ניט אַנטקעגנגעשטעלט.

דאָס איז געווען מיט צען, צוועלף יאָר צוריק. פאַר די צען יאָר איז געוואָרן אַן איבערקערעניש — אַ טייל פון די אָנגע־זעענסטע באַלעבאַטים זײַנען אויסגעשטאָרבן, אַ טייל האָבן זיך אַוועקגעצויגן. דערצו איז די געגנט געוואָרן אַן איטאַליעניש. חדשים ווי דער רב עפנט ניט אין מיטן דער וואָך די שול.

לעצטנס קאָן מען שבת אויך קוים צונויפקלאַפּן אַ מנין. אַז קיינער דאַרף קיין שול ניט, קיין רב — אוודאי און אַוודאי ניט. דער אייגענער זון, דער בן־יחיד, וואָס ר׳ שלמה האָט געחלומט אים איבערצוגעבן דאָס רבנות, שעמט זיך מיטן פאָטער, מיטן רב. ער בעט זיך, דער פאָטער זאָל ניט שרײַבן אויף דער צווייטער זײַט קאָנווערט דעם טיטול „ראַבאַי". וואָס פאַר אַ פּנים קאָן שוין האָבן דער מאָסקווער פּראָפעסאָר, ווען זײַן פאָטער איז אַ רב?! האָט ר׳ שלמה דעם בן־יחיד גאָרנישט געענטפערט. ער האָט אויפגעהערט לייענען דעם זונס בריוו און האָט מיט אים איבער־געריסן.

קיינער האָט נישט געוווסט, אַז ר׳ שלמה פּראַגער, דער קאָלישער רב, הונגערט, אַז שוין חדשים, ווי ער דערנערט זיך מיט ברויט און טיי.

די אלול־טעג האָבן באַאומרויִקט, געטריבן פון שטוב. ימים־נוו אים? זינד? תשובה? דאָס איז דעם רב ניט אָנגעגאַנגען. דער הונגער האָט אים געטריבן אויפן בית־עלמין, ווו פון „אל מלא רחמימס" האָט מען געקענט אַהיים ברענגען עטלעכע דאָלאַר. שוין צוויי וואָכן ווי ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, זיך געאַמ־פערט — גיין צי נישט גיין?

דאָס שטיקל ליכט איז אויסגעגאַנגען.

דער רב איז אַוועק פון פענסטער. ער האָט זיך אײַנגע־וואַשן, אויף גיך אָפּגעדאַוונט, איבערגעביסן ברויט מיט טיי און איז מיטן שטעקן אין האַנט אַרויס פון שטוב.

גאַסן, געסלעך, טראַמען. אָט זעט זיך שוין ס׳געוועלבטע טויער, ס׳בית־עולם־טויער. באַרג־אַרויף מצבות פון זאַמדשטיין, פון מירמלשטיין, פון קאָלירטן גראַניט. צווישן די פלאַנצן, וואָס זײַנען געווען מער געל ווי גרין, האָבן זיך געשוימט ווײַסע זאַמ־דיקע וועגלעך. אין דער ליכטיקער בלויקייט — אלול־פעדים.

בײַם אַרײַנפאָר־טויער זײַנען געשטאַנען אַלטע, צעקנאָדערטע פאַרשוינען, וואָס נעבטיקן בײַ טויטע, פּראָפעסיאָנעלע „תציל־ממות"־שרײַערס און סתם־שנאָרערס.

ר׳ שלמה פראגער האָט העכער אַ הייב געטאָן דעם לינקן אַקסל. ער האָט אָנגעשטעלט ס׳פּאַרמרה־שחורהטע פּנים מיט דער שאַרפער קרומלעכער באָרד און ווי אַ האַק זיך אַרײַנגעשניטן צווישן די בלעטער.

— דאַכט זיך אַ רב — האָט איינער זיך אָנגערופן.

— און אַז אַ רב? — האָט אַ צווייטער זיך אַ שלײַדער געטאָן.

— חזקה האָבן מיר!

— „מלאס" מאַכן מיר!

ר׳ שלמה האָט זיך געלאָזט מיט דער ברייטער אַלעע. ער האָט געשיקט דעם שטעקן אויף אַפריער, זיך געאײַלט, ווי ער פלעגט זיך אײַלן אין קאַליש, אין מאָסקווע, ווען ער איז געגאַנ־גען פאַר קהל, געגאַנגען טאָן אַ דבר־מצווה.

אַן אויטאָמאָביל מיט פאַרשוינען איז אָנגעפאָרן אויף קבר־אבות. די צעקנאָדערטע יידן מיט די „מעבר־יבוקס" אין די הענט האָבן זיך געטראָגן נאָכן אויטאָמאָביל. זיי האָבן געהויבן די שטײַפע פיס, געסאַפּעט אין די צוגעשווירענע בערד אַרײַן:

— מיסטער לעבן!

— מיסעס לעבן!

— אָט קומען מיר!

דער הונגער האָט ר׳ שלמהן אַ טרײַב געטאָן אין דער מיט אַלעע. אויף אַ רגע איז בײַ אים אַלץ כשר געוואָרן. ער האָט געוואָלט אָפּשטעלן דעם אויטאָמאָביל, געוואָלט פרעגן בײַם עולם צי ער וויל אַ רב זאָל מאַכן דעם „אל מלא רחמים", צי אַ שלעפּער. ער האָט געהערט ווי דער עולם אינעם אויטאָמאָביל וויצלט זיך:

— ביזנעס!

— אין אַמעריקע איז אַלץ ביזנעס!

ר׳ שלמה האָט שוין גאָרנישט געפרעגט. ער האָט אַ הייב געטאָן דעם לינקן אַקסל און, ווי אַן אַלטער אונטערגעשאָסענער אָדלער, האָט ער אַוועקגעהינקט צווישן די מצבות. ס׳פּנים מיט

דער פּאַרקרימטער באָרד האָבן געשניטן די בלויקייט. די פּיס האָבן זיך געאײַלט, ווי זיי פֿלעגן זיך אײַלן אין מאָסקווע, ווען זיי האָבן באַגעגנט אַ באָרוועסן, הונגעריקן פּאָפּ מיט אַן אויסגע־שטרעקטער האַנט. און דאָס פּאַרקוועטשטע, אײַנגעפֿאַלענע מויל האָט נישט אויפֿגעהערט איבערצוחזרן:

— פּאָפּ — רב, אַ בראָך צו אײַך!

מ ש י ח

אַ פערטל יאָרהונדערט האָט ר׳ שבתי געווױנט אויף גאָרעק־סטריט. אַ קבצנישע סטריט, אַ פאַרוואָרלאָזט הויז, און די דירה — דרײַ צימערלעך מיט אַ קיך — אַ חורבה.

אַ פערטל יאָרהונדערט איז ר׳ שבתי געווען רבי, האָט גע־פירט „טיש" אינם שטיבל, וואָס אויף דעלענסי־סטריט. פיש־הענדלער, קצבים, וואָס זײַנען געשטאַנען אונטער דער בריק, האָבן זיך בײַ אים געבעטן, שוסטערס, שנײַדערס האָבן זיך בײַ אים געבעטן, פעדלערס האָבן זיך בײַ אים געבעטן:

— הייליקער רבי, אַ וואָרט, בלויז אײַערס אַ וואָרט, און מיר וועלן אָוועקשטעלן אַ געמויערט שטיבל. איבערן שטיבל — אַ גערױמע דירה, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רבין. און אַלע „הויף"־הוצאות, מיט דער ברייטער האַנט, וועלן מיר, חסידים, דעקן.

דער רבי האָט דערפון נישט געוואָלט הערן. ער אַליין האָט כמעט גאָרנישט געדאַרפט. געגעסן האָט ער איינמאָל אַ טאָג, נאָך מעריב, אַ לעפל געקעכץ. ער האָט בלויז געזאָרגט פאַר דער משפחה. צוויי, דרײַ מאָל אַ וואָך איז דער רבי אַרויס אין גאַס אַרײַן מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס. ער האָט אויפגע־קויפט רעשטקעס און ראַמשן און זיי פאַרקויפט צווישן שנײַדער. דערפון האָט ער צונויפגעקלאַפּט פאַר דער משפחה פון פינף ביז צען דאָלער אַ וואָך.

די משפחה איז נישט געווען קיין גרויסע: ס'ווײַב, צוויי טעכטער און אַ זון, אַ קאַליקע. מען האָט געלעבט אין גרויס דחקות, אַפילו צוגעהונגערט, געלעבט נישט אין פּאָטערס וועלט, נאָר אין דער ייִנגערער טאָכטערס.

ס'ווײַב, אַ נידעריקע, אַ טרוקענע, ווי פּאַרמעט, איז שטענדיק געזעסן איבער אַ ביכל. זי האָט נישט געהאַט פאַרן מאַן קיין גוט וואָרט. זי האָט אים באַגעגנט מיט קללות, ווען ער איז געקומען אָפּעסן ס'לעפל געקעכץ, זי האָט אים אַרויסגעבאַגלייט מיט קללות, ווען ער איז האַלבע נאַכט געגאַנגען אָפּריכטן חצות. ער האָט אויף די קללות גאָרנישט געענטפערט, ווי נישט אים וואָלט מען געמיינט. ס'האָט אים מער געאַרט, וואָס ס'ווײַב גייט אין די אייגענע האָר, שיטערע, שיווע האָר, פאַרדרייט אויפן קאָרק אין אַ קניפּל, גרויס ווי ס'פויסטל פון אַ געבוירן קינד. דער הויכער, דאַרער גוף, אין די זעכציקער, האָט זיך געבויגן. די שוואַרצע אויגן האָבן געפּיבערט און פון דעם ביינערדיקן פּנים, מיט דער פאַרשפּיצטער באָרד, וואָס האָט נישט געוואָלט גרוי ווערן, האָט געשלאָגן מיט אַזויפיל טרויער, מיט שרעק פאַרן גורל, פאַרן מענטשלעכן גורל. ער האָט זיך בײַ איר געבעטן:

— זינדיקסט, רבקה־לאה.

— אוודאי זינדיק איך, — האָט ס'ווײַב, ווי אַ נישטגוטע, זיך אַ שטעל געטאָן שבתין אין די אויגן אַרײַן, — דערפאַר וואָס דו פּײַניקסט דיך און פּײַניקסט אַנדערע איבער אַ פערטל יאָר־הונדערט, דערפאַר וואָס דו ביסט אַ רבי, ווילסט ברענגען משיחן, צי דו האַלסט זיך אַליין פאַר אַ משיח, דערפאַר האָט דיר גאָט געגעבן אַ זון אַ קאַליקע, דערפאַר איז אסתר שוין באַלד פאַרזעסן. אַוודאי זינדיק איך.

— דאַנק גאָט, וואָס דו האָסט נחת פון דינהן, — האָט ר' שבתי אַ זאָג געטאָן זיך אין דער באָרד אַרײַן.

— ווער־ווער, נאָר דו, משיח מײַנער, דאַרפסט זיך אַוודאי נישט איבערנעמען מיט דינהן, — האָט ס'ווײַב געקליבן ווערטער, ווי נאָדלען, געוואָלט וואָס שטאַרקער אים ווײ טאָן, — דײַן ייִנגערע טאָכטער וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבן. דײַן טאָכטער

איז אַ טענצערין, טאַנצט פאַר מאַנסבילן האַלב־נאַקעט. האַ, אַמע־ריקאַנער רבי מײַנער, וואָס זאָגסטו דערויף? רעכנסט טאַקע אויפגעריכט צו ווערן פון דינהן? זאָג איך דיר, אַז זי פאָרט אום שבת, עסט טרפות, עסט מן הסתם חזיר...

בײַ די לעצטע ווערטער האָט ר׳ שבתי זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ, און ס׳פּנים האָט זיך פאַרקרימט פון ווייטאָג. די קליינע רבקה־לאה איז ווי העכער געוואָרן, געהאַט די אויבערהאַנט איבערן מאַן, און פאַרענדיקט מיט אַ מלחמה־רוף:

— שווײַגסט, שבתי, האַ? האָסט געזייט ווינט און וועסט שנײַדן ווינט!

שבתיס גוף, וואָס האָט געפּאַסט אַ פערטל יאָרהונדערט, האָט זיך איצט, נאָך האַלבער נאַכט, געקאָרטשעט ווי אַ וואָרעם, זיך געדרייט אין יסורים. ער האָט שטיל געזאָגט:

— דינה איז אַ וווילע קינד, אַ טײַערע נשמה. און אויב זי זינדיקט, איז עס אַן אָפּקומעניש. גאָט שטראָפט דיך, רבקה־לאה, ווײַל ביסט מיך מבזה אין די קינדערס אויגן.

— און דו נעמסט זיך טאַקע איבער, אַז דו ביסט משיח?— האָט ס׳ווײַב זיך נעענטער אַ רוק געטאָן צום מאַן.

ר׳ שבתי איז אַרײַן אין אַ ווינקל. זײַן שאָטן האָט זיך צעלייגט איבער דער וואַנט. ער האָט געשוויגן.

— און דו מיינסט טאַקע, אַ משיח וועט קומען צו אַזאַ מענטשן־פּײַניקער ווי דו? דו האָסט מיך פאַרפּײַניקט, און די קינדער פאַרפּײַניקט. מערדער!

ר׳ שבתי האָט זיך גערוקט צום אַרויסגאַנג, זיך גערוקט מיט דער וואַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסמײַדן שטיינער. דער שאָטן האָט זיך געשאַרט נאָך אים, גערייניקט די וואַנט מיט דער צעפלאָכטענער באָרד.

רבקה־לאה מיט אירע דראָבנע טריט איז אים נאָכגע־גאַנגען. דאָס קניפּל שיווע האָר האָט זיך געעפנט, האָט זיך פאַררוקט אויפן לינקן אויער. פון שלאָף־צימער האָט זיך אַרויס־געשאַרט דינה. איבערן נאַכט־העמד איר ווינטער־מאַנטל. זי האָט

געזשמורעט מיט די פֿאַרשלאָפֿענע אויגן, און דאָס פּנים, ענלעך אויף דער מוטערס, נאָר שענער, איז פֿול געווען מיט שמייכל. זי איז אַרײַן צווישן דער מוטער און דעם פֿאָטער:

— מאַמע, וואָס ווילסטו פֿון אים?

— ער גייט דאָך שוין ווידער צו „חאַצקל=לאַהס".

— צו וועמען?

— און דו גלויבסט טאַקע, אַז ער גייט אָפּריכטן „חצות"? — האָבן רבקה=לאַהס אויגן געשפּריצט מיט רשעות — אַלע נאַכט „חצות", איבער אַ פֿערטל יאָרהונדערט? איך גלויב נישט.

— אויב דו גלויבסט נישט, מאַמע, גייט מען מיט אים מיט.

— ניין, כ'גלויב נישט. עס זײַנען דאָ „גענגסטער"* מיט בערד אויך.

— וואָס? — האָט דינה זיך צעלאַכט.

— אַז מ'גייט נאָך האַלבער נאַכט אַוועק פֿון שטוב, איז מען אַ „גענגסטער".

אין ר' שבתיס צעוויטאָגטן פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ שמייכל. ער האָט אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבער דער מזוזה און איז אַוועק פֿון שטוב. ס'ווײַב האָט אים נאָכגעשריִען:

— יאָ, אַ „גענגסטער"!

רבקה=לאה, וואָס האָט אַזוי אָנגערעדט פֿאַרן מאַן אויף דער טאָכטער, זי אַליין האָט געהאַט איין ליכטיק פֿינטעלע אין איר לעבן. דאָס איז געווען דינה. בײַ דער מוטער, בײַ דער על= טערער שוועסטער, בײַם קאַליקע — בײַ אַלעמען איז געווען איין אינטערעס אין לעבן — דינה. דינהס פֿרייד איז געווען זייער פֿרייד, דינהס טרויער — זייער טרויער. קיין אייגן לעבן האָט מען כמעט ווי נישט געהאַט. זעלטן ווען מען איז אַרויס פֿון שטוב, נאָך זעלטענער ווען מען האָט גערעדט מיט אַ מענטש. גאַנצע טעג — ביכלעך, שמאַטעס, טענות צו שבתין. און צווישן דעם אַלעם — אַ בענקעניש נאָך דינהן, אַ בענקעניש, וואָס פֿאַר= גייט אין אַ הונגער, דינה זאָל וואָס גיכער אַהיימקומען.

---

* גענגסטער—רויבער.

אין שטוב זײַנען געװען צװײ צדדים: די מוטער, די עלטערע שװעסטער, דער קאַליקע — איין צד; דינה מיטן פאָטער — אַ צװײטער. דינה האָט אױפן פאָטער נישט געלאָזט פאַלן קיין שטױבעלע. זי האָט פאַרנומען דער מוטערס האָר מיט אַ האָר־נאָדל און געטענהט:

— װאָס װילסטו פון טאַטן? דער „גענגסטער" פאַרדינט נישט גענוג? ברענגט װייניק געלט אַהיים? זיצט שטענדיק אין שטיבל? לאָז דיר דאַכטן, אַז דער טאַטע איז אױך אַ קאַליקע.

— הלװאי װאָלט ער עס געװען!

— װאָלט דיך אַ גרױס גליק געטראָפן.

— און אַזױ װאָס האָב איך?

— אַזױ האָסטו אַ מאַן.

— אַ שײנעם מאַן האָב איך.

— זינדיקסט, מאַמע, װייסט כאָטש װיפיל װײַבער ס'זײַנען דיר מקנא? אַ מאַן, אַ רבי, װאָס פאַסט שוין באַלד אַ פערטל יאָרהונדערט.

— מוחל, מוחל, מוחל!

די קלײנגעװיקסיקע רבקה־לאה האָט זיך אױסגעגלײַכט. זי האָט געקוקט מיט ביטול אױף די אָנגעװאָרפענע שמאַטעס, אױף די אָפּגעלאָזטע, חושכדיקע צימערלעך און האָט געװיזן מיט אַ פינגער אױפן געלעגער, װוּ דער קאַליקע איז געשלאָפן:

— כ'װעל דאָך אײביק נישט לעבן.

— װעסט לעבן, מאַמע, װעסט לעבן. משיחס װײַב װעט אײביק לעבן.

— גײ שױן, גײ, משוגענע, — האָט רבקה־לאה זיך גענומען אױסטאָן, — ער—משיח, און דו—אַ טענצערין.

דינה האָט נישט געענטפערט. זי האָט גענומען גײן צו זיך און באַמערקט, אַז אין גרױס אײַלעניש האָט דער פאָטער פאַרגעסן אָנצוטאָן ס'װעסטל. דער אונטערשלאַג איז געװען צע־דריבלט, צעריסן. פון אַ באַהאַלטענער קעשענע האָט אַרױסגע־

קוקט אַ פֿאַרשריבן פּאַפּיר. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן ס'ווּעסטל און פֿאַרמאַכט נאָך זיך די טיר פֿון שלאָף־צימער. זי האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר, וואָס איז שוין געווען צעריבן און אַ סך ווערטער אָפּגעמעקט. פֿון איין זײַט איז געווען אויסגערעכנט אַ לאַנגער ווידוי־צעטל, איין עבירה אויסטערלישער פֿון דער צווייטער. פֿון דער אַנדערער זײַט אַ ליד, נ י ש ט צ ו ג אָ ט, נאָר צו דער „סטרא־אחרא", צום נישט־גוטן, וואָס זיצט אין אים, מאַטערט אים איבער אַ פֿערטל יאָרהונדערט, און ער, ר' שבתי, דער רבי, משיח, גייט אויס פֿון בענקעניש. וואָס פֿאַר אַ רבי, וואָס אַ פֿאַר אַ משיח איז ער? אַ וואָרעם, וואָס קאָן זיך נישט אויפֿהייבן איבער דער ערד, ווי טויזנטער, ווי מיליאָנען אַנדערע ווערעם, וואָס בלאָנדזשען איבער דער וועלט.

דינה איז געזעסן איבערן ליד צום נישט־גוטן, לאַנג געזעסן, און אינם יונגן האַרץ האָט זיך געוויטאָגט אַ געשריי:

— טאַטע, טאַטע!

ר׳ שבתי

דינה איז שפעט אַהיימגעקומען. זי איז געזעסן בײַ אַ חברטע ביז נאָך האַלבער נאַכט און האָט זיך געגרייט צו אַ פּאַבליק־סקול־עקזאַמען. אין די פאַרשפאַרטע צימערלעך האָט געשמעקט מיט שבת, מיט אויסגעגאַנגענע ליכט, מיט לוויה. פון קיך־אויוועלע, ווו גאַז־פלעמלעך האָבן געברענט אַ גאַנצן שבתדיקן מעת־לעת, האָט מען געהערט, ווי ס׳וואַסער אין בלויען טשאַיניק קוואָקעט.

דינה האָט אויסגעטאָן די שיך און איז פאַרבײַ דעם פאָטערס געלעגער, דער מוטערס געלעגער. זי איז שוין געווען בײַ זיך אין אַלקערל. אין דער פינסטער האָט זי אַ צעקנעפּל און אַ צע־שנירעווע געטאָן די קליידער, זיי איבערגעלאָזט אויפן דיל און איז אַרײַן אין בעט. זי האָט גלייך דערפילט, ווי ס׳געלעגער נעמט זיך פון אונטער איר אַוועקגליטשן, און איידער וואָס־ווען איז זי אין שלאָף אַ פאַל געטאָן, האָט אויפגעציטערט און צוריק געעפנט די אויגן.

דינה האָט ניט געוווסט, ווו זי געפינט זיך, ניט געוווסט, ווער ס׳דרייט זיך לעבן איר אַרום אין תכריכים. ס׳האָט גענומען אַ ווײַל, ביז זי האָט זיך געכאַפּט, אַז דער מענטש, — הויט, ביינער און באָרד, — וואָס דרייט זיך אַרום אין לויזע, ווײַסע אונטערוועש, איז איר פאָטער, וואָס שלאָפט ניט קיין נעכט, וואָס זיצט אין בית־מדרש און לערנט. דאָס גנבעט ער זיך אַרויס פון שטוב, די מאַמע זאָל ניט הערן. פאַרוואָס גנבעט ער זיך? — די־

מאַמע זאָל ניט שרײַען, זאָל ניט גוואַלדעווען: — „אַזוי און אַזוי, צדיק מײַנער. אַזוי און אַזוי, הייליקער מײַנער, אַז מען שלאָפֿט ניט בײַנאַכט, קען מען בײַטאָג ניט האַנדלען". כאַפּט אים אַמאָל די מאַמע בײַנאַכט, ווען ער טוט זיך אָן, איז שוין אויס בית־מדרש. ער הייבט אויף די הענט, ווי איינער, וואָס ווערט זיך, מען זאָל אים ניט שלאָגן. דאָס ווערט ער זיך פֿון דער מאַמעס קללות און חרמות. ער ענטפֿערט ניט, בלײַבט שוין אַזוי זיצן אין די מלבושים, ביז ס'הייבט־אָן טאָגן. צום מערסטן, אָבער, געלינגט אים אַרויסצושאַרן זיך פֿון שטוב; און אַז ער קומט אַהיים, איז שוין אַ שטיק אויף טאָג. די מאַמע זיצט שוין אונטער דער דעלענסי־בריק, ווו זי האַנדלט מיט זאָקן. ער בײַסט איבער, כאַפּט ס'זעקל אונטערן אָרעם און לאָזט זיך אָן כוחות איבער די שעפּער, ווו ער קויפֿט־אויף רעשטקעס און ראַמשן.

דינה האָט געהאַלטן מיטן פֿאָטער, — אַ מענטש, וואָס האָט קיינעם ניט געשטראָפֿט, האָט פֿאַר יעדן געהאַט אַ גוט וואָרט, אַפֿילו פֿאַר דער ווײַב. ער האָט געטענהט צו דינהן, אַז גערעכט איז די מאַמע. ווי לאַנג אַ מאַמע לעבט איז זי גערעכט. אַ מענטש לויפֿט, האַוועט, יאָגט אָפּ די פֿאַר יאָר און קערט זיך קיינמאָל ניט צוריק: בלויז צו אַ מאַמען קערט מען זיך צוריק. אַוודאי דאַרף אַ מאַן, דאַרף אַ פֿאָטער באַזאָרגן די משפּחה מיט חיונה. פֿון וואַנען זאָל ער, אָבער, ציען חיונה, אַז ער אײַלט זיך קיינמאָל ניט, האָט שטענדיק צײַט, און דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט ווי אַ גאַסט, וואָס דאַרף הײַנט, מאָרגן, אַהיימפֿאָרן? ווּהין אַהיימפֿאָרן? ס'איז גענוג געווען, דינה זאָל אַ פֿרעג טאָן, — און שבתי האָט צעעפֿנט אַ דינע, ווײַסע האַנט־פֿלאַך, גלײַך ווי דאָרט וואָלט געווען אָנגעצייכנט דער וועג.

איצט, ווען דינה, האָט דערזען, ווי דאַר דער פֿאָטער איז, האָט איר אַרומגענומען אַזאַ רחמנות, אַז די מידקייט איז פֿון איר אַוועק. זי האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ פֿון קישן און שטיל, גאָר שטיל, גענומען רעדן צו אים, ווי שטענדיק אין אַ דריטער פּערזאָן:

— עך טוט זיך שוין אָן, ר' שבתי?

— כ'האָב זיך איבערגעוועקט, טאָכטער — האָבן דינהס ווערטער אַ וועק געטאָן אין אים אַ פרייד, — שלאָף, טאָכטער, שלאָף.

— ענקער ווײַב וועט זיך באַלד איבערוועקן, — האָט דינה אונטערגעשטראָכן יעדעס וואָרט, ווען זי האָט עס אַרויסגערעדט.

— הײַנט איז דאָך שבת, — האָט זיך דער פאָטער אַרײַנגעשמייכלט אין דער באָרד אַרײַן.

— איז וואָס, אַז ס'איז שבת?

— שבת רוט מען.

— און ע ך, ר' שבתי, רוט אַפילו אום שבת אויך ניט.

— טראַכסט אויף מיר אויס אַ בילבול, טאָכטער.

— וואָס פאַר אַ בילבול איז עס, ווען גאַנץ אַמעריקע שלאָפט, און איר, ר' שבתי, וואַכט?

— דו, טאָכטער, שלאָפסט, די מאַמע שלאָפט, גאַנץ אַמעריקע שלאָפט, — איז שוין דער פאָטער געשטאַנען אַן אָנגעטאָנענער, געווען גרייט אַרויסצוגיין, — מוזן דאָך זײַן יחידים, וואָס זאָלן וואַכן, וואָס זאָלן טאָן מעשים טובים. אַנדערש וועט דאָך די וועלט קיין קיום ניט האָבן. דער מענטש איז בטבע שלעכט, עסט זיך אַליין אויף פון רשעות, און ווען ניט מעשים־טובים, ווען ניט תורה, וואָלט שוין די וועלט לאַנג חרוב געוואָרן. פאַרשטאַנען, טאָכטער?

— פאַרשטאַנען, ר' שבתי.

— גוט. איצט, טאָכטער, וועסטו אַזוי גוט זײַן און פאַרמאַכן נאָך מיר די טיר.

— מען וועט שוין פאַרמאַכן, ר' שבתי, גייט געזונטערהייט— האָט זיך דינה אַ צי געטאָן פון דער קאָלדרע, אָפּגעדעקט אַ נאַקעטן אַקסל, אַז ס'איז אַזש ליכטיק געוואָרן אין אַלקער־ל.

שבתי האָט געוואַרט הינטער דער טיר, ביז די טאָכטער האָט צוויי מאָל איבערגעדרייט דעם שלאָס. ער איז געוואָרן אויפגעהייטערט, האָט גענומען זאָגן זײַן באַליבטן מדרש. דעם מדרש האָט ער געזאָגט און איבערגעזאָגט דעם גאַנצן וועג, אים אויסגעזונגען מיט אַ שטילן ניגון, מיט אַ באַהאַלטענעם ברען,

געזאָגט און גלײַך פֿאַרטײַטשט אין ייִדיש: „אוי, כּל מקום שאתּה מוצא רושם רגלי אדם, שם אני לפניך", — „אומעטום, װוּ דו געפֿינסט אַ טריט פֿון אַ מענטשן, דאָרט איז גאָט מיט דיר".

שבתי איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון פֿערטן שטאָק. ער האָט געציילט די טרעפּ, און דער מדרש, אָן װערטער, האָט פֿון אים אַרויסגעזונגען. ער איז שוין געװען אויפֿן דריטן שטאָק, אויפֿן צװייטן. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ פֿאַרשטיקט קרעכצן. שבתי האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך אויפֿן אָרט ניט געכאַפּט, פֿון װאַנען דאָס קרעכצן קומט. ער האָט געדרייט מיט קאָפּ, אָנגעשטעלט די אויערן, געװאָלט װיסן, צי דאָס קרעכצן קומט פֿון אויבן, צי פֿון אונטן. און װי ער האָט זיך אַזוי אײַנגעהערט, איז שטיל געװאָרן. אַ רגע, צװיי, דרײַ: דערנאָך װערטער, אָפּגעהאַקטע װערטער, און אַ פֿאַל אויפֿן שטיינערנעם דיל, — אַזאַ פֿאַל, אַז די שטיגן האָבן אויפֿגעציטערט. דאָס קרעכצן האָט זיך איצט דערטראָגן מיט אַ סאָפּערײַ, מיט אַ שטיקערײַ, װי צװיי מענטשן װאָלטן זיך געראַנגלט אויף טויט און אויף לעבן.

שבתי איז געװען זיכער, אַז דאָס איז אַ מערדער עמיצן באַפֿאַלן, שטיקט אים, מאָרדעװעט אים, און אויב מען זאָל ניט קומען דעם קרבן צו הילף, װעט ער אויסהויכן דעם אָטעם. שבתי האָט זיך אויף קיין איין רגע ניט אָפּגעשטעלט; ניט געטראַכט, צי דער מערדער האָט געװער; ניט געטראַכט, װאָס ער, שבתי, האַלט זיך קוים אויף די פֿיס. ער האָט זיך גיכער געגנוּמען טראָגן איבער די שטיגן, געשפּרײַזט צװיי טרעפּ מיטאַמאָל און דער מדרש האָט אַרויסגעברומט פֿון אים. ער איז געשטאַנען אין קאָרידאָר. דאָס עלעקטרישע לעמפּל בײַם סאַמע אַרײַנגאַנג האָט באַלויכטן דעם קאָרידאָר ביז צו די טרעפּ. הינטער די טרעפּ — אַ געדיכטע פֿינסטערניש, און פֿון דער פֿינסטערניש האָבן זיך דאָס געטראָגן די פֿאַרשטיקטע קולות, זיך געטראָגן מיט אַ סאָפּען, מיט אַ געראַנגל.

שבתי. מיט צעשפּרייטע הענט, די שװאַרצע, גרױלעכע באָרד צעכמאַליעט, די אויגן — לעבעדיקע קוילן, האָט זיך אַ ציגעטאָן איבער דער פֿינסטערניש, װי איינער ציט זיך איבער אַ טײַך,

ווי אַ מענטש טרינקט זיך. ער איז צוגעקומען הינטער די שטיגן מיט אַן אומגעהאַריש געשריי:

— ווער איז דאָרט?

ס'איז געווען שטיל. עס האָט גענומען אַ ווײַל, ביז שבתיס אויגן האָבן זיך צוגעוויינט צום חושך, און ער האָט דערזען, ווי דער מערדער ליגט אויפֿן קרבן, האַלט אים פֿאַרן האַלדז. שבתי האָט זיך צעשריגן:

— לאָז אים אָפּ, מערדער! לאָז אים אָפּ, זאָג איך דיר! אַז ניט, וועק איך אויף אַלע שכנים! אַז ניט, רוף איך פּאָליציי!

דער מערדער האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ. אויגן, גרויע, חיהשע, האָבן אָפּגעמאָסטן שבתין פֿון אויבן ביז אַראָפּ. דורך די פֿאַרקוועטשטע ליפּן האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווי ער וואָלט אויס־געשפּיגן די ווערטער:

— געגאַנגען! געגאַנגען! און טאַקע גלײַך!

מיטן וואָרט „קין" האָט זיך שבתי אַ וואָרף געטאָן אויפֿן מערדער, אים אָנגעכאַפּט פֿאַר די פּלייצעס. שבתי האָט געכאַפּט אַזאַ שטויס מיט אַ פֿוס, אַז ער איז געפֿאַלן אויף דער וואַנט.

איבער שבתין האָט זיך אַ הייב געטאָן אַ ווילדער געלעכ־טער. געלאַכט האָט דער יונג, און הינטערן יונגס קאָפּ האָט זיך געהויבן אַ צעפּאַטלטער קאָפּ פֿון אַ מויד. איר געלעכטער האָט איבערגעשטיגן דעם יונגס. זי האָט אָנגעכאַפּט דעם יונג פֿאַר די האָר:

— פּיט, דאַרלינג, טשעפּע אים ניט; ער איז אַ ראַבאַי!

שבתי האָט זיך פֿאַרשטעלט די אויגן. ער האָט זיך געפּלאָנ־טערט אינעם קאָרידאָר, ניט געטראָפֿן צום אַרויסגאַנג, און געליטן וואָס דער מענטש איז אַזאַ חיה, איז אַזאַ דבר־אחר.

אויף דער גאַס, ווי ער איז געקומען צו זיך, האָט אים אַפֿילו הנאה געטאָן, וואָס ס'איז ניט געווען קיין מערדער. און דער מדרש האָט פֿון אים אַרויסגעזונגען:

„אוי, אומעטום ווי דו געפֿינסט אַ טריט פֿון אַ מענטשן, דאָרט איז גאָט מיט דיר"...

הינטערן דילענסי־בריק

אין די דרײַ צימערלעך, וווּ די פענסטער זײַנען אַרויסגעגאַנגען אויף דער דילענסי־בריק, אין אַ גאַנץ מעת־לעת געשטאַנען אַזאַ גרילצערײַ, אַזאַ בוירערײַ, ווי איבער דער בריק וואָלטן נישט געפאָרן קיין טראַמווײַען, קיין אויטאָמאָבילן, קיין וועגענער, נאָר מען וואָלט אויפגעריסן שטיינערנע בערג.

פון דעם שטענדיקן טומל זײַנען די פענסטער, ס'מעבל און אַפילו די מענטשן געווען פאַרצויגן מיט אַ שטויב.

די אײַנוווינער פון די דרײַ צימערלעך זײַנען שוין אַזוי געוווינט געווען צום געפילדער, אַז זיי האָבן אַפילו נישט גערעדט הויך. און אַז ס'האָט געטראָפן, מען האָט אַמאָל בײַנאַכט אָפּגעשטעלט דעם פאַרקער, געדאַרפט עפּעס פאַרריכטן אויף דער בריק, האָט דער עולם ניט געקאָנט שלאָפן. די שטילקייט האָט זיי אויפגעוועקט.

ס'הויזגעזינד איז באַשטאַנען פון פיר אירע — טאַטע־מאַמע אין די זעכציקער, אַ שלאַקריריקער זון און אַ כלה־מיידל.

דער פאָטער — אַ באָרד מיט ביינער. אַלץ איז בײַ אים געווען פאַרשפּיצט, אַפילו די שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק געפּיבערט. ער איז געווען אַ פעדלער, האָט פונאַנדערגעטראָגן שנײַדער־צודאַטען. דער פאָטער איז זעלטן געווען אין דער היים. ער האָט זיך שטענדיק געאײַלט, שטענדיק זיך געיאָגט נאָך דעם אייגענעם שאָטן, ווי אַ הונט יאָגט זיך נאָכן עק, און איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען מיטן טאָג.

די מוטער — קליין, גאָר קליין. קליין און קינדערדיק. ס'פּנים — שלאַבערדיק און געפּעלדלט, ווי אַ צוגעלעגענער ווינטער־עפּל. זי האָט זיך כּמעט פון הויז נישט אַרויסגערירט, איז געזעסן אין שטוב שוין פּאַרן מאַן אויך. האָט מען געדאַרפט איינקויפן עסן, האָט מען געדאַרפט עפּעס פאַרזאָרגן אין גאַס, צו גיין אַ גאַנג — אַלץ דער מאַן. ס'ווייב איז געזעסן און געלייענט ראָמאַנען, געלייענט צייטונגען. ס'האָט זי נישט געאַרט, וואָס אין שטוב זעט אויס, ווי נאָך אַ שׂרפה. ווו אַ קער — זעק שמאַטעס, זעק טאַשמעס, זעק קנעפּ. אַלץ צעוואָרפן. און צווישן די זעק — די קליינע מאַמע איבער אַ דיקן ראָמאַן. זי האָט געלייענט אויפן קול, געלייענט פּאַרן שלאָקרירן זון, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער מיט אַ צעעפנט מויל און זיך איינגעהערט.

דער זון איז געווען ברייט אין די פּלייצעס, גאָר ברייט אין געזעס, און די פיס — אויסגעבויגענע שטעקלעך. דאָס איז אים געקומען פון ווילגאַטנע ווענט, פון שלעכטער מילך, פון אַ פאַל. צו דריי יאָר איז ער אַרויסגעפאַלן דורכן פענסטער, געפאַלן פון ערשטן שטאָק אין גאַס אַריין און האָט פאַרלוירן ס'לשון. גאַנצע טעג האָט ער געסאָרטירט קאָלירטע טאַשמעס, זיי געוויקלט אין קנוילן, געסאָרטירט קנעפּ, זיי אויפגעצויגן אויף טעוועלעך, און זיך איינגעהערט, ווי די מוטער לייענט מיט אַ ניגון. און אַז עס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן אַ פּלאַץ, האָט ער זיך האַסטיק אַ שאַר געטאָן אויף אַלע פיר צו דער מוטער און זיך צעברומט. געהייסן האָט עס — לייען נאָכאַמאָל. הינטער די מאַטע באַקן, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט קרייזלעך, האָבן זיך גערעדלט פלאַמען. און די אויגן, הונגעריקע, האָבן פאַרשעמט געקוקט אויף דער אונטערשטער ליפּ, וואָס האָט געציטערט.

ס'כּלה־מיידל איז שוין געווען אין די הויכע דרייסיקער. ס'געשטעל און ס'אויסזען פון דער מוטער, נאָר מיט אַ פינף־און־צוואַנציק יאָר יינגער. דער נאָמען „כּלה־מיידל" איז איר געבליבן פון זעכצן יאָר אָן. פון נישט־דערעסן קליינערהייט, פון דעם שטענדיקן טומל, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער בריק, פונעם שטויב, וואָס האָט זיך געהויבן פון די צעעפנטע זעק שמאַטעס, —

פון דעם אַלעם איז ס'מיידל געבליבן אַ נישט־דערוואַקסענע. ווען זי איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָט דער פאָטער גענומען ברענגען אין שטוב אַרײַן חתנים. ווי אַ שלאַק, ווי אַ פּגע, אַבי אַ שומר־שבת, און דער פאָטער האָט אים געבראַכט אין שטוב אַרײַן, געבראַכט פאַרן „כּלה־מיידל" אַ חתן. ס'מיידל האָט גע־טריבן פון הויז די שלעק און איז פאַרזעסן.

ס'איז געווען נאָך פּסח, דער ערשטער פרימאָרגן נאָך פּסח. דער פאָטער, אין טלית־און־תּפילין, האָט געהאָלפן אַרויספּעקלען ס'פּסחדיקע געשיר. געאַרבעט האָבן אַלע — די קליינטשינקע מאַמע, ס'כּלה־מיידל, וואָס האָט זיך געאײַלט אין שאַפּ אַרײַן, זיך געשראָקן, אַז דערפאַר, וואָס זי האָט אויסגעפּעלט די לעצטע טעג פּסח, קאָן מען זי אַרויסשיקן פון שאַפּ.

— נו, גיי, דינה, גיי. — האָט די מוטער איר געשטעקט דעם איבערבײַס אײַנגעוויקלט אין אַ צײַטונג. — מיר וועלן שוין אַרויספּעקלען דעם חמץ אָן דיר.

— נו, נו, נו, — האָט דער פאָטער, וואָס האָט נישט גע־טאָרט אויסריידן, געוויזן דער טאָכטער אויף דער טיר, אַז זי מעג גיין, און אַליין האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בעט אַ ראָגאָזשע און זי דערלאַנגט דעם זון — נו, נו, נו!

ס'פּסחדיקע געשיר איז שוין געלעגן אין אַ צוקער־פאַס. דער געליימטער זון האָט געוויקלט די ראָגאָזשע אַרום דער פאַס, זי אַרומגעשנורעוועט מיט שטריק און נישט צוגעלאָזט דעם פאָ־טער, וואָס האָט אים כּלומרשט געוואָלט העלפן. דאָ האָט דער פאָטער זיך געבעטן בײַם זון מיט אַזאַ דינעם, ווייכן: „נו־נו־נו" — און דאָ זיך צעבייזערט: נו־נו! נו־נו! און אַז דער זון האָט אים אַלץ ניט צוגעלאָזט, האָט דער פאָטער אַ הייב געטאָן מיט ביטול די האַנט און מיט אַ זיפץ זיך אַוועקגערעדלט אין דאַוונען אַרײַן מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען אים נאָכצולויפן.

דער געליימטער האָט זיך גערוקט איבערן דיל און מיט פאַרברויגטע הענט, ווי מיט שטאַבעס, האָט ער געקײַקלט דאָס פאַס אין אַ ווינקל אַרײַן, עס אַרײַנגעשטעלט צווישןביידע בעטן.

דער פּאָטער, וואָס האָט שוין געהאַט אויסגעטאָן טלית-און תּפילין, און דאָס מויל זײַנס האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט אָפּ-שטעלן, דאָ אויסגעשפּיגן, דאָ געפּרעפּלט, איז צוגעגאַנגען צום ווײַב און איר געוויזן אויפן זון:

— גאָלדענע הענט.

ס'ווײַב, וואָס איז אַ גאַנצן פּסח ניט געווען מיט אַלעמען, געמיינט, אַז די מצה האָט איר פֿאַרשאַדט, האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די שוואַכע פֿיס. איבער די הענט, איבער די זײַטן, איבערן גאַנצן קערפּער איז בײַ איר עפּעס געקראָכן, ווי שפּילקע-קעפּלעך וואָלטן געהאַלטן אין אויפּטיקן אונטער דער הויט. זי האָט זיך יעדע ווײַלע געמוזט צוזעצן. און אַז דער מאַן האָט איר געוויזן אויפן זון, האָט זי צומאָל די אויגן ניט אויפגעהויבן, בלויז אָפּ-געזיפֿצט און די רייד זײַנען בײַ איר פֿון מויל אַרויסגעפֿאַלן:

— וואָס טויגן מיר די גילדענע הענט, אַז ער איז אַ וויס-טער קאַליקע.

— נאָר נישט געזינדיקט מײַן ווײַב, נאָר נישט געזינדיקט,— איז דער מאַן שוין געזעסן אין קיך איבער אַ שיסל קאַשע און האָט זיך געהאַלטן אין איין אָפּיאָגן פֿון דער באָרד, וואָס איז אים געקראָכן אין עסן אַרײַן. ווי מען יאָגט זיך אָפּ פֿון אַ שטוביקער חיה, וואָס מאָנט.

דער געלײַמטער האָט זיך פֿאַרקליבן צום אָפֿענעם פֿענסטער. ער האָט געקוקט, ווי דער פּרימאָרגן, אַ ליכטיקער, אַ פֿרישער, פֿינקלט אַרויס פֿון די פֿאַרמאַזשעטע שויבן, וואָס קעגנאיבער, לויפֿט נאָך די טראַמווײַען, די אויטאָמאָבילן, די וועגענער, און די לופֿט, אַזאַ דורכזיכטיקע, ברענגט פֿון מאָל צו מאָל דעם וואַסער-שימער פֿונם איסט-ריווער.

ס'איז אים גוט געווען. ער האָט אַזש צעקנעפּלט אויף זיך די וועסט, ס'העמד, די לונגען זאָלן מער לופֿט אײַנזאַפּן. ער האָט איבערגעגעבן ס'האַריקע לײַב דעם פּרימאָרגן. און די ווינ-טעלעך, וואָס זײַנען אָנגעלאָפֿן פֿונם „איסט-ריווער", האָבן זיך געשאַרט איבער זײַן נאַקעט לײַב, ווי פֿינגער. אַ שטום געשריי האָט זיך געהויבן אין אים. דער יונג האָט זיך אַזש צעברומט,

וען פרישע כּוחות האָבן זיך גענומען גיסן איבער אַלע זײַנע גלידער, שטאַרקער און שטײַפער געמאַכט אַפילו די געלײמטע פיס.

הינטער אים האָט זיך געטראָגן דער מוטערס ניגון, — זי האָט געלייענט אויפן קול אַ ראָמאַן. דער יונג האָט געבענקט, געבענקט נאָך אמתע פינגער, וואָס זאָלן זיך שאַרן איבער אים. מיט אַ געבּרומערײַ, מיט אַ גרימערײַ, האָט ער זיך אויף אַלע פיר גענומען טראָגן צו דער מוטער. פונם טומל האָט זי אויפגעהערט לייענען און אויפגעהויבן דאָס פּנים. דער יונג האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און איז געבליבן זיצן אויפן דיל, איז ניט דערקראָכן. די פרייד איז בײַ אים מיט אַמאָל אָפּגערונען. ער האָט געקוקט אויף דער מוטער, ווי אויף אַ פרעמדער. דאָס האָט בלויז אָנגעהאַלטן אַ ווײַל. באַלד האָט ער זיך צעלאַכט, זיך שטאַרק צעלאַכט, וואָס די מוטער שפּילט זיך מיט אים, טרײַבט שפּאַס.

— וואָס לאַכסטו? — איז דער מוטערס קול געקומען פון קאַרק, נישט פון פּנים.

דער יונג האָט זיך אי דערשראָקן, אי העכער געלאַכט. ער האָט געוויזן מיט די פינגער, אַז דער מוטערס מויל איז אויפן קאַרק. געזען, אַז די מאַמע כאַפּט ניט, וואָס ער מיינט, האָט ער זיך אַ רוק געטאָן אויף אַלע פיר און איר געבראַכט אַ שפּיגעלע:

— אי־אי־אי!

די מוטער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגעלע און איז פון שרעק קלענער געוואָרן. ס'מויל האָט זיך בײַ איר אויסגעדרייט, אויסגעקרימט, איז פאַרקראָכן הינטערן אויער.

דער יונג האָט זיך ווידער צעלאַכט, געוווּסט, אַז מען טאָר ניט לאַכן, און זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן. די קליינע מאַמע האָט זיך צעוויינט, געוויינט בלויז מיטן קול, ס'פּנים, די אויגן, צעקרימטע, האָבן געשמייכלט. דער יונג האָט געקוקט אויף דער מוטער, געליטן וואָס ער קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן, און האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער. די מוטער האָט זיך העכער צעוויינט.

— אַ גדולה אויף דײַן קאָפּ, קדיש מײַנער. האָסט שוין אַ שלאַקרייריקע מאַמע אויך.

וועלוול

אַ גאַנצן טאָג איז וועלוול אַליין אין די צוויי צימערלעך מיט דער קיך, וואָס אויף דילענסי-סטריט. אַ געליימטער, זיצט ער אויף אַן אײַזערנעם בעטל, וואָס שטייט בײַם פענסטער, און קוקט אויף דער הענג-בריק, קוקט אַזוי אַלע זײַנע יאָרן. באַנען, טראַמווײַען, אויטאָמאָבילן, פערד-און-וועגן טראָגן זיך בײַטאָג, טראָגן זיך בײַנאַכט, בויטען-אויף די לופט, וואָס בלענדט די אויגן, קרעלט דעם האַלדז. וועלוול דערקענט די באַנען אָן דעם ציטער פון די ווענט, אָן דעם קלימפּער פון די שויבן, וואָס שאָקלען זיך אין די פענסטער-ראַמען, ווײַל דער קיט האָט זיך שוין לאַנג אויסגעקרישלט. דאָס דרויסיקע געפילדער זעצט אין זײַנע גלידער, הייבט זיך און פאַלט, ווי קוועקזילבער, און מיט פאַרבונדענע אויגן וועט וועלוול, ווי אַ וועקזייגער, אָנזאָגן — באַגינען, מיטאָג, אָוונט, נאַכט.

איבער גאַסן און געסלעך, איבער הײַזער און קוימענס, איבער באַנען און טראַמווײַען טראָגן זיך די ערשטע יוני-טעג, זיי פאַרקלײַבן זיך אויך צו וועלוולען אין אַלקערל, רוימען עפּעס אײַן, זאָגן-צו, און די זעק מיט שמאַטעס, די צעהאַנגענע שנײַדער-צודאַטן באַקומען לשון, רעדן, ווי וועלוול וואָלט נישט אַלט געווען קיין זעכצן יאָר, נאָר דרײַ, פיר. צום לײַכטסטן האָט ער דעם באַגינען, ווען די הענג-בריק האַלט זיך אין אַרויסשיילן פון

דער נאַכט, טראָגט אין אירע קנייטשן דעם ווײַטן אָפּהילך פון ניו־יאָרק, וואָס וועקט זיך.

ס'איז זונטאָג. דער פּאָטער שלאָפט, די שוועסטער שלאָפט. וועלוול שאַרט זיך האַרט צום אָפענעם פענסטער. פּלייצעס ברייטע, הענט לאַנגע, מוסקולעזע. ס'פּנים, וואָס שמייכלט קיינמאָל נישט, באַוואַקסן מיט שוואַרצע שיטערע קרײַזלעך. די אויגן — טיפע, טונקעלע, בײַטן זיך מיט יעדן קלאַנג, מיט יעדן שפּראָץ אויף טאָג, שטעקן־אָן מיט אומרו, אַז מען קוקט אויף זיי. און ס'גלויבט זיך נישט, אַז אונטער דעם געזונטן, צעוואַקסענעם גוף ליגן דאַרע, קינדערשע פּיס, ווי איבערגעבראָכענע פײַלנבויגנס.

דער שטײַפער פרימאָרגן צעווינטלט וועלוולס העמד, גלעט אים מיט קילע פינגער און ער, וואָס האָט קיינמאָל קיין וואַלד נישט געזען, אים דאַכט זיך, אַז ער זיצט אין שאָטן פון ביימער. די לונגען אָטעמען טיף, זאַפּן־אײַן, ווי שוואָמען. די גרינע פרישקייט, וואָס טראָגט זיך פון בוים, צווײַג און גרעזל און די פרייד פונם יונגן באַגינען וועקט זיך אין אים. דערנאָך קומט פון ערגעץ אָן אַ צעבליטע זון, בלישטשעט אַרויס פון די שיבעס, צינדט שויבן, צעלייגט זיך איבער דאַך און קוימען, גיסט אָפּ מיט זילבער די זײַלן שטויב, וואָס פאַלן פון דער הענג־בריק און גרייכן קיינמאָל נישט די ערד.

ערשט דעמאָלט הייבט זיך אויף וועלוולס פּאָטער. בײַם אָנטאָן זיך קרעכצט ער צו אַ ביסל, בײַם וואַשן זיך ווערט דאָס קרעכצן העכער און העכער און אַז ער נעמט אויפן ניכטערן מאָגען טרינקען זײַן הייס גלאָז וואַסער, זעט מען, אַז פון יעדן קרעכץ קומט אים צו אַ שטיק געזונט. דער פּאָטער פּעדלט מיט שנײַדער־צודאַטן, האַנדלט מיט לאָטעריי־צעטלעך, פירט אַמאָל דורך אַ שידוך. אין שטוב איז ער זעלטן. איצט שטייט ער אין טלית־און־תּפֿילין און דאַוונט מיט אַן אָנגעשפּאָלטן קול. דאָס שטערט אים אָבער נישט צו פּאָרען זיך בײַ דער קיך, אָפּצוקאָכן דעם אָנבײַסן. מיטאַמאָל כאַפּט ער זיך וואָס ער טוט, נעמט שפּרײַזן איבער די צימערלעך און ס'קול ווערט בײַ אים מאָראַ־

לישער. באַלד פאַרגעסט ער זיך ווידער, מאַלט מיט די ליפּן און קוקט אַרײַן אין אַ צײַטונג, וואָס ליגט אויפן טיש.

וועלוול קוקט נאָך דעם פאָטער, איז אים מקנא, וואָס ער קען זיך דורכרעדן מיט גאָט אויף אַן אַנדער לשון. די ווערטער, וואָס דער פאָטער רעדט אַרויס, זײַנען אויסטערלישע, פרעמדע, ווי דער געהיימער ציטער, וואָס זעצט שטענדיק אין די ווענט, ווי דאָס געפּילדער איבער דער בריק, וואָס שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָפּ.

דער פאָטער וויקלט שוין אָפּ דעם „של־יד", מאַלט נאָך געשווינדער מיט די ליפּן און פרעגט וועלוולען:

— האָסט שוין אָפּגעגאָסן די נעגל?

וועלוול איז שווער אויף לשון. צו ברענגען אַ וואָרט איבער די ליפּן איז בײַ אים אַן אַרבעט. אַזוי, מיט אַ פאַרמאַכט מויל, קען ער נאָך רעדן, גיכער ווי דער פאָטער דאַוונט, און די ווערטער הילכן אין די אויערן — גלין־גלאַן, גלין־גלאַן. ער קוקט מיט צוטרויעריקע אויגן אויפן פאָטער, שאָקלט מיט דער גאָמבע, הייסן הייסט עס — שוין אָפּגעגאָסן די נעגל.

— נאַ, דאַוון — גיט אים דער פאָטער די צעקנוילטע תפילין.

וועלוול דאַוונט הײַנט מיט גרויס כוונה. ער קוקט אין סידור, רופט אָן די אותיות בײַ די נעמען, קאָן זיי אָבער נישט צונויפשטעלן אין ווערטער. ער וויל נאָכטאָן דעם פאָטער, דאַוו־נען גיך, נעמען זיך די אותיות פּלאָנטערן, פאַרלירן אויפן וועג דעם קלאַנג, בלײַבן שטיין אין גרגרת, ווי אַ קנויל, און אַ גרי־מעריי נעמט זיך הייבן אין אים, רײַסט זיך אַרויס, ווי אַ ברום פון אַ חיה.

שוין אַ פּאָר וואָכן ווי אומרויִקע כוחות וואַנדערן אינם זעכצן־יעריקן וועלוול, אַנדערשן איבער דעם גאַנצן גוף. אַזאַ גבורה וואַקסט אין אים, שוימט זיך, אַז אָפּטמאָל באַפאַלט אים אַליין אַ פּחד. ער איז זיכער, אַז אַפילו די פיס ווערן שטאַרקער. ער דאַרף זיך נאָך אָנשטרענגען, זעען, אַז גאָט, וואָס זיצט בײַ

אים אין די הענט, אין די פּלייצעס, זאָל זיך אויך אין די פּיס אַרײַן פאַרקלײַבן, וועט ער, וועלוול, נישט נאָר אָנהייבן גיין, ער וועט אויך פליִען. די לעצטע נעכט, ווי ער שלאָפט נאָר אײַן, הייבט ער זיך פון בעט, פליט אַרויס דורכן פענסטער. אַ צע־שפּרייט די הענט, אַ צי־אײַן די פּיס — און ער, וועלוול, טראָגט זיך איבער דער בריק, איבער הײַזער, אַרבעט לײַכטער מיט די הענט.

וועלוול פאַרגעסט אינגם סידור, זעט נישט ווי די בלעטער מישן זיך איבער. די מוסקולן אויף די הענט קניפּן זיך בײַ אים. איבער דער חוט־השדרה לויפן זאַפטן, ווײַניקע, שטאַרקע, צעגיסן זיך איבער די קליידער, און דער מוח, וואָס איז פול מיט נעפּלען, נעמט זיך מישן. די הענט ציִען זיך, ווערן לענגער, הייבן לײַכט בענקלעך צו צוויי, צו דרײַ מיטאַמאָל. ער הייבט אויף אַ קופערט מיט שניט־סחורה, דאַרף נאָר וועלן, וועט ער לײַכט אויפהייבן די שוועסטער מיטן שווערן אײַזערנעם בעטל.

די שוועסטער, דינה, וואָס איז עלטער פאַר אים מיט צוויי יאָר, שלאָפט נאָך. דינה איז נישט בלויז אַ שוועסטער, זי איז אויך אַ מאַמע. ביז צען יאָר האָט זי אים געוואַשן, געצוואָגן, געגעבן צו עסן, געטראָגן אויף די הענט, געפירט אין אַ וועגעלע און אים איבערגעלייענט אַ וועלט ביכער. די מוטער גיט זיך מיט וועלוולען כמעט אין גאַנצן נישט אָפּ. אַ קליינע, אַ דאַ־רע, זיצט זי שטענדיק צווישן די זעק צודאַטן און לייענט ראָמאַ־נען. דינה האָט געשוווירן בײַ גאָט, אַז זי וועט נישט חתונה האָבן, אַז זי וועט שטענדיק זײַן מיט וועלוולען. מיט רוגזה האָט וועלוול דעמאָלט אַרויסגעכאַפּט בײַ דינהן ס'בוך, וואָס זי האָט אים פאָרגעלייענט, און ס'האָט גענומען אַ צען מינוט ביז ער האָט אַרויסגעזאָגט עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן געדאַרפט מיינען:

— און אַז דו וועסט זיך פאַרליבן, דינה?

— קיינמאָל נישט, וועלוול! — האָט זי זיך געשוווירן.

— טאָ פאַרוואָס דאָ... אין די ביכער? — האָט ער זיך געקריגט.

— נישט איך, וועלוול, נישט איך!

דאָס איז געווען שוין לאַנג, ווען דינה איז געגאַנגען אין פּאָבליק־סקול. היינט אַרבעט דינה ביי קליידער, גייט אין טעאַטער, גייט אויף בעלער. און ער, וועלוול, מאַכט וואָס די אויגן זעען — טישן, בענקלעך, וועגעלעך. וועלוול האָט ליב די שוועסטער, האָט זי נאָך ליבער ווי פריער. ער פרעגט איר אָבער נישט, זי אים אויך נישט.

ער וואָלט איצט אַריינגעקראָכן צו דינהן אין בעט, ווי מיט יאָרן צוריק:

— לייען מיר אַ מעשה, אַ שיינע מעשה.

פון בלויזן געדאַנק הייבט זיך דאָס בלוט אין די באַקן, אין די שלייפן און דער פאַרלאַנג ווערט שטאַרקער. אין די תּפילין גליטשט זיך וועלוול אַראָפּ פון בעט, שפּאַרט זיך אונטער אויף די שטאַרקע הענט און שאַרט זיך אויף אַלע פיר אין צווייטן צימער אַריין.

דינה ליגט אַן אָפּגעדעקטע. אויפן ווייסן קישן שוואַרצע, צעפּאַטלטע האָר, ווי אַ קינדיש פּנים, אַ ווייס, אַן אויסגערוט, איז איינגעראָבן. שטיקער זון פאַלן אויף אַ נאַקעטן פוס, לויכטן אויף. וועלוול פאַרמאַכט די אויגן, טראָגט זיך לייכט אין קיך אַריין, נעמט זיך פאַרען ביים הייסן טשייניק, און דער מוח טוקט זיך אין שווערע נעפּלען, שאַרט דעם „של־ראש" אָן אַ זייט:

— לאָז עס הייסן, כ׳גיס זיך אָן אַ גלאָז טיי.

די אויגן ביי וועלוולען עפענען זיך קוים, קוקן דורך שפּעלטלעך, דינע, גאָר דינע, און די האַנט, ווי אַ שטאַבע, וויגט זיך מיטן טשייניק. דינה וואַרפט זיך איבער, דעקט זיך אָפּ, בלייבט ליגן מיט אַזאַ רחבות און שטיקער זון שפּילן זיך מיטן יונגן לייב — נישטאָ מער קיין באַהעלטענישן.

וועלוול לאָזט אַרויס דעם טשייניק, און אַ דינער, פאַרשפּיצטער קוויטש בלייבט שטעקן צווישן די צונויפגעדריקטע ליפּן:

— מממ...

דינה שפּרינגט אַראָפּ אין איין העמד:

— װעלװל? װעלװל?

זי לױפט אַרײַן אין אַלקערל, געפינט אים נישט, טראָגט זי זיך אין קיך אַרײַן.

— װאָס איז, װעלװל? האָסט זיך אָפּגעבריט?

זי זיצט שױן לעבן אים אױפן דיל, הױכט און בלאָזט אױף דער אָפּגעבריטער האַנט, שמירט איר מיט פּוטער, און װעלװל, װי אַן אומגעלומפּערטער געץ, מיטן „של־ראָש" אױפן אױער, לאָזט זיך „אױאַװירן", פאַרמאַכט די אױגן, טוט קײן שמײכל נישט און ס׳איז אים גוט, זײער גוט.

קאָצק

ער איז נישט געגאַנגען. ער איז כמעט געלאָפֿן איבער דער אײַזן־גאַס. און נאָך אים — מיט אַ פּײַפּערײַ, מיט אַ גרעגרײַ, מיט אַ פּײַקלערײַ — ייִנגלעך און שקצים. ער — אַ קליינער, אַ מאָגערער. אָנגעטאָן — האַלב־חסידיש, האַלב־דײַטש. די שיך, ס׳קאַפּעלושל — צעפּאָרן, ס׳אַלפּאַגענע כאַלאַטל — אויסגעוואַקסן, ס׳העמד מיטן איבערגעלייגטן קאָלנער — צעפּראַלט. און די הענט — ווײַסע, גאָר ווײַסע, דערצו, דינע און מאָגערע, האָבן זיך געהויבן איבערן קאָפּ, אָפּגעוואָרפֿן די נאַסע שמאַטעס, די שטיקער בלאָטע, די טרוקענע פֿערד־מיסט־קניידלעך, וואָס חברה האָבן אין אים געשלײַדערט. און אַז ער האָט געקראָגן אַ שטאַרקן קלאַפּ, האָט ער זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט. ער האָט אויסגעדרייט ס׳פּנים צום אָנלויף מיט אַזאַ טרויער אין די גרויסע, שוואַרצע אויגן, מיט אַזאַ ווייטאָג אַרום די מויל־ווינקלען, וואָס האָבן געציטערט, אַז בײַם קליינוואַרג האָט פֿאַרפּעלט אָטעם. זײַנע שמאָלע, קינדישע פּלייצעס האָבן געצוקט, די באַקן — הויט און ביינער — האָבן זיך גערויטלט און די ווײַסע הענט האָבן באַקומען לשון:

— שלאָגט, נו, שלאָגט! וואָס זײַט איר זיך צונויפֿגעלאָפֿן אויף מײַן בייז וווּנדער? איר ווילט שלאָגן? שלאָגט, נו, שלאָגט!

די ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען אויסטערליש, ווי נישט פֿון דער וועלט, האָבן אויף אַ רגע מיטגעבראַכט די זעלבע שרעק

און אומבאַהאָלפנקייט, ווען מען באַגעגנט זיך מיט משוגעת אויג אויף אויג. חברה־קליינוואַרג האָבן זיך גערוקט אויף קריק.

און ווי ער האָט זיך אויסגעדרייט, געגומען ווײַטער לויפן, האָט ס׳קליינוואַרג זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים און די גאַס איז פול געוואָרן מיט שמאַטעס און געשרייען.

אין די טויערן פון די הײַזער זײַנען געשטאַנען סטרוזשעס. ווער מיטן ווײַב, ווער מיט קינדער, ווער מיט אַ הונט. זיי האָבן נײַגעריקע נאָכגעקוקט, ווי חברה יאָגן דעם פּאַרשוין, ווי מען קוקט נאָך אַ באַנדע קונצנמאַכערס, און יעדער האָט הויך, אויפן קול, אַרויסגעזאָגט:

— אַ משוגענער.

צי מען האָט אים אונטערגעשטעלט אַ פוס, צי ער האָט זיך פאַרטשעפּעט — דאָס מענטשל האָט זיך אויסגעצויגן אויפן טראָ־טואַר, איז אַ ווײַל אַזוי געבליבן ליגן, האָט זיך אַפּנים נישט גע־קאָנט אויפהייבן. יידן, ווײַבער זײַנען אָנגעלאָפן, האָבן צעטריבן ס׳קליינוואַרג:

— אַוועק, לאָבוסעס!

— אַוועק, ממזרים!

מען האָט דעם מענטשל זיך געהאָלפן אויפשטעלן. פונם פּאַל האָט די נאָז בײַ אים געבלוטיקט. מען האָט אים אַרײַנגע־פירט אין אַ טויער, אַרומגעוואַשן ס׳פּנים און וויפיל אירע ס׳זײַנען געווען, האָבן אַלע געפרעגט מיט אַמאָל:

— ווי הייסטו?

— ווו וווינסטו?

— ביסט אַ היגער?

ער האָט נישט געענטפערט. בלויז די אויגן האָבן פאַר־טשעפּעט יעדן איינעם. געפאָדערט, געמאָנט.

— ער דאַרף זײַן הונגעריק.

— אין די אויגן דערקענט מען זיי — האָט אַ ייד אַ שטופּ געטאָן אַ צווייטן און זיך געוויזן אויפן שטערן — ס׳פעלט אים די אמתע קלעפּקע.

— מיינסט — משוגע?

ס'מענטשל האָט גיכער דערשנאַפּט, ווי געהערט, אַז מען רעדט וועגן זײַן משוגעת. ער האָט ברייטער צעעפנט ס'העמד אַרום האַלדז, ט'זאָל אים זײַן לופטיקער, זיך אַ שאַר געטאָן צו די צוויי יידן און אָנגעהויבן:

— און אַז איך וועל ריידן מיט אײַך אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, כ'וועל אײַך באַווײַזן מיט אותות ומופתים, אַז כ'בין נישט משוגע, וועט איר מיר דען גלויבן? קיין געפאַלענעם, קיין געשלאָגענעם גלויבט מען נישט! איך זאָג אײַך, ר' ייד, אַז אין דער ירידה ליגט די העכסטע מדרגה!

— ער רעדט דאָך גאָרנישט פון וועג!

— און צו דער זאַך אויך!

— האָסט געהערט דיבורים?

— ווער איז ער?

דער עולם האָט זיך צעשטעלט אין אַ רעדל. דאָס אויסגעדאַרטע פּנים האָט בײַם מענטשל אויפגעלויכטן, ווייכער געמאַכט די ווילדע אויגן. ער האָט אַ שאַר געטאָן די לויזע אַרבל פונעם כאַלאַטל און אַ פּאָר ווײַסע, נאַקעטע הענט האָבן אַ פּלאַטער געטאָן איבער אַלעמענס קעפּ:

— איר האָט, מן הסתם, געהערט פון ר' מענדעלען. אַז ר' מענדעלע איז געוואָרן רבי אין טאָמאַשאָוו, פאַר קאָצק, איז ער שוין טיף, גאָר טיף געזעסן אין דער ירידה. ער האָט שוין געוווסט, אַז דער מענטש, דער עצם מענטש איז אַ סתירה, אַ געוואַלדיקע סתירה. וואָס טויג די נשמה, אַז זי ליגט אין אַ גוף, אין אַ שטיק חומר, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט קאָנען אויפהייבן איבער דער ערד. דעמאָלט איז נאָך ר' איטשע=מאיר נישט געפאָרן צו ר' מענדעלען. ר' איטשע=מאיר איז געזעסן דאָ אויף דער אײַזן=גאַס בײַ זיך אין בית=המדרש און געלערנט, זיך געפּרעגלט אין תורה און אין כבוד, וואָס גאַנץ וואַרשע האָט אים אָפּגעגעבן. מאַכט זיך, איינמאָל אין אַ ווינטערדיקער נאַכט, אין דרויסן איז אַ קרירה, שאַרט זיך אין בית=המדרש אַרײַן אַ מלמד מיט אַ קלומיקל אויף די פּלייצעס. ברוין און בלוי, מיט אײַנצעפּלעך אַרום באָרד און פּאות. דער מלמד שטופּט זיך אויבן=

אָן, ווי ר' איטשע־מאיר איז געזעסן, רײַבט זיך פון קעלט די הענט און טוט אַ זאָג אויפן קול:

— איטשע־מאיר, אין טאָמאַשאָוו ברענט אַ פײַער און דו זיצט דאָ, אויף דער אײַזן־גאַס?

ס'בית־מדרש האָט אַ ציטער געטאָן. מען האָט זיך געוואָלט וואַרפן אויפן מלמד:

— אַזאַ אַרצי־מחוצף!

— „דו" גאָר?

איז ר' איטשע־מאיר אַרויס פון הינטערן טיש, האָט געגעבן דעם מלמד שלום:

— פון וואַנען קומסטו?

— כ'בין אַ האַלב יאָר געווען אין טאָמאַשאָוו בײַם רבין.

ס'האָט ר' איטשע־מאירן אַזאַ ברי געטאָן — עפּעס אַ מלמד מיט אַ קלומיקל, אַן אביון, וואָס ליגט קלאַפּטער־טיף אין דר'ערד, און אַזאַ ברען! — אַז ער איז נאָך די זעלבע וואָך אַוועק קיין טאָמאַשאָוו, ווו ס'איז שוין געווען בלויז ירידה. מען האָט שוין אין טאָמאַשאָוו נישט געדאַווענט, ר' מענדעלע האָט נישט געוואָלט זאָגן קיין קדיש נאָכן אייגענעם פאָטער, נישט געוואָלט פירן די קינדער אונטער דער חופּה. און די ירידה האָט געצויגן, ווי מיט צוואַנגען, דעם וואַרשעווער גאון, ר' איטשע־מאירן, ווײַל יעדע ירידה איז אין תּוך גאָר אַ דערהויבונג, אַן עליה. און אַפילו איצט, ווען כ'האָב אַזוי קלאָר געמאַכט, אַזוי מסביר געווען דעם ענין, וועט איר אַלץ זאָגן, אַז כ'בין משוגע!

דער עולם, וואָס איז געוואַקסן, האָט זיך אײַנגעהערט און געגאַפּט. ס'וואָרט „משוגעת" האָט קיינער מער נישט געבראַכט איבער די ליפּן. פון אַלע זײַטן האָט מען זיך איבערגעוווּנקען:

— ווער איז ער?

— טאַקע, ווער איז ער?

מען האָט געבויגן מיט די אַקסלען, ווי פאַר אַ גרויס חדוש, געוואַרט ער זאָל ווידער רעדן. אַ ווײַבל האָט אַראָפּגעבראַכט אַ שפּאָר טעפּל גריץ מיט אַ האַלב ברויט. דאָס מענטשל האָט אַ כאַפּ געטאָן ס'ברויט, געריסן דערפון שטיקער, ווי אַ חיה. ער האָט געקײַט,

צוגעזופּט די גריץ מיט אַזאַ הונגער, אַז ס'האָט בײַ אים געדונען פֿון די מויל־ווינקלען, און די אויגן האָבן געשפּריצט מיט משוגעת.

— ווי דאָס עסט!

— נישט ווי אַ מענטש!

— ר'האָט שוין אַוודאי טעג גאָרנישט אין מויל געהאַט.

אָפּגעגעסן, האָט ער מיט די הענט אָפּגעווישט ס'מויל, אָפּ־געטרייסלט ס'שטיקל שוואַרצע באָרד, וואָס האָט זיך געצויגן איבער באַקן און גאָמבע, ווי אַ רעמל. דער בליק, אַ פרעמדער, אַ ווײַטער, האָט געבלאָנדזשעט אין חלל. ס'מויל האָט זיך געעפנט און ער האָט גערעדט ווי צו זיך:

— און אַז קאָצק איז פול געווען מיט קאָפּ־מענטשן, מיט אײַזערנע מוחות, איז וואָס? און אַז מען איז געזעסן אין קאָצק חדשים, אַפילו יאָרן, איז וואָס? ס'איז דאָך גענוג געווען ס'זאָלן אָנפאַלן אויף קאָצק אַ סטאַדע ווײַבער — שלעפּט אַ מאַמע אַהיים אַ זון, שלעפּט אַ ווײַבל אַ מאַן — און קאָצק איז געבליבן ליידיק, איז געוואָרן פוסט. קאָפּ־מענטשן, אײַזערנע מוחות און מען האָט מורא פאַר אַ ווײַב, מען האָט זיך איבערגעגעבן דעם חומר אין די הענט אַרײַן. אַזאַ איבערקערעניש און אין דרויסן איז געווען שבט. שניי, פרעסט און הונגער. קאָצק האָט געהונגערט. די פינף חסידים, וואָס זײַנען געבליבן אין קאָצק, די משוגעים, האָבן זיך פאַרדונגען, ווער צו אַ מולער, ווער צו אַ וואַסער־טרע־גער, און קאָצק איז אָפּגעקומען מיט אַ קריש ברויט, מיט אַ לעק אָקעוויט. און ר' מענדעלעס יסורים! און בײַ דער טיפער ירידה איז ר' מענדעלע אַליין געבליבן דער צדיק־הדור. ערשט דעמאָלט האָט ער משיג געווען, אַז דער מענטש ע י פ ו ש ט. און איר, אַנלויף, וואָס יאָגט איר זיך נאָך מיר? — האָבן די אויגן בײַ אים גע־בליצט מיט שנאה — איר ווילט שלאָגן? שלאָגט, נו שלאָגט!

— יאָ־ משוגע, נישט־ משוגע, — האָט זיך עמיצער אָנגע־רופן — קראַנק איז ער.

— מען דאַרף אים נישט אָפּלאָזן.

אַ יידענע האָט אויפן אָרט גענומען צונויפנעמען די נדבות. געגעבן האָבן אַלע — צענערלעך, צי צוואַנציק גראָשן, אַפילו

האַלבע גילדנס. די יידענע האָט אים דערלאַנגט ס'טיכל מיט קליינ-געלט. ער האָט געמיינט ס'איז עסן און אַ כאַפּ געטאָן ס'טיכל צום מויל. די ליפּן האָבן אָנגערירט די מטבעות. די שוואַרצלעך האָבן זיך איבערגעקײַקלט און די גרויסע אויגן זײַנען געוועזן בלויז ווײַסל. ס'פּנים — צעקרימט. הענט, פיס, דער גאַנצער גוף האָט אויפגעציטערט, ווי מען וואָלט אים אין צעעפנטן העמד אַרײַנגע-וואָרפן אַ טויטן שרץ. פון מויל, וואָס איז פול געווען מיט בלעז-לעך, האָט זיך געריסן אַ ברומערײַ:

— גע-עלט? ברררר...

ער האָט אַ שלײַדער געטאָן פון זיך ס'טיכל, צעשאָטן די גראָשנס און מיט אַן אומגעהאַריש קול זיך צעוויינט.

— לאָזט דורך! ס'איז אַ קראַנקער! לאָזט דורך! — האָט אַ בחור זיך דורכגעשטופּט — וואָס איז, מענדעלע? וואָס ווייניסטו?

— געלט האָבן זיי מיר געוואָלט געבן — האָט ער זיך פאַרקלאָגט פאַרן בחור.

— נו, קום, קום, וויין נישט — האָט דער בחור אים גענו-מען פאַר אַ האַנט.

— איז ווער איז ער?

— ס'איז אַן אייניקל.

— אַן איי-אייניקל?

— וועמעס?

— ר' מענדעלעס!

— אַזוי?!

דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָכן אייניקל, ווי נאָך אַ לוויה.

אין אַ שטעטל

פאַר דער מלחמה איז עס געווען אַ רײַך גרענעץ־שטעטל. טאָג און נאַכט האָבן זיך פאַרבײַגעטראָגן שנעלצוגן, האָבן זיך פאַרבײַגעטראָגן פראַכטצוגן. די וואַגאָנעס תּבואה, וואָס זײַנען אָנגעקומען פון רוסלאַנד, האָט מען אינם גרענעץ־שטעטל איבער־געלאָדנט, איבערגעסאָרטירט און די פאַרפלאָמבירטע וואַגאָנעס אַוועקגעשיקט קיין בערלין, קיין דאַנציג. די דרײַ הונדערט יידישע משפּחות זײַנען געווען רײַך. כּמעט יעדער תּבואה־סוחר האָט זיך געהאַט זײַן הויז און הינטער די הײַזער, פון ביידע זײַטן זשאָלדעווקע — סעדער און גערטנער.

נאָך דער וועלט־מלחמה, ווען מען האָט די דײַטשע גרענעץ איבערגערוקט אויף עטלעכע הונדערט מײַל, איז דאָס שטעטל געבליבן אָן פּרנסה. טייל האָבן גענומען אויסוואַנדערן, אַנדערע זײַנען אויסגעשטאָרבן און די איבערגעבליבענע הונדערט און פופציק משפּחות האָבן זיך גענומען צו גערטנערײַ, צו סעדערײַ, צו פישערײַ.

פאַרהאָרעוועטע, פאַרשוואַרצטע איז מען געלעגן אויף די פעלדער פון אָנהייב פרילינג ביז שפּעט אין האַרבסט אַרײַן. די מערסטע האָבן זיך קוים דורכגעשלאָגן. דערפאַר האָט מען זיך געשראָקן פאַרן ווינטער, וואָס האָט זיך געצויגן גאַנצע פינף חדשים. לאַנגע, פינסטערע רעגנס, דערנאָך זאַווערוכעס, דערנאָך שניי און פרעסט, אַז ס'וואַסער איז אין די שטיבער געפרוירן געוואָרן. אין

מיטן ווינטער האָט כמעט אַ האַלב־שטעטל געהונגערט. אַזוי אַ ווינטער נאָך אַ ווינטער. פון שרעק פאַרן הונגער איז מען זיך צעקראָכן פונם שטעטל. געהייסן האָט עס, מען איז געפאָרן קיין וואַרשע, קיין לאָדז זוכן אַרבעט. אין דער אמתן האָט מען זיך געלאָזט איבער דער מדינה — ווער מיט אַ כתב פון אַ רב, ווער מיט אַ כתב פון אַ רבין. אינם שטעטל איז געוואָרן שיטערער, ס'זײַנען בלויז פאַרבליבן ווײַבער, קינדער און די „פאַרמעגלעכע" מאַנסבילן. ערשט דע־מאָלט האָט ס'שטעטל אָפּגעעָטעמט. דער טרויער, וואָס טאַטעס פון קינדער האָבן זיך אין מיטן ווינטער געמוזט לאָזן איבער דער מדינה, איז געווען אַן אויבנאויפיקער. אינם טרויער איז געלעגן אַ צופרידנקייט. און אין תוך זײַנען אַלע געווען צופרידן — די ווײַבער, די פאַרמעגלעכע מאַנסבילן — די באַהאַלטענע צופרי־דנקייט פון אַ מלחמה, ווען דאָס לעבן ווערט גרוי, עסט זיך אײַן אין די ביינער, שווערט און אַלץ אינם מענטש בענקט — לאָז שוין זײַן אַ מלחמה, אַבי אַן איבערבײַט.

די פאַרמעגלעכע שטעטל יידן, וואָס האָבן זיך אַ האַלבן ווינטער אַרומגעדרייט שלינג־און־שלאַנג, האָבן זיך מיט אַמאָל אַרומגעזען, אַז מען טאָר ניט דערלאָזן ס'שטעטל זאָל אונטערגיין. פון זיך אַליין האָט מען זיך גענומען צונויפקומען בײַ רייזלען, בײַ חנהן, בײַ חיהלען — בײַ די שענסטע ווײַבלעך, וועמעס מע־נער זײַנען אַוועק איבער דער מדינה. און ניט בלויז בײַ זיי. די מאַנסבילן האָבן זיך גענומען דרייען אַרום די „שטרויענע" אַלמנות, זיך אויפגעהערט צו לאַנגווײַליקן און מער ניט אויס־געקומען מיט די קורצע טעג, מיט די לאַנגע אויפדערנאַכטן.

ס'איז געווען אַ שטיק נאָכמיטאָג. רייזל, אַן אויסגעקלאָרטע, דער קאָפּ האָר פאַרנומען מיט אַ שוואַרץ דרײַעקיק טיכל, האָט זיך געוויגט אויף אירע פעסטע, בויגיקע פיס. זי האָט מיט אַ פלעדערוויש צוגערוימט די שטוב — אַ קיך מיט אַ גרויס פיר־עקיק צימער. די קיך איז געווען צעטיילט מיט אַ פאָרהאַנג. הינטערן פאָרהאַנג איז געווען רייזלס פאָטער, אַ פאַראַליזירטער אויף די פיס. ער האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט, וואָס האָט ניט געוואָלט קומען.

די טיר האָט זיך געעפנט און ס'האָט זיך אַרײַנגעשאַרט אַ קליין געפּאַקט יידל אין אַן אויסגעקראָכן פּעלצל. די האָר, ס'בערדל — ווײַס ווי קנאָבל. די אויגן — פינסטערע, בייזע. ער איז פאַרבײַגעגאַנגען רייזלען, ווי ער וואָלט זי ניט באַמערקט און איז פאַרשוווּנדן הינטער דעם פאָרהאַנג. דער זקן האָט זיך צוגע־זעצט, אַרומגעטאַפּט דעם חבר מיט די אויגן און די אײַנגעפאַלענע מויל־ווינקלען האָבן זיך אַ בלעזל געטאָן:

— מען טאָר ניט פאַרשווײַגן, לייזער.

— וואָס שוין ווידער?

— ס'איז דאָך ערגער ווי אין סדום. ווי די נאַכט פאַלט צו, איז זיך ניט אָפּצויאָגן פון די צוויי־פיסיקע הינט. איך טענה מיט מײַן טאָכטער, מיט חנהלען — וואָס האָבן אַזוינע יידן, ווי פּנחס מעלשענקער, ווי יאַנקעלע בעקער, טאַטעס פון דערוואַק־סענע קינדער, וואָסערע עסקים האָבן זיי מיט דיר? זאָגט זי — כ'זאָל זיך ניט מישן אין אירע געשעפטן. טו איך שוין אַ געשריי — אַז דערווײַל בין איך נאָך אַ טאַטע. שרײַט זי העכער — אַז ס'שטייט מיר ניט אָן, זאָל איך גיין נעכטיקן אין „הכנסת אורחים". וואָס זאָגסטו דערויף, לייזער? מיר האָבן שיין אויסגעווירט־שאַפט! ליגסטו מיט געליימטע פיס, מיך שיקט מען אין הקדש אַרײַן און ס'איז ניטאָ ווער ס'זאָל אַ קלאַפּ טאָן אין טיש!

— און בײַ מיר אין הויז איז בעסער? — האָט דער פאַ־ראַליזירטער געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט נעענטער אַ רוק טאָן צום חבר און ניט געקאָנט. — ווי ס'ווערט נאַכט... וואָס זאָל איך דיר זאָגן, שמחה, ניט איינמאָל טענה איך צו גאָט, אַז ער וואָלט מיך ווייניק געשטראָפט. ווען ער מאַכט מיך טויב, וואָלט איך ניט געהערט וואָס ס'טוט זיך אָפּ אין צווייטן צימער.

— אַזוי, אַזוי, — האָבן די אויגן בײַ שמחהן געשרפעט פון כעס. — ביסט טאַקע געליימט אויף די פיס, אָבער די הענט, לייזער, זײַנען דאָך בײַ דיר ניט געליימט? מען כאַפּט אַ פלאַש און מען פּלעט עמיצן דעם מוח! אַזאַ הפקרות, אַזאַ אויסגע־לאַסנקייט!

ס׳איז אַרײַנגעקומען חנה. די באַקן פאַררויטלט, די ליפּן רויט און די אויגן — שוואַרץ. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם ווינטער־מאַנטל, דאָס ווײַסע קאַראַקולענע היטל און זי האָט אַ הייב געטאָן דעם פאָרהאַנג. די זקנים האָבן אַ גלאָץ געטאָן מיט די אויגן און ס׳לשון איז בײַ זיי אָפּגענומען געוואָרן. זי האָט אַ זאָג געטאָן צום פאָטער:

— טאַטע, די קינדער זײַנען אַליין און דער אויוון הייצט זיך.

— כ׳גיי שוין — האָט דאָס געפּאַקטע יידל זיך אַ שטעל געטאָן און זײַנע גזלנישע אויגן האָבן געזוכט בײַם חבר אַ טרייסט.

דעם געליימטנס אויסגעלאָשענער בליק איז געבליבן שטיין אויפן בענקל, ווו דער חבר זײַנער איז געזעסן. די חושים אין לייזערן האָבן דערפילט, אַז אי ער, אי שמחה זײַנען שטיקלעך צעבראָכן מעבל, וואָס מען קלײַבט זיך אַרויסצוואַרפן. קיינער וועט זיך צו זיי ניט צוהערן. אָפּן, אָן בושה טוט מען אַלץ אָפּ אונטער די אויגן. און דער פאָרהאַנג פאַר׳שטעלט דאָך גאָרנישט. די אויערן בײַ לייזערן זײַנען געוואָרן וואַך, האָבן אויפגעכאַפּט דעם קלענסטן קלאַנג און אים פאַרהעכערט. ער האָט פײַנט גע־האַט חנהן, געגלויבט, אַז שמחהס טאָכטער האָט זײַן רייזלען אַראָפּגעפירט פון וועג. און איצט, ווען רייזלס מאַן איז אַוועק איבער דער מדינה, טוען זיך אין שטוב אָפּ מעשים. דער גע־ליימטער האָט אויסגעצויגן די הענט, איז געבליבן ליגן אָן כוחות, בלויז די אויערן האָבן אויפגעכאַפּט דעם קלענסטן סקריפּ, דעם בידעריקסטן קלאַנג. ער האָט זיך צוגעהערט ווי חנה פרעגט:

— האָסט נאָך ניט צוגערוימט?

— וואָס וועל איך פאַרשפּעטיקן?

— טרעף, רייזל, ווער ס׳איז בײַ מיר געוועזן?

— פּנחס מעלשענקער? האָט ער עפּעס געבראַכט?

— גאָרנישט.

— האָסטו אים אַרײַנגעלאָזט, דעם „פלאַדער"?

— ער האָט זיך געשווירן, אַז מאָרגן ברענגט ער מיר אַ פּוד מעל.

— ער וואָלט עס ביי מיר ניט געפּועלט. איך האָב אים אַמאָל אין אַ זאַווערוכע אַהיימגעשיקט נאָך מעל און ער האָט געבראַכט.

— קומט ער מאָרגן מיט ליידיקע הענט — שלאָג איך מיט אים כפּרות.

— כּפּרות מעגסטו סיי־ווי־סיי מיט אים שלאָגן. ער איז דען אַ מאַנסביל? ער איז דאָך אַ קאַפּהאָן!

ביידע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט. דעם געלייימטן האָט ניט געאַרט, וואָס די טאָכטער לאַכט, ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרטראָגן חנהס געלעכטער, וואָס ס'האָט זיך געקייקלט פון צימער אין קיך אַריין. ווי ניט ס'געלעכטער וואָלט זיך געקייקלט, נאָר חנה אַליין, די מרשעת, וואָס טרייבט דעם פאָטער אין הקדש אַריין. די וואַכע אויערן האָבן זיך איינגעהערט ווי חנה פרעגט:

— און יוסל איז ביי דיר געווען?

— ער קומט היינט. ס'קומט אויך דער יונגער ניצקי.

— מען זאָגט דאָך, ער האָט מורא פאַרן ווייב?

— ר'האָט מורא און ער קומט.

— און ער ברענגט טאַקע זיידנס אויף אַ קלייד?

— ער ברענגט.

די ווערטער זיינען געוואָרן מיט אַמאָל אַזוי שטיל, אַז די קלאַנגען זיינען ניט דערגאַנגען צו לייזערס אויערן. און צווישן די פאַרשטיקטע קלאַנגען — אַ געלעכטערל, וואָס האָט באַליידיקט, דערציילט דעם פאַראַליזירטן, אַז די טאָכטער איז אויסגעלאַסן. אַ געשריי האָט זיך אים אַ שפּאַר געטאָן אין האַלדז אַריין, אויס־געלאָשן ס'ליכט אין די אויגן. ער האָט געטריבן חנהן פון שטוב. ווי ער האָט געקאָנט טרייבן. אַז מען האָט ביי אים דאָס לשון אָפּגענומען? אַז חנה שטייט גאָר אין קיך ביים אויוון און גליט־אָן „רורקעס" אין פייער? דאָס גייט זי זיך מאַכן לעקעלעך. זי פאַררייסט די הענט איבערן קאָפּ און דאָס יונגע לייב צאַפּלט זיך הינטערן געפּאַסטן קלייד. שטייט אין קיך אַ טיש, שטייען בענק־לעך, ליגט אין אַ צונויפגעשלאָגן בעטל אַ שברי־כלי, ליגט דער פאַראַליזירטער לייזער. וואָס פאַר אַ חילוק? לייזער האָט גע־

עפנט די אויגן. אין קיך איז קיינער ניט געווען. פון צימער האָט זיך געהערט חנהס קול:

— אַז ניצקי וועט דיר הײַנט ברענגען זײַדנס אויף אַ קלייד, וואַרף פאַר מיר אויך אַרײַן אַ וואָרט.

— ווען ער האָט שכל און ברענגט אַ קערץ קאַרטאָפל, וואָלט איך אים אויסגעקוקשט די שיינע אויגן זײַנע.

— וואָס? — האָט דער פּאַראַליזירטער זיך צעשריִען. — וואָס וועסטו אים אויסקושן?

— נו, נו, ליג, טאַטע, ליג — איז רייזל אַרײַן צום פּאָטער. — איך מיש זיך אַ סך אין דײַנע עסקים? מיש זיך אין מײַנע אויך ניט.

לייזער איז געבליבן ליגן ווי אַ גולם.

אין אַ בויד

שבת נאָכמיטאָג איז וואָלף פֿאַרפֿאָרן מיט זײַן בײַדל אין סאָסנאָוון וואַלד אַרײַן, וואָס איז געלעגן אַ צוויי וויאָרסט הינטער מלאַווע. דאָרט, ווו די ביימער זײַנען געווען שיטער און אויסגעהאַקט, איז געשטאַנען אַ בויד. צוויי געפּענטעטע פֿערד האָבן זיך געפּאַשעט אַרום דער בויד. וואָלף האָט דערקענט די בויד, די פֿערד. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דער געלעגער לײַזער האַלט דאָ שבת און די ווײַבער זײַנע האָט ער אַוועקגעשיקט אין שטאָט אַרײַן אויף דער „שפּראַכאַרקע״.

וואָלף האָט אויך גיך אויסגעשפּאַנט ס׳פֿערד, עס געפּענטעט און עס אַ טרײַב געטאָן, ווו די אַנדערע פֿערד האָבן זיך געפּאַשעט. דערנאָך האָט ער געפּנט די פֿלאַכטעס פֿון בײַדל און אַ זאָג געטאָן מיט רוגזה:

— וואָס וועסטו דאָרט אויסזיצן, פּרינצעסין מײַנע? גיי דערווײַל אין שטאָט אַרײַן נאָך חלה, און ווי עס וועט נאַכט ווערן, וועל איך צופֿאָרן נאָך דיר מיט דער קאָטש!

— ס׳לוינט נישט, האַרעלע מײַנער, — האָט אַ הויקערל מיט אַ צעקנייטשט, מאַלפּיש פּנים זיך אַרויסגעדראַפּעט פֿון דער בויד, — ביז כ׳וועל זיך אַרײַנשלעפּן אין שטאָט אַרײַן, וועט זײַן אויס שבת.

וואָלף האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און זיך צוגעזעצט אויף אַן אַראָפּגעלאָזטן בוים. די גע-

דיכטע באָרד, אַ שוואַרצע, אַ צוגעשוירענע, די צעבערשטלטע ברעמען, די אויגן, שוואַרץ ווי קוילן — אַלץ איז געווען אָנגע־כמורעט און פאַרוואָלקנט, ווי פאַר אַ שטורעם. וואָלף, וואָס האָט געקענט נישט איינעם פאַרשטעקן אין אַ זײַטיקער קעשענע, האָט זיך געדאַרפט אַרומשלעפּן מיט אַ פאַרזעעניש איבער דער מדינה. און אַזאַ געלער לייזער, אַזאַ נישט, פאָרט זיך איבער דער וועלט „נאַשפּיץ", אָסור אַ סטאַמבולער סולטאַן, פירט מיט זיך זעקס ווײַבער. און אַז די נקבות לאָזן זיך אַראָפּ אויף אַ שטאָט, ברענ־גען זיי קריק אי דעם אמתן פרעס, אי אַ פעטן גראָשן.

די הויכע סאָסנעס האָבן זיך געריסן אין הימל אַרײַן. די ניס־ביימער האָבן געוואָרפן די קופּערנע בלעטער מיט אַ קלימ־פּער. דער סוף־זומער, וואָס איז געווען ווינטלדיק, וואָס האָט געשמעקט מיט צײַטיקע עפּל — אַלץ האָט געטריבן די פוילקייט פון די גלידער, זיי אָנגעגאָסן מיט הייס בלוט, און ס'האָט זיך געוואָלט, שטאַרק געוואָלט אַ צענעם טאָן הענט און פיס, נישט גיין איבער דער מדינה מיט אַ הויקערל, אַ פאַרזעעניש. אַזאַ פאַר־שוין, ווי וואָלף, האָט געדאַרפט אַן אַרמיי, וואָס זאָל באַפאַלן אַ שטאָט, זי אויסליידיקן, נישט בעטלען ברויט, נישט בעטלען חלה, נישט בעטלען פּרוטות.

פון דער בויד איז ארויסגעקראָכן דער געלער לייזער. ער האָט זיך געריבן די אויגן, די באָרד זיך געצויגן און איבערגע־צויגן, געוואָלט אָפּשאָקלען פון זיך די שטיקלעך שלאָף, וואָס זײַנען געלעגן אויפן צעקנייטשטן פּנים, אויף די עטוואָס געבוי־גענע פּלייצעס. ער האָט דערזען וואָלפן און זיך צעגענעצט אויפן קול:

— זע נאָר, זע, ווי ער שפּירט מיך נאָך. און איך האָב געמיינט, אַז דו האַלטסט שבת אין שרענסק.

— גיב כאָטש צו, — האָט וואָלף קיין שמייכל נישט גע־טאָן, — אַז נישט דיך שפּיר איך נאָך. נאָר דײַנע ווײַבער.

— און אַז דו שפּירסט זיי נאָך, איז וואָס? — האָט לייזער מיטאַמאָל פון זיך אָפּגעשאָקלט דעם שלאָף, אַראָפּגעוואָרפן פון

די געבויגענע פּלייצעס אַ יאָר צען, און אַ פּאַרשוין אין די פּער־ציקער, אַ פּאַרשוין אַ ריזיקאַנט, האָט אַראָפּגעקוקט אויף וואָלפן:
— דו מיינסט אַוודאי, וואָלף, כ׳בין פון די שיינע יידן, די וויי־צענע „הינטנס", וואָס האָבן זיך נעכטן, אייערנעכטן געלאָזט איבער דער מדינה? כ׳בין פון די יידן יורדים? דער געלער לייזער איז אַן אַלטער קאַטערזשאַן. ער וועט זיך אין דער קאַ־שע אַריין נישט לאָזן שפּייַען אַפילו פון אַן אייגענעם פאָטער.
— דאָס וועט מען נאָך זען! — האָט וואָלף פאַררויכערט אַ צווייטן פּאַפּיראָס.
פונם זאַמדיקן וועג זייַנען אָנגעקומען לייזערס ווייַבער. אויף אַפריִער איז געגאַנגען די שוואַרצע חנה, נאָך אַ יונגע, אויסגעקנאָטענע מויד מיט צוויי דיקע צעפּ איבערן אָפּגעדעקטן האַלדז. נאָך איר — שיינדל, מיט אַן אָנגעשטאָפּט פּעקל ביז דער נאָז, פרומעט מיט אַ צוויי־יעריק קינד אויף דער האַנט און בלו־מע באַהאַנגען מיט טאָרבעס חלה.
לייזער איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען. ער האָט ווילדעריש געצויגן דעם פּאַסעק אַרום די הויזן, געשטעלט פלינקע טריט, ווי ער וואָלט נישט אַלט געווען עטלעכע און פופציק יאָר, נאָר עטלעכע און צוואַנציק. ער האָט די שוואַרצע חנה אַ נעם געטאָן פאַר דער גאָמבע:
— וואָס הערט זיך אין שטאָט?
— אַ וואָלקנבראָך!
— ווו אַן אַרייַנפאָרהויז — שנאָרערס און בעטלערס.
— זאָלן מיר הייַנט נישט אַרייַנפאָרן אין שטאָט אַריין? — האָט לייזער זיך אַ שטעל געטאָן צווישן די ווייַבער, ווי אַ גע־שפּאַרעטער האָן און געוואַרט אויף זייער עצה, — וואָס זאָגט איר?
— אָט איז דאָך וואָלפס הויקערל, — האָט איינע פון די ווייַבער זיך צעלאַכט אויפן קול.
— און אָט איז וואָלף!
— ווו זעסטו וואָלפן?

— טאַקע!

די שוואַרצע חנה האָט זיך פלינק אַרויסגעדרייט פון לייזערס הענט. זי איז די ערשטע אונטערגעלאָפן צו וואָלפן. נאָך אים — די איבעריקע דריי. חנה האָט געמאַכט אַ נעבעכדיקן פּנים:

— האַרעלע, שענקט אַ אָרעם מענטש אַ פּאָר גראָשן. כ'האָב נאָך היינט נישט איבערגעביסן, האַרעלע.

— האַרעלע, — האָט שיינדל געוויזן אויפן אָנגעשטאָפּטן פּעקל און זיך צעוויינט, — האַרעלע, שענקט עפּעס פאַר מיין שוועָר-לייב!

וואָלף האָט געלאַכט, זיך געבויגן פון געלעכטער. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די שוואַרצע חנה פאַר דער טאַליע, זי אַ שטאַרקן צו געטאָן צו זיך, אַז חנהס באַק איז צוגעפאַלן צו וואָלפס. ס'בלוט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין די שלייפן, פאַרגעסן די ווערטער, וואָס ער האָט איר געוואָלט זאָגן, און פון צעעפנטן מויל האָט זיך אַרויסגעריסן:

— חנה!

— וואָס, וואָלף?

— קום מיט מיר! קומט אַלע מיט מיר!

— און לייזער?

— אַ לופט אים אין די אויגן, דעם אַלטן...

בשעת וואָלף האָט גערעדט, האָט לייזער דערפילט אַ הויל-קייט אַרום האַרץ. די עטלעכע און פופציק יאָר האָבן געשווערט אַרום די פיס, זיך נישט געלאָזט רירן פון אָרט. דערצו האָט דער מוח אויפגעהערט צו אַרבעטן. בלויז די חושים האָבן גע-האַלטן אין איין איבערטאַשן בינטלעך יאָרן, וואָס זיינען געלעגן אויף זאַמדיקע וועגן, געלעגן אין וועלדער, אין שטעט. די חושים האָבן איבערגעוואָרפן גאַנצע שנירלעך ווייבער. אַנדערע האָט לייזער לייכט צוגענומען, אַנדערע — אין אַ געשלעג אויף טויט און לעבן. דעמאָלט איז לייזער יונג געווען, דעמאָלט איז ער שטאַרק

געוועז. און איצט? איצט איז די הוילקייט אַרום האַרץ גע־וואַקסן. און זיי, די ווײַבער? וואָס שווײַגן זיי? וווּהין רוקט זיך די שוואַרצע חנה? און נאָך איר די איבעריקע? איז עס טאַקע אַ געשלעג צווישן צוויי הענער איבער עטלעכע נאַרישע הינער? די לעצטע ווערטער זײַנען צום מוח נישט דערגאַנגען. לייזער האָט בלויז אַרויסגעלאָזט אַ בריל און זיך אַ וואָרף גע־טאָן, כּמעט מיט פאַרמאַכטע אויגן, אויף וואָלפן:

— אַז די ערשטע כאָלעריע זאָל דיך נעמען!

אינעם שלאָגן האָט לייזער דערפילט, אַז זײַן פויסט בײַלט זיך נישט ווי אַמאָל. דער קלאַפּ איז שוואַכער, טרעפט אין פוסט־קייט. און וואָלף פלעמט אין די אויגן אַרײַן, פלעמט אונטער דער גאָמבע, פלעמט אין די ציין, פלעמט — אַז פונקען פליִען.

לייזער איז אומגעפאַלן.

די שוואַרצע חנה האָט זיך אַ ריס געטאָן צו וואָלפן. זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט. דערנאָך האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו זײַנע פיס און זיך הינטיש צעוויינט:

— ווּעסט דאָך אים דערהרגענען!

שיינדל, פרומעט, בלומע — אַלע דרײַ ווײַבער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, זײַנען געשטאַנען איבער לייזערן, ווי מען שטייט איבער אַ גוסס.

און כאָטש אינסטינקטיוו זײַנען זיי שוין געווען וואָלפס ווײַבער, געדאַרפט נאָכגיין וואָלפן, ווי הינער גייען נאָך דעם שטאַרקן האָן, וואָס באַזיגט דעם שוואַכערן, פונדעסטוועגן האָבן זיי פאַרשטאַנען מיטן שכל, אַז וואָלף האָט דערהרגעט לייזערן, דערהרגעט אַ מענטשן, און אַלע האָבן מיט אַמאָל זיך צעוויינט מיט באַנומענע קולות:

— ער האָט דאָך אים דערהרגעט!

— דערהרגעט לייזערן!

— אוי, וויי! אוי, וויי!

— וואָס טוט מען?

— חנה, — האָבן זיך אַלע אַ צי געטאָן צו דער שוואַר־צער חנהן, וואָס איז געלעגן אַרום וואָלפס פיס, — חנה, לייזער גוססט!

חנה האָט זיך אויף אַלע פיר אַ שאַר געטאָן פון וואָלפן, איז געבליבן זיצן אין דרייען אַ געבויגענע און זיך שטיל צע־וויינט:

— ווינד און וויי איז מיר!

— ווינד און וויי!

אַן אַמעריקאַנערין

אַ גאַנצן ווינטער האָבן די שרענסקער בחורים און יונגע־לײַט געוואַרט אויף חוהן, וואָס האָט געדאַרפט קומען פון ניו־יאָרק. כמעט קיינער פון די יונגעלײַט האָט חוהן נישט געדענקט. מיט יאָרן קריק, אַ שטיק נאָך פאַר דער מלחמה, איז חוה צו צען יאָר אַוועק פון דער היים, און מען האָט שפּעטער געשמועסט אין שטעטל, אַז זי איז דאָרט רײַך געוואָרן. און נישט בלויז דאָס. אין שטעטל איז מען געווײנט געווען צו אַמעריקאַנער געסט. ס'זײַנען אַראָפּגעקומען פון אַמעריקע קינדער פון באַלעבאַטישע יורדים, קינדער פון באַלמעלאָכעס, האָבן אויסגעכאַפּט די שענסטע מיידלעך פון שטעטל און זײַנען קריקגעפאָרן. דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל, וואָס אַ שרענסקער מיידל איז אַראָפּגעקומען זוכן אַ חתן.

מען האָט כמעט ווי נישט דערמאָנט, אַז חוה שטאַמט פון אַ נידעריקן שטאַנד, אַז איר פאַרשטאָרבענער פאָטער איז געווען דער שטאָט־קברן, אַז די מוטער האָט באַלד נאָכן מאַנס טויט זיך געלאָזט איבער דער מדינה. מ'האָט דאָס אַלץ געהאַט פאַרגעסן. מעגלעך דערפאַר, וואָס די מלחמה האָט אָפּגעווישט די שטאַנדן; מעגלעך דערפאַר, וואָס אין שטעטל איז שוין יאָרן קיין פּרנסה נישט געווען. די טאַטעס האָבן זיך געדרייט איבערן ליידיקן מאַרק. די זין — אין שטאָט־גאָרטן. פלייצעס ברייטע, אויסגערוטע. הענט שטאַרקע האָבן זיך געריסן פון די געלענקען און צו וואָס

זיך צו נעמען אין שטעטל, אין דער גרויסער שטאָט, איז נישט געווען. יונגעלײַט אין די הויכע צוואַנציקער, אין די הויכע דרײַסיקער, האָבן זיך געשראָקן חתונה צו האָבן, נישט געזען פון וואַנען זיי וועלן ציען חיונה פאַר ווײַב מיט קינדער. האָט זיך אונטערגערוקט חוה ווי אַ גרויס געווינס, און אַלע האָבן גערעדט און געחלומט וועגן איר.

ס'טעפּער־געסל, ווו חוהס מוטער האָט געווױנט, האָט גאָר אײַנגעלייגט וועלטן. די שוסטערס און די טאַנדייטערס פונם געסל, וואָס האָבן נישט איינמאָל אין די מלחמה־יאָרן צונויפגענומען פאַר חוהס מוטער, פאַר אסתרן, אויף שבת, האָבן אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז אויב יאָ אַ חתן פאַר חוהן, זײַנען זייערע זין בילכער, האָט ס'טעפּער־געסל די חזקה.

— כ'זאָג נישט פּונקט מײַן משהן, נאָר אַ יאָר אויף מיר, אסתּרשי, ווי משה איז אַ יונג אַן אײַנרײַסער, — האָט דער געלער שוסטער אָפּגעשטעלט חוהס מוטער. — ס'טעפּער־געסל האָט גענוג אָרנטלעכע יונגען, גענוג לײַטישע חתנים, און חוה וועט נישט דאַרפן זוכן קיין חתן צווישן די אָפּגעשלאָגענע הושענות, צווישן די אַמאָליקע גבירים פון מאַרק.

— און איך זע נישט מיט וואָס די יונגען פון טעפּער־געסל זײַנען „שמײליקער", — האָט אסתר געפּרווּבירט צו נישט מאַכן דעם שוסטערס רייד, — און קיין קאָנטראַקט מיטן טעפּער־געסל האָב איך אויך נישט געשלאָסן.

— אַז איר שטייט דאָך גאָרנישט אָן דער יחוס, — האָט אַ שוסטערקע זיך אַרײַנגעמישט. — ווי זאָגט מען: מיטן געלט וואַקסט דער אַפּעטיט, וואַקסט דער חשק זיך אײַנצוקויפן אין יחוס!

— וואָס מיר יחוס צו אַלדי רוחות, אַבי געלט! — האָט חוהס מאַמע געוואָלט פּטרן דעם שמועס מיט אַ ווערטל.

און אַז ס'איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע, אַז חוה איז שוין אַרויסגעפאָרן קיין פּוילן, האָט בײַ אסתּרן די טיר נישט גערוט. טאַטעס און מאַמעס פון דערוואַקסענע זין האָבן זיך נישט פאַר־לאָזט אויף קיין שדכנים. זיי האָבן זיך אַליין מטריח געווען און

זײַנען געקומען. און נישט בלויז באַלעבאַטישע מענטשן, אויך דער שפּיגל פון שטעטל, די מזרח־וואַנט — אַלע זײַנען געקומען. גע־הייסן האָט עס, מען איז געקומען געוויר ווערן, צי עס איז דאָ אַ ידיעה פון חוהן. מען דאַרף וויסן, ווען זי קומט. איינער האָט געדאַרפט אָפּנעמען אַ גרוס פון ניו־יאָרק, אַ צווייטער — פון שיקאַגאָ, אַ דריטער — פון פילאַדעלפיע. דערווײַל האָט מען אַ טאָפּ געטאָן דעם דופק, געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז וואָס־ווען, זאָל זײַן אַ נאָדל־פאָדעם און מ'זאָל קענען אײַנפעדעמען.

דעם לעצטן טאָג חול־המועד פסח איז חוה אָנגעקומען מיט צוויי אָנגעפּראָפּטע קופערטס, מיט וואַליזעס און וואַליזקעס. די מוטער האָט חוהן קוים דערקענט. ס'איז אַוועקגעפאָרן אַ דאַר־קוואַר מיידל פון אַ יאָר צען, און צוריקגעקומען איז אַ פרוי פון אַ יאָר פינף־און־דרײַסיק. אַביסל צו גרויס פאַר אַ פרוי: גרויסע הענט, גרויסע פיס און ס'פּנים — ווי בײַ אַ מאַנסביל.

אַחוץ דער מוטער, האָט חוה אין שטעטל קיינעם ניט גע־קענט און נישט געדענקט. האָבן זיך אָבער דעם זעלבן טאָג נאָך אָפּגעזוכט מיידלעך, ווײַבלעך, געטעגהט, אַז זיי האָבן זיך מיט חוהן קינדווײַז געשפּילט, און די צוויי אָרעמע שטיבלעך זײַנען געוואָרן אָנגעפּאַקט מיט מענטשן.

ס'גאַנצע שטעטל האָט פאַרגעסן אָן די צוויי טעג פּסח. ס'איז געווען איין שמועס — חוה און חוה.

שלמה מעקלער, מיטן שניפּסל, ווי אַן אויסגעשטאָפּט פייגע־לע, האָט נישט גערוט דעם גאַנצן ערב־יום־טוב. ער האָט גע־האַלטן אין איין לויפן הין און צוריק. דאָ האָט ער זיך געסודעט מיט אסתרן, דאָ מיט חוהן און אָט איז ער שוין אין מאַרק בײַם שטעטלשן גביר, בײַ בערמאַן דעם שניט־סוחר.

— איר פאַרשטייט, פאַניע בערמאַן, — האָט אַ פליגעלע פון שניפּסל זיך אַפּירגעשאַרט בײַם מעקלער פון הינטערן קאָלנער און דער דאַשעק האָט זיך אַ רוק געטאָן צום אויער — איר פאַרשטייט? דאָס איז ניט קיין שידוך, ס'איז אַ שמאַלץ־גרוב! אַ באַנק־ביכל אויף פינף טויזנט דאָלאַר האָב איך אַליין געזען! און איצט די טשעקן, די עקספּרעס־טשעקן זייערע! און אַז מען

האָט חתונה מיט אַזאַ מיידל, עפּנט זיך פאַר אַ יונגנמאַן אַ וועלט! ס'געפעלט אים נישט פוילן? איז דאָ אַמעריקע! אויך אַ מדינה! אַ מדינה, ווו מען פאַרדינט לײַכטער דעם דאָלאַר, ווי בײַ אונדז דעם געשוואָלענעם גילדן!

בשעת דער מעקלער האָט גערעדט, האָט בערמאַן פאַרקוועטשט איין אויג, געקנײטשט דעם שטערן. ער האָט געוואָלט פרעגן, צי די כּלה איז טאַקע אין איין עלטער מיט זײַן, בערמאַנס ווײַב. ער האָט אָפּגעטריבן פון זיך די מחשבה און געפרעגט עפּעס אַנדערש:

— ווייסט זי כאָטש, די כּלה, אַז מײַן יוסל איז נאָך אַ יינגל, טאַקע נאָך קיין פיר־און־צוואַנציק יאָר נישט אַלט?

— איר האָט מורא ס'איז אַ חסרון? ס'איז קיין חסרון ניט, פּאַניע פערמאַן!

בערמאַן האָט גלײַך נישט געענטפערט. ער האָט מיט זיך אײַנגעטענהט: דרײַ־און־צוואַנציק — ער, פינף־און־דרײַסיק — זי. קיין זיווג איז עס נישט, מן השמים — אוודאי און אוודאי נישט. און צוריקגערעדט — יאָ חסרון, נישט חסרון, מאָרגן, איבערמאָרגן, און ס'איז אויס מיט דער שניט־קראָם, אויס מיטן עשירות, כאָטש נעם און לאָז זיך איבער דער מדינה. ער האָט זיך אַ וויש געטאָן מיט דער איידעלער האַנט איבער די אויגן, דערנאָך איבער דער שוואַרצער באָרד און אַ פרעג געטאָן:

— און וואָס זאָגסטו, שלמה?

— אײַער ווײַב זאָל זיך מטריח זײַן, אַריבערגיין און פאַרבעטן די כּלה מיט דער מוטער אויף הײַנט אָוונט, אויף יום־טוב.

— נישט קיין קרומע זאַך.

נאָכן עסן האָט ס'טעפּער־געסל זיך אַ לאָז געטאָן צו אסתּרן גוט־יום־טוב ביטן און געטראָפן אַ פאַרשלאָסענע טיר. דער עולם האָט זיך געבונטעוועט:

— מיט וואָס נעמט זי זיך איבער, דעם גרעבערס טאָכטער? מיט שיינקייט?

— שיין איז זי, ווי מײַן לינקע פּאָדעשווע!

— און יונג איז זי אויך נישט!

— זי איז דאָך נאָך אַ „פּשעדוואָיענע״.

חוה מיט דער מוטער זײַנען געזעסן בײַם גביר פון שטעטל, וווּ דער טיש האָט געפינקלט מיט זילבער, מיט ווײַן, מיט קָלער־לייי פּסחדיקע מאכלים. צוויי דינסטן האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די געסט. דער חתן, יוסל, אַ בחור בלוט און מילך, האָט איצט אַן אויסגעצוואָגענער, אין די יום־טובדיקע מלבושים, נאָך אויס־געזען ייִנגער, ווי ער איז געווען. ער האָט צוגעזען און „געוויילט״ חוהן. ער האָט איר דערציילט וועגן פּאָרדן, וועגן ראָקפעלערן, הוווערן, ווי נישט זי וואָלט געקומען פון אַמעריקע, נאָר ער, יוסל. און חוה, וואָס האָט אָפּגעאַרבעט אַ צוויי צענדליק יאָר אין ניו יאָרקער שעפּער, האָט זיך טאַקע געחידושט פון וואָנען יוסל ווייסט דאָס אַלץ. דערצו איז זי געוואָרן אויפגערוימט — די בליך־לאָמפּ, די אַכט ליכט, די געשמאַקע מאכלים און דער עיקר די איבעריקע גלעזלעך ווײַן, אַלץ האָט צענומען און געוואַרעמט. אַזאַ געדעקטן טיש, אַזאַ רחבות, האָט זי אין ניו־יאָרק נישט גע־זען. יוסלס טאַטע, אין דער זײַדענער קאַפּאָטע מיט דער שוואַר־צער, צעקעמטער באָרד, יוסלס מוטער מיטן האַלדז פּערל, שוועס־טער, ברידער, און דאָ האָט איר יוסלס מוטער ווידער אונטער־גערוקט אַ גלעזל ווײַן:

— טרינק, חוה, ס׳איז ריינער ארץ־ישראל־ווײַן, אַפילו דאָקטוירים הייסן עס טרינקען נאָכן פלייש, נו, לחיים, לחיים! „צום ווײלזײַן״!

חוה האָט אַליין ניט געדענקט, ווי נאָכן עסן האָט יוסלס מאַמע זי אַ נעם געטאָן, ווי אַ מאַמע נעמט אַ טאָכטער. עמעצער האָט געעפנט אַ זײַטיקע טיר און ביידע זײַנען אַרײַן אין דער סאַליע, וואָס האָט געאָטעמט מיט דער קילקייט פון לאָנקעס.

יוסל איז אויך אויסגעוואַקסן. ער האָט גלײַך געעפנט ס׳שויבן־שענקל, דערציילט פון וואַנען יעדעס שטיקל זילבער קומט.

— איר וועט אפשר טרינקען טיי? — איז די מוטער שוין געשטאַנען בײַם אַרויסגאַנג, האָט נישט געוואַרט אויף קײַן ענט־פער און אַליין צוגעגעבן — איר וועט טרינקען.

זיי זײַנען געבליבן אַליין. בײַ חוהן האָט זיך געדרייט דער קאָפּ. דער שאַפּ אויף פּערציקסטער גאַס, דאָס טונקעלע שלאָפצי־מער, די אייגענע יאָרן. און דאָ — אַזויפיל וואַרעמקייט, אַזויפיל ליכט, אַזאַ שיינער בחור מיט אַזויפיל ציין, צופיל ציין פאַר אַ מענטש. און ווי שיין ער רעדט!

פון גרויס פרייד האָט חוה זיך אַ וואַקל געטאָן און אַ הייב געטאָן די האַנט צום קאָפּ:

— כ'האָב צופיל ווײַן געטרונקען.

— טאָ זעצט אײַך צו אַ ביסל.

ער האָט זי אַ נעם געטאָן פאַר דער טאַליע, זי צוגעפירט צו דער פלושענער אָטאָמאַנע און ביידע האָבן זיך צעוויגט צווישן די אויסגעהאָפטענע קישנס.

אַ שפּאַס

דער שטאָט=זייגער, וואָס איז געהאַנגען איבערן ראָטהויז, האָט געשלאָגן צוועלף. די קלעפּ, טיפע, צעצויגענע, האָבן זיך צעקייַקלט איבער דעם ליידיקן מאַרק, איבער דער ברייטער גאַס, וואָס האָט געפירט אין „לוסטגאָרטן" אַרייַן. פון די קלעפּ האָבן איבערגעשראָקענע הינט זיך צעבילט אויף די הויפן, אויפגעטרייסלט ס'שטעטל, וואָס איז שוין לאַנג געשלאָפן. געוואַכט האָט בלויז דער אַלטער צעצווייַגטער לוסטגאָרטן, ווו ס'פינסטערניש איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט קיין חבריש אויג ניט געקאָנט דערקענען. די עלעקטרישע לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ קלאָץ אין מיטן גאָרטן, האָט נאָך געדיכטער געמאַכט ס'פינסטערניש, עס געטריבן צווישן די ביימער, ווו בחורים און מיידלעך זייַנען געזעסן אויף בענק, געזעסן אויפן גראָז. קיינער האָט ניט געטראַכט, אַז מען דאַרף אַהיימגיין שלאָפן, און אַז מען וועט זיצן ביז באַגינען, וועט מען צומאָרגנס אַרייַנשלאָפן ביז אַ שטיק אין טאָג אַרייַן. איינס איז אָבער געווען זיכער — מען וועט גאָרניט פאַרשפּעטיקן, גאָרניט פאַרלירן.

שוין יאָרן ווי די יוגנט פון דעם שטעטל האָט ניט געהאַט צו וואָס זיך צו נעמען. און ניט בלויז אינם שטעטל. מ'איז קריקגעקומען פון די גרעסערע שטעט, פון דער קרוינשטאָט. און אייַנזיצן אין די געהויקערטע שטיבלעך האָט מען אויך ניט געקאַנט. די ניט=זיכערקייט, די מורא פאַרן מאָרגן, די שרעק, וואָס

האָט זיך פֿאַרקליבן אין די אויגן פֿון טאַטע=מאַמע — אַלץ האָט געטריבן אין גאַס אַרויס, געטריבן הינטער דער שטאָט. ווי הונגעריקע וועלף האָט מען זיך געטראָגן סטאַדעסווײַז אויף די פֿאַרשטויבטע וועגן. און אַז ס'איז געוואָרן פֿאַרנאַכט, און מ'האָט שוין געהאַט האַלב בגנבה אַרײַנגעכאַפּט ס'אָוונט=ברויט, האָט מען זיך גענומען קלײַבן אין שטאָט=גאָרטן. יונגען — איבערגעוואַקסענע, מיטלמעסיקע און ניט=דערוואַקסענע. מוידן — שיינע, אַזוי=זיך מוידן און מוידן מיאוסע. און אַז די יונגען און מוידן האָבן זיך צערעדט, האָבן זיך צעחלומט וועגן ארץ=ישׂראל, וועגן סאָוועט=פֿאַרבאַנד, זײַנען די מיאוסע שיין געוואָרן און די שיינע — שענער. ווײַל יוגנט, וואָס רײַסט זיך פֿון דער טאָג=טעגלעכקייט, יוגנט, וואָס חלומט — איז שטענדיק שיין.

אַזוי זײַנען אַוועק טעג, וואָכן, חדשים. ווינטער האָט מען די אָוונטן פֿאַרבראַכט אין דער ביבליאָטעק, זומער — אינם לוסטגאָרטן. און אַז די דעבאַטעס האָבן זיך נאָך האַלבער נאַכט אויסגעשעפּט, די שמועסן זײַנען דערעסן געוואָרן, זײַנען די יונגע לײַבער, אויסגערוטע, פֿול מיט כּוחות, מער ניט אײַנגעזעסן אויף די בענק, ניט אײַנגעזעסן אויף דעם גראָז. ס'בלוט, הייס בלוט, האָט זיך געגאָסן פֿון די פֿיס אין די הענט, פֿון די הענט אין די שלייפֿן. און אַז כּוחות האָבן גענומען אויסלויפֿן און ס'איז ניט געווען מיט וואָס זיי צו טאַמעווען, האָבן חברה זיך אַ לאָז געטאָן צו דער עלעקטרישער לאָמפּ. אַ יונג האָט אַרויסגענומען אַ גראָשן, אים אַ שלײַדער געטאָן — קאָפּ, שלאַק. מען האָט פֿאַרגעסן, אַז מ'איז געענדיקטע אַדוואָקאַטן, געענדיקטע אינזשינערן, געענדיקטע לערער. מ'האָט פֿאַרגעסן, אַז מ'איז איבערגעגעבענע פּאַרטייער. אַלץ, וואָס איז געווען מענטשלעך, האָט די נויט צעטרענצלט, אויסגעביטן יעדן איינעם אויף אַ גראָשן, וואָס איז געפֿלויגן אונטער דער עלעקטרישער שײַן — קאָפּ, שלאַק. און דער גליקלעכער, וואָס האָט געוווּנען דעם גראָשן, איז גדלותדיק אַוועק אין געוועלבל בײַם לוסטגאָרטן און אויסגעטרונקען אַ גלעזל סאָדע=וואַסער, געשטילט דאָס צעבויטעטע בלוט.

ס'איז געווען די וואָך נאָך שבועות. ס'שטעטל איז גע־גאַנגען אויף רעדלעך. מ'האָט פאַרגעסן, אַז דער הימל איז בלוי, אַז די לופט איז בלוי, אַז די ביימער הינטער די פענסטער בליִען. פון ניו־יאָרק איז אַראָפּגעקומען הערשל מלמדס אַן אייניקל, דער רויטער פּנחס, וואָס האָט קיינעם מער ניט געהאַט אין שטעטל. באַלעבאַטים, וואָס האָבן געהאַט טעכטער אויסצוגעבן, האָבן זיך אַרומגעפּירט מיט פּנחסן. יעדן טאָג האָט אים אַן אַנדער באַלע־באָס פאַרבעטן אויף מיטאָג, אויף אָוונטברויט. מ'האָט זיך געריסן איבער דעם פּערציק־יעריקן „אַמעריקאַנער". מ'האָט אים גערעדט יונגע שיינע מיידלעך מיט יחוס, מיט שיינקייט, מיט נדן. און אַז דער „אַמעריקאַנער" האָט ניט געוואָלט הערן און גערעדנקען, גע־טענהט, אַז ער האַלט ניט ביים חתונה האָבן, זיינען די טאַטעס געוואָרן ברוגזלעך, האָבן אויפגעהערט זיך אַרומצופירן מיט אים.

ערשט דעמאָלט האָט די יוגנט זיך אַ נעם געטאָן צו פּנחסן. מ'האָט אים געפירט הינטער דער שטאָט אויף די שטוי־ביקע וועגן, מ'איז אָפּגעזעסן מיט אים גאַנצע נעכט אין שטאָט־גאָרטן. און אַז דאָס האָט אויך דערעסן, האָט פּנחס פאַרבעטן דעם עולם אין דער סאָדע־וואַסער בודקע. ער האָט געשטעלט „אייזקרעם", געשטעלט ביר, דערציילט, אַז אין אַמעריקע איז אַ קריזיס, אַז יעדער פינפטער מענטש לעבט פון קצבה. חברה האָבן אויסגעהערט, זיך באַלעקט און עפּעס ניט געגלויבט. מ'האָט אים באַטאַפּט דעם ראָק, דעם שניפּס, דעם קאַפּעלוש. מ'איז גע־וואָרן אויפגעהייטערט. אויב פון פּנחסן, פון דעם קרועה־בלועה־ניק, איז געוואָרן אַזאַ לייט, איז נאָך דאָ אַ אָנלען, גייט די וועלט נאָך ניט אונטער. מ'דאַרף בלויז זען ווי אַזוי זיך אַריבער־צופּעקלען קיין אַמעריקע.

חיהלע, אַ ליכטיקע מויד, האָט אַ זאָג געטאָן צו פּנחסן:

— און אויף קאַטאָוועס וואָלט איר חתונה געהאַט?

— אויף קאַטאָוועס? — האָט פּנחס נישט געקענט ביישטיין חיהלעס שמייכל און די אויגן זיינע, גליקלעכע, זיינען געוואָרן נאָכגעביק.

חיהלע, אַ לערערין אָן אַ שטעל, האָט אויפגעכאַפּט פּנחסעס בליק. וואָס האָט זי דאָ געהאַט אײַנצושטעלן? איר שיינקייט? וועמער דאַרף עס אין פּוילן? זי איז רויט געוואָרן. פריִער די באַקן, דערנאָך דער האַלדז. די רויטקייט האָט זיך אַ ציִ געטאָן איבערן לײַב, ווי איבער אַ שוואָם, אַז דער בויך האָט אַזש אָנגעהויבן פלאַמען, און ס׳פּנים, אַ צעבליט שטיק פעלד, האָט זיך צעלויכטן:

— וואָס קענט איר דאָ אָנווערן?

— אַז כ׳וועל מיט אײַך חתונה האָבן אויף אַ שפּאַס? — האָט פּנחס אַ פאַרדעכטיקער איבערגעפרעגט.

— יאָ! — אין חיהלעס פּנים געוואָרן אַ שטיק פלאַם.

חברה, מויל און אויערן צעעפנט, האָבן אַרומגערינגלט ס׳פּאָרל. איבעררעַשט האָט זי בלויז חיהלעס דרייסטקייט. זי האָט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס אַנדערע האָבן געטראַכט און געחלומט. אין דער סאָדעוואַסער=בודקע און געוואָרן שטיל. ס׳האָט זיך בלויז געהערט דאָס זשומען פון דער בליך=לאָמפּ. מען האָט דאָרט געזען, ווי די ברייטע קנויט שלינגט נאַפט, און דאָס אָנגעפּודערטע מיידל מיט די לאַנגע אוירינג, אַ מידע, אַ צעקנייטשטע, וואָס האָט נאָר וואָס געטריבן דעם עולם פון דער בודקע, געזאָלט מאַכן נאַכט, דאָס מיידל האָט אַ פאַרגאַפטע זיך אַ בויג געטאָן איבערן טאָמבאַנק און זיך אויך אײַנגעהערט. אַלע האָבן געקוקט אויפן רויטן פּנחסן, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער בליך=לאָמפּ אַ בלאַסער, ווי נאָר געלזוכטיקע קאָנען בלאַס ווערן.

דער עלטערער בחור אין פּנחסן, וואָס האָט אין יעדן מיידל געזען אַן אָנגעשטעלטע פּאַסטקע, גרייט אים אַרײַנצוכאַפּן, האָט אויפן אָרט געוואָלט זיך אָפּשאָקלען פון חיהלען. דער עולם אַרום איז געווען זיכער, אַז פּנחס וועט עס טאָן, בלויז זיך געחידושט, וואָס עס נעמט אים אַזוי לאַנג, זיך נישט געכאַפּט, אַז חיהלעס בליק האָט בײַ אים פאַר אַ ווײַל צוגענומען ס׳לשון. פּנחס האָט אויף זיך דערפילט דעם מיידלס אויגן, גרויסע, ברויִנע אויגן, ליכטיקע אויגן, וואָס טרײַבן פון אים די שרעק, זאַפּן זיי אײַן, ווי ליכט זאַפּט אײַן פינסטערניש. און אַז די שרעק

האָט געהאַלטן בײַם אויסרינען, דער אַלטער בחור האָט זיך גענו־מען באַהאַלטן אין די פּנים־קנייטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוגלײַכן, האָט פּנחס אַ פרעג געטאָן:

— און וואָס וועט זײַן, אַז מיר וועלן קומען קיין ניו־יאָרק?

— אין ניו־יאָרק? — איז חיהלע נאָך שענער געוואָרן, געהאַט אין זיך די שײנקייט פון דער זיגערין, — אין ניו־יאָרק וועלן מיר זיך צעגיין!

— כ'זע נישט, וואָס דו טראַכטסט אַזוי לאַנג, פּנחס? — האָט זיך איינער פון דער חברה אָנגערופן.

— כ'האַלט אויך, אַז דו דאַרפסט עס טאָן! — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן.

— דו שטעלסט דאָך גאָר נישט אײַן! — האָט אַ דריטער אונטערגעכאַפּט.

ס'איז ווידער שטיל געוואָרן. די שטילקייט צווישן איין דונער און דעם אַנדערן. אי די, וואָס האָבן נישט פאַרגונען, אי די, וואָס האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן חיהלען — כמעט אַלע האָבן געוואַרט, אַז פּנחס זאָל איר אָפּזאָגן. פּנחס האָט זיך גע־קווענקלט. ער האָט געוואָלט אָפּשאָקלען פון זיך חיהלעס בליק, נישט געקענט. דערצו האָט אים שוין באַצײַטנס באַנג געטאָן, אַז אין ניו־יאָרק וועלן זיי זיך צעגיין, אַז ער וועט זי אָנווערן. דער אַלטער בחור איז אין פּנחסן פאַרשוווּנדן. ער האָט אַ נעם געטאָן חיהלען אונטערן אָרעם און ס'קול האָט בײַ אים געצי־טערט:

— וועלן מיר חתונה האָבן?

— אויף אַ שפּאַס! — האָט חיהלע זיך געררויטלט.

— אויף אַ שפּאַס, אויף אַ שפּאַס! — האָט דער עולם אונטערגעכאַפּט און מער נישט געגלויבט, אַז ס'איז אַ שפּאַס.

אַ שטרײַק

די תּלמוד־תּורה־גבאים — גערער חסידים, אַלעקסאַנדערער חסידים — האָבן זייער גאַנצן כּעס אויסגעלאָזט צו די מלמדים. צו אַ לערער־שטרײַק זײַנען זיי געוויינט געווען. כּמעט צוויי מאָל אַ יאָר — נאָך פּסח, נאָך סוכּות — האָבן די לערער געשטרײַקט, געפאָדערט מען זאָל זיי אויסצאָלן דעם חוב, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן דורכן זמן, אַז נישט וועלן זיי נישט קריקגיין לערנען מיט די קינדער. און די לערער האָבן שטענדיק אויסגעפירט. דער חוב אָבער, וואָס די תּלמוד־תּורה איז שולדיק געבליבן די מלמדים, האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. פון די אַכציק גילדן, וואָס אַ מלמד האָט געדאַרפט קריגן אַ חודש, האָט מען אים קוים אויסגעצאָלט פערציק. און אין די זומער־חדשים האָט מען דאָס אויך נישט געצאָלט. מלמדים, וואָס האָבן מורא פאַר גאָט און פאַר לײַטן, וועלן דאָך נישט שטרײַקן. האָבן זיי זיך געקוועלט, געליטן נויט, געליטן הונגער און געשוויגן. וואָס לענגער דאָס שווײַגן האָט אָנגעהאַלטן, אַלץ שטומער און שפלדיקער איז מען געוואָרן. און מיטאַמאָל איז דער גאַנצער תּלמוד־תּורה־פּערסאָנאַל אַרויס אין שטרײַק. אויף אַזאַ „חילול השם" האָבן זיך די גבאים נישט געריכט, נישט באַנומען, ווי נאָך גמרא־מלמדים, חומש־מלמדים, האָבן בײַ זיך געקאָנט פועלן צו שטרײַקן. און מיט וועמען זיך צונויפשלאָגן די קעפּ? מיט די לערער, וואָס זײַנען ערגער פון די גויים. אַ גוייִשער לערער גייט נאָך זונטאָג אין

„קאָשטשאָל"; זיי, די יידישע, שמעקן דאָך נישט אַרײַן אין קיין שול!

די גבאים מיט זייערע מקורבים האָבן געטרודפט די מלמדים, געסטראַשעט צוצונעמען דעם ביסן פון מויל, געסטראַשעט אַראָפּ־צוברענגען מלמדים פון דער פרעמד. די מלמדים האָבן אויך נישט געשוויגן. מען האָט גערופן אסיפות בײַם רב, אין די בתי־מדרשים. ס'איז געוואָרן אַזאַ טומל, אַז די שטאָט־באַלעבאַטים האָבן זיך אַרײַנגעלייגט, געפאָדערט מען זאָל די מלמדים אָפּצאָלן אַ טייל פונם חוב, און מען זאָל זיי צוריק אָנשטעלן. די גבאים האָבן כמעט אַלץ געוואָלט נאָכגעבן. זיי זײַנען אײַנ־געגאַנגען אָפּצוצאָלן אַ טייל פונם חוב. זיי האָבן געוואָלט אָנ־שטעלן די דרדקי־מלמדים, די חומש־מלמדים. בלויז איין זאַך האָבן זיי געוואָלט אויספירן — אויפן אָרט פון פסח מלמד, וואָס האָט געלערנט מיט די קינדער גמרא, אָנשטעלן אַן אַנדערן. די שטאָט־באַלעבאַטים, וואָס האָבן נישט דערוואַרט אַזאַ פאָדערונג פון די גבאים, האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן. דער רב, אַן אָפּגע־היטער ייד און נאָך אַ גרעסערער תם, האָט זיך דער ערשטער אַרײַנגעמישט:

— וואָס האָט איר זיך גראָד אָנגעזעצט אויף פסחן?

שלמה גבאי, וואָס האָט געשמעקט מיט נאַפט, מיט הערינג, האָט אַ נעם געטאָן זײַן רויטע באָרד צווישן די פינגער. ער האָט אַ ווײַל באַטראַכט די באָרד, זי פּאַטערלעך אַ גלעט געטאָן און זי געלאָזט ליגן איבער דער צעקנעפּלטער קאַפּאָטע. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן רב, אויפן עולם און גענומען ריידן אָפּגע־האַקט און מיט ביטול, ווי ער וואָלט נישט געווען אין בית־דין־שטוב, נאָר בײַ זיך אין געשעפט:

— איר פרעגט, פאַרוואָס מיר האָבן זיך אָנגעזעצט אויף פסחן? גאָר פשוט. ווען נישט פסח, וואָלט צו קיין שטרײַק נישט געקומען. די מלמדים האָבן זיך פאַרקוקט אויף אים. אַז דער גמרא־מלמד שטרײַקט, פאַרוואָס זאָלן די דרדקי־מלמדים נישט שטרײַקן? נישט גענוג, וואָס ער האָט געזינדיקט, האָט ער נאָך אַנדערע געמאַכט זינדיקן. טאָ מיט וואָס איז ער בעסער

פאַר ירבעמען? דאָס איז איינס. והשנית, ווי שטייט עס גע־שריבן, אַז מלאַווער קהל דאַרף דאָס פאַרזאָרגן פּסחס בת־יחידקע מיט קעז־קיכלעך, מיט טאָרט־קיכלעך? איר גלויבט נישט? מיר האָבן עדות, אַז פּסחס ווײַב קויפט יעדן טאָג דער בת־יחידקע קעז־קיכלעך, טאָרט־קיכלעך. און אויב יאָ קעז־קיכלעך, אויב יאָ טאָרט־קיכלעך, אויב מען פרעסט און מען נאַשט, איז דאָך שוין נישט שייך צו ריידן, אַז מען הונגערט, אַז מען געשווילט פון הונגער!

— מען דאַרף אויך הערן, וואָס פּסח האָט צו זאָגן, — האָט דער רב גענומען זוכן מיט זײַנע קורצזיכטיקע אויגן דעם מלמד — וואָס זאָגסטו אויף שלמהס טענות?

פּסח, הויך און דאַר, ווי אַ ברונעם־שטאַנג, האָט זיך אַרויס־געדרוקט מיט אַן אַקסל. דער צווייטער אַקסל איז בײַ אים ער־גען פאַרזונקען אינם ברוסט־קאַסטן. זיינע איבערגעשראָקענע אויגן זײַנען ערגעץ געלאָפן פונם גבאי צום רב, געלאָפן הין און קריק, און זיך נישט געקאָנט אָפּשטעלן. ס'איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן אין בית־דין־שטוב. אַלע האָבן געקוקט אויף פּסחן, געוואַרט וואָס ער וועט האָבן צו זאָגן. פּסחס פּנים האָט זיך געהאַלטן אין איין קרימען. די צעוואָרפענע שטיקלעך באָרד, שוואַרץ ווי פּעך, האָבן צוגענומען פון די אײַנגעפאַלענע באַקן יעדע מראה. בלויז די אויגן, גרויסע, פינסטערע אויגן, האָבן געפיבערט. די קנויל פון חרפות און בזיונות, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט בײַ אים אין משך פון זײַן לעבן, האָט זיך גענומען פונאַנדערוויקלען, זיך געהאַלטן אין איין שפּאַרן אין האַלדז אַרײַן, צוגענומען בײַ אים ס'לשון. ער האָט צעעפנט אַ מויל מיט ווײַסע ציין, וואָס האָבן נישט געפּאַסט צום אײַנגעדאַרטן גוף, זיך צע־וויגט, ווי איבער אַ שווערן בלאַט גמרא, און נישט געקאָנט אויס־ריידן קיין וואָרט.

— איז וואָס זאָגסטו, פּסח, אויף שלמהס טענות? — האָט דער רב אים געפּרוווט אַרויסהעלפן.

— דאָס זײַנען גאָר קיין טענות נישט, מלאַווער רב, — זײַנען די ווערטער בײַ פּסחן אַרויס מיט אַ הוסט, און ער האָט

זיי מער נישט געקאָנט אָפּשטעלן.—און אַז מײַן ביילע קויפט דעם קינד אַ קיכל, איז וואָס? ס'איז אַ קראַנק קינד, ס'האָט קיין קראַפט נישט אין די פיסלעך, צו דינע פיסלעך, פאַלט עס, ווען עס שטעלט זיך. צו פינף יאָר קאָן עס נאָך נישט גיין. און ס'איז בײַ מיר איין-און-איינציק, דאָס איינציקע שטיקל נחת אין לעבן. איר דאַרפט וויסן, אַז אויף דעם קינד האָב איך געוואַרט צוועלף יאָר, אַז מײַן ביילע האָט עס פשוט אויסגעוויינט בײַם רבונו-של-עולם. און אַז גאָט האָט מיר געגעבן אַ טאָכטער, דער-צו אַ קראַנקע, און זי בעט זיך בײַ דער מוטער: „מאַמעשי, אַ קעז-קיכל, מאַמעשי, אַ שטיקל טאָרט", זאָל די אָרעמע מאַמע זשאַלעווען דעם קינד אַ קעז-קיכל? אַ קעז-קיכל, וואָס קאָסט צען גראָשן? ניין, מלאַווער רב, כוועל מײַן קינד נישט זשאַלע-ווען קײַן קיכל, כ'וועל אָפּשפּאָרן פון מײַן טרוקענעם ביסן ברויט און כ'וועל דעם קינד קויפן אַ קיכל.

— קהל איז נישט מחוייב אויסצוהאַלטן פּסח מלמד מיט קיכלעך, — איז שלמה אַרײַן פּסחן אין די רייד.

— מיט קיכלעך טאַקע נישט, — האָט פּסח זיך אַזאַ וויג געטאָן צום גבאי, אַז יענער האָט זיך אַ שאַר געטאָן אויף קריק מיטן בענקל, — אָבער מיט אַ שטיקל ברויט און אַ לעפל גע-קעכץ דאַרף מיך קהל אויסהאַלטן? און פאַר די לעצטע צוויי יאָר הונגער איך, ס'הונגערט מײַן ווײַב, מיר עסן זעלטן צו דער זעט.

— אַז מ'האָט אויף קיכלעך, הונגערט מען נישט, — האָט שלמה טעמפּ און פאַרעקשנט איבערגעחזרט זײַנס, און די קאָליר פון דער רויטער באָרד איז אים אַרײַן אין פּנים.

— קיכלעך, קיכלעך, קיכלעך, — איז פּסח שוין געשטאַנען איבער דעם גבאי, געשטאַנען ווי איבער אַ שטענדער און אים נאָכגעקרימט. — ווי קאָן ער גלויבן, אַז מיר הונגערן, אַז ער מיטן בני-בית פרעסן און זויפן, אַז בײַ אים איז די גאַנצע וואָך שבת. מען עסט הינער, מען עסט קאַטשקעס, מען עסט גענדז, ס'טריפט איבער די מײַלער, איבער די געמבעס.

— פסח, — האָט דער רב פּרובירט אָפּצושטעלן דעם דעם מלמד, — דו רעדסט שוין, זײַ מיר מוחל, שטות.

— כ'עס פאַר מײַן געלט, נישט פאַר קהלס, — האָט שלמה אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן ברוסט־קאַסטן.

— דאָס דאַרף מען נאָך אויסגעפינען! — האָט פסח אַ געשריי געטאָן און געפילט, ווי פלאַמען שפּאַרן זיך אים אין מוח אַרײַן.

— איך וועל מאַכן אַ פּשרה, — האָט זיך אַ צווייטער גבאי אַרויסגערוקט.

פון אַלע זײַטן האָט מען זיך אָנגערופן:

— לאָמיר הערן, לאָמיר הערן.

— נאָכדעם, ווי מיר האָבן אויסגעהערט ביידע צדדים, — האָט דער צווייטער גבאי זיך צערעדט, — שלאָג איך פאָר, אַז ס'מלמדות אין דער תלמוד־תורה זאָל פסח צוריקקריגן. היות אָבער, ווי ער, פסח, איז שולדיק אין שטרײַק, און היות ווי אַ שטרײַק אין אַ תלמוד־תורה איז אַ חילול־השם, קומט אים אַ שטראָף. און איך שלאָג פאָר, אַז פסח זאָל לערנען צוויי וואָכן אָן שכירות.

— און וואָס וועט זײַן מיטן „מה נאכל"? — האָט דער רב געפרעגט.

דאָ האָט פסח אויסגעצויגן דעם אויסגעדייוועטן האַלדז און האָט אַ פיר געטאָן איבער אים מיטן לאַנגן צײַג־פינגער, ווי מיט אַ חלף:

— אויב איר ווילט מיך מיט אַן אמת באַשטראָפן, שעכט מיך, וועט איר אינגאַנצן פּטור ווערן פון שכירות. און אויב שוין יאָ אַ שטראָף, פאַרוואָס בלויז מיך באַשטראָפן און נישט שלמהן? דאָס, וואָס ער איז מיך צווישן מענטשן מבייש, פאַרגיסט מיר ס'בלוט, פאַרגיסט ס'בלוט פון מײַן קראַנק קינד, דערפאַר קומט אים קיין שטראָף נישט?

— שווײַג, קבצן! דרך־ארץ, קבצן! — האָט שלמה זיך אַ שטעל געטאָן.

דער גמרא־מלמד האָט זיך אויסגעגלייכט, נאָך העכער אויפגעהויבן דעם רעכטן אַקסל און געקוקט אויפן גבאי, וואָס האָט געשמייכלט מיט ביטול. און ווי דער מלמד האָט זיך גע־רוקט צו שלמהן, איז דער שמייכל ביים גבאי פאַרשוווּנדן פון פנים. דער מלמד האָט מיט דער פויסט, הויט און ביינער, פאַר־פאָרן דעם גבאי אין דער נאָז אַריין מיט אַזאַ אימפעט, אַז איבערן רויטן פנים האָט זיך אַ גאָס געטאָן בלוט.

ס'איז געוואָרן אַ טומל. מען האָט קוים אָפּגעריסן פסחן פון שלמהן. דער מלמד, וואָס האָט אינגאַנצן געציטערט, האָט נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן:

— דעם שיינעם ייד, דעם גבאי ראשון, האָב איך שוין באַשטראָפט!

ווינטער

סוף פעברואַר האָט וואָלף זאַמדפירער שוין געהאַט פאַר־קויפט ס׳פערד, די קו, אַפילו ס׳געשפאַן. די ווינטערס אויפן לאַנד זײַנען שטענדיק געווען שווערע. ס׳איז אָבער אַלעמאָל געווען אַ קו אין שטאַל, ס׳איז געווען אַ קעלער קאַרטאָפל, ס׳זײַנען גע־ווען פעסער זויערקרויט. און דער עיקר—ס׳איז געווען אַ ציגעלניע, ווו וואָלף האָט ווינטער געאַרבעט, פאַרדינט צוויי און דרײַ גילדן אַ טאָג, ווי ס׳איז דעם ווינטער דורכגעשטופט. האָט זיך מיטאַמאָל אָנגערוקט אַן אומגעריכטע צרה. מיטן ווינטער איז די ציגעלניע אָפּגעברענט געוואָרן. עס זײַנען בלויז געבליבן גריבער, קוימענס און ליימענע פּאָדלאָגעס. דערצו האָט זיך דער ווינטער פרי אַוועקגעשטעלט, אַ שווערער ווינטער. דאָס ביסל קאַרטאָפל, ס׳ביסל קרויט האָט מען אַרום יאַנואַר שוין געהאַט אויפגעגעסן. און דאָ האָט ס׳קליינוואַרג אָנגעהויבן קרענקען. פריער מאָזלען, דערנאָך אויערן, דערנאָך קאָקליש־הוסט. אויף עסן, אויף צו ראַטעווען די קינדער האָט וואָלף איינציקווײַז גענומען אויספאַרקויפן דאָס באַ־לעבאַטישקייט. פריער האָט ער פאַרקויפט ס׳פערד, דערנאָך די קו, דערנאָך ס׳געשפאַן, פאַרקויפט און בשעת־מעשה זיך געטרייסט, אַז מיטן זומער, ווען ער וועט אָנהייבן פירן אין שטאָט אַרײַן וועגעלעך זאַמד, וועט ער צוריק אויפגעריכט ווערן.

דערווײַל אָבער זײַנען די זאַמדיקע בערג און גריבער פאַר־קאָוועט געוואָרן, געלעגן ערטערווײַז איבער אַ קלאַפטער טיף אין שניי.

וואָלפס שטיבל מיטן שטרויענעם דאַך איז געשטאַנען אין אַ טאָל. די ווינטן, וואָס האָבן געוואָיעוועט אין די בערג, האָבן געקערט דעם שניי, אים געטריבן בײַטאָג, אים געטריבן בײַנאַכט, אין טאָל אַרײַן, אויסגעגלײַכט דעם טאָל מיט די בערג. דעמאָלט האָט דער שניי זיך געהויבן איבערן דאַך און פונם שטיבל איז אוממעגלעך געווען זיך אַרויסצורירן. אין אַזעלכע טעג איז וואָלפס גאַנצע משפחה אַרויס קערן דעם שניי. דאָס האָט מען דורכגעקאָפּעט אַ וועג צו די בערג, וואָס האָבן געפירט אין שטאָט אַרײַן.

ווו ס׳האָט זיך געמאַכט אַ פערד־און־וועגעלע האָט וואָלף זיך מיטגעכאַפּט אין שטאָט אַרײַן, געפירט זײַן יינגל, דעם זיבן־יאָריקן פישל, צו דאָקטוירים. נאָך דעם ווי פישל האָט אָפּגעמאָזלט, האָט ער גענומען אײַנדאַרן און אײַנטריקענען. פון דעם יינגל איז גאָרנישט געבליבן. הענט און פיס—שפּענדלעך. ס׳פּנים—הויט און ביינער — איז געווען בלויז נאָז און אויגן. אַ לאַנגע טויטע נאָז און פיבערדיקע אויגן. און די שנייען און ווינטן האָבן אַ גאַנצן ווינטער ניט געקאָנט אויספּירן דעם ריח פון יאָד, וואָס האָט זיך געטראָגן פון וואָלפס שטוב, וואָס איז געווען אי אַ קיך, אי אַ שלאָפצימער, אי אַן עס־צימער.

ס׳איז געווען אַ שטיק נאָכמיטאָג. אין די בערג האָט גענומען צופאַלן די נאַכט, געשפּרייט איבערן שניי בלויע פּאַסן. וואָלפס ווײַב, אַן אָפּגעאַרבעטע, אַן אַלטע פאַר אירע עטלעכע און דרײַסיק יאָר, האָט געהאַלטן אין איין טרײַבן איר עלטסטן זון, אַ צוועלף־יאָריק יינגל:

— דער טאַטע האָט שוין געדאַרפט זײַן. וועסט אפשר אַ קוק טאָן, הערשל, צי זיי קומען נישט אָן?

— אָט גיי איך.

וואָלף האָט זיך מיטן באַגינען געלאָזט מיט פישלען אין שטאָט אַרײַן. ער האָט געזוכט אַ פויעריש פערד־און־וועגעלע, געזוכט אַ געלעגנהייט זיך מיטצוכאַפּן, נישט געקראָגן, האָט ער אײַנגעוויקלט פישלען אין אַ קישן, אין זעק, אים גענומען אויף דער האַנט און האָט זיך געלאָזט גיין צופוס.

אין עטאָט איז געווען אַ גרויסער דאָקטאָר פון וואַרשע, אַ ספּעציאַליסט, וואָס איז אַראָפּגעקומען צו אַ קראַנקן גביר. צו דעם דאָקטאָר האָט וואָלף געטראָגן פישלען, זיך געטרייסט, טאָמער וועט דער ספּעציאַליסט דערגיין דעם קינד'ס קרענק.

און איצט, ווען די נאַכט האָט גענומען צופאַלן, הונגעריקע קראָען האָבן זיך געטראָגן איבער די בלוילעכע פעלדער מיט אַ קראַקערײַ, אויפגעטרייסלט די פּראָסטיקע שטילקייט, גראָד איצט האָט פישלס מאַמע קיין אָרט זיך ניט געקאָנט געפינען. ס'האָט זי מער ניט געאַרט, וואָס די אָפּגעקאָכטע גריץ האָט קיין יידישן טעם ניט, וואָס די קאַרטאָפל, געפרוירענע, זײַנען זיסלעך, שלאָגן מיט חלשות. זי האָט געהאַלטן אין איין אַרויסגיין פון שטוב, געקוקט צום פאַרשנייטן וועג:

— ווו איז וואָלף? ווו איז פישל? פאַרוואָס קומען זיי ניט?

אַז זיי זײַנען אָנגעקומען, איז שוין געווען נאַכט. וואָלף האָט אַוועקגעלייגט פישלען אויפן בעט, אַליין האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל, אַפּירגעוואָרפן די פיס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי בינטלעך שמאַטעס, און אַ וווּנק געטאָן צום קליינוואַרג. ס'קליינוואַרג האָט זיך געוואָרפן אָפּבינדן די שמאַטעס פון די שטיוול. וואָלף האָט דערציילט דעם ווײַב:

— איך האָב דיר געזאָגט, באַשע, אַז איך וועל זיך דערשלאָגן צום ספּעציאַליסט, און איך האָב זיך דערשלאָגן. איז דאָרט געווען אַן אָנלויף! ווו אַ חולה, האָט מען געבראַכט צו אים. און ער — אַ קוק, אַ טאַפּ, אַ האָרך און פאַרטיק, שרײַבט שוין אַ רעצעפּט. ער האָט אויסגעהערט בײַ פישלען די לונגען, ס'האַרץ, געקוקט אויף מיר, אַזוי פון דער זײַט, און אַ זאָג געטאָן:

— וואָס, ס'יינגל פּאַסט בײַ אײַך?

— וואָס הייסט ער פּאַסט, פּאַניע פּראָפעסאָר...

— ער פּאַסט, ער פּאַסט — האָט דער דאָקטאָר מיך ניט געלאָזט ענדיקן און זיך צעשריען. — יעדן טאָג גיט אים אַ פרישע שטיקל הינדל, גיט אים פרישע אייער און אַ סך מילך, וועט ער בײַ אײַך ניט קרענקען.

די מוטער האָט פון פרייד אויסגעקושט פישלען, אים דער־לאַנגט אַ טעפּל אויפגעוועלטע מילך:

— ביסט דאָך הונגעריק, קינד מײַנס, נאַ, טרינק אויס.

וואָלף האָט זיך אַוועקגעזעצט איבער אַ שיסל גריץ. ער האָט כמעט ניט געקײַט, געשלונגען די לעפל געקעכץ און זיך באַלעקט אויפן קול. ער האָט אַפילו ניט דערמאָנט, אַז די קאַר־טאָפל זײַנען זיס, שלאָגן צום האַרץ. איינס, צוויי און די שיסל גריץ איז פאַרשוווּנדן. ער האָט אויסגעוויקלט אַ שטיקל פּאַפּיראָס, פאַררויכערט בײַ אַ קויל פײַער און געשמאַק אויסגעשפּיגן:

— אויב אַזוי, באַשע, דאַרף מען טאַקע קריגן אַ צוויי־דרײַ הינדעלעך.

— קריג דערווײַל איינס — האָט ס'ווײַב געשמייכלט. — ווינטער קאָסט ס'ביליגסטע הינדל אַ דרײַ גילדן.

— און איך האָב בײַ זיך קיין דרײַ גראָשן ניט — האָט וואָלף פון פאַרדרוס אַ שפּײַ געטאָן אין פײַער אַרײַן.

— וואָס זאָגסטו, וואָלף, זאָל איך מאָרגן צוגיין צו דער שררהסטע? זי האָט דאָך קיין בייז לב ניט.

— איך וועל אַריבערגיין צום שררה — האָט וואָלף עטלעכע האַסטיקע צי געטאָן. — איך וועל אים אַלץ דערציילן, אַזוי און אַזוי, פּאַניע שררה, אַ קינד קרענקט בײַ מיר אַ גאַנצן ווינטער. מען דאַרף עס צוזען מיט עוף, איך וועל זומער אָפּאַרבעטן, פּאַניע שררה... איך פאַרזיכער דיך, באַשע, אַז ער וועט מיר געבן אַ צוויי־דרײַ הינער.

— קאָנסט דאָ גאָרנישט דערלייגן — האָט ס'ווײַב אָפּגע־זיפצט. — פּרוווּ.

— און איך וועל נאָך הײַנט אַריבערגיין — האָט וואָלף זיך אַ שטעל געטאָן.

— ביסט זיך שוין הײַנט גענוג אָנגעקראָכן — האָט ס'ווײַב זיך געבעטן בײַם מאַן. — און ווער גייט דאָס צו אַ שררה בעטן אַ טובה אין אָוונט?

וואָלף האָט אַרויפגעשלעפּט אויף זיך אַן אויסגעקראָכן שעפּסן פּעלצל, אַרומגעוויקלט די שטיוול מיט שמאַטעס און אַ זאָג געטאָן צום עלטסטן זון:

— הערשל, וועסט מיטגיין מיט מיר אין הויף אַרײַן. פּישל מוז בלי נדר אינדערפרי האָבן אַ שטיקל געקאָכטע עוף.

— נו, זײַט מצליח — האָט די פּאַרטרויערטע מאַמע אַרויס־באַגלייט אירע מאַנסבילן.

וואָלף איז געגאַנגען אויף אַפריער. נאָך אים דער צוועלף־יעריקער הערשל מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס. עס איז געווען שטיל. ס'האָט זיך געהערט ווי דער שניי סקריפּעט, ווי דאָ און דאָרט פּלאַצט אַ צווײַג. אין דער שטילקייט האָט דער פראָסט געביסן. אין דעם וויסטן, ליידיקן הימל איז זיי נאָכגעגאַנגען די לבנה, געשפּרייט פאַר די אויגן גרינלעכע פּאַסן ליכט. פון דער־ווײַטנס, צווישן די ביימער, האָבן פלעמלעך אויפגעטוקט. דאָס האָט זיך שוין געזען דער שררהשער הויף, וואָס האָט זיך געצויגן איבער אַ האַלבער מײַל. די קעלטע, שטעכיקע לופט האָט מיט־אַמאָל מיטגעבראַכט אַ שאַרפקייט.

— טאַטע, שפּירסט? — האָט הערשל זיך אָפּגעשטעלט.

דער פאָטער האָט אַ גוטן צי געטאָן מיט דער נאָז:

— שמעקט מיט טכויר. הפנים מיר זײַנען ניט ווײַט פונם הינערשלאַק.

— אָט זײַנען מיר דאָך בײַם הינערשלאַק — האָט הערשל געוויזן אויף אַ נידעריקער געבײַדע— און ווי שטיל ס'איז בײַ די הינער. דער טכויר האָט זיי אוודאי פאַרטשאַדעט.

אי טאַטע, אי זון האָבן געוווּסט, אַז פאַר גנבענען הינער קאָן מען באַצאָלן מיטן לעבן. מען קאָן אָבער אויך אָפּקומען בלויז מיט אַ פּאָר מינוט שרעק. דעמאָלט וועלן זיי פאַרשפּאָרן צו קלאַפּן אינם שררהס טירן, זיך בעטן בײַ אים, פאַלן צו די פיס, און ווער ווייסט צי דער „הונטצוואָט" קאָן אַמאָל נישט אָפּזאָגן. קאָן ניט דורכטרײַבן מיט בײַטשן און מיט הינט?

וואָלף האָט אַ פּרווו געטאָן דאָס שלעסל בײַ דער טיר. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, זיך אײַנגעהערט און מיט אַ שטיקל

אײַזן האָט ער אָפּגעדרייט דעם „סקיבל". די טיר האָט זיך לײַכט געעפנט און אַ שטאַרקער טכויר־גערוך האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַרײַן. ער האָט געוויזן מיטן פינגער, הערשל זאָל אים געבן ס'זעקל.

וואָלף איז אַרײַן אין הינער־שלאַק, הערשל האָט אָגגעשפּיצט די אויערן, איז געווען גרייט אויפצוכאַפּן דעם ווײַטסטן סקריפּ פון שניי. ס'איז געווען שטיל. די לבֿנה האָט זיך געשאַרט איבער די פעלדער, געשפּרייט גרינלעכע פּאַסן ליכט. אַ האָן האָט זיך געוואָלט פאַרגיין. דער קריי איז אים געבליבן שטעקן אין גרגרת. ס'איז ווידער שטיל געוואָרן. הערשל האָט זיך ניט געקאָנט דער־וואַרטן אויפן פאָטער. ער האָט אינגאַנצן געציטערט, ווי ער וואָלט ניט געשטאַנען און געוואַרט עטלעכע מינוט, נאָר שעהן־לאַנג.

דער פאָטער איז אַרויסגעקומען פון דעם הינער־שלאַק. ער האָט אַריבערגעוואָרפן ס'זעקל איבער די פּלייצעס און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו הערשלען:

— געגאַנגען.

זיי זײַנען געגאַנגען און געשוויגן. אַ שטעכיק ווינטל האָט איצט געבלאָזן אין פּנים אַרײַן, געהויבן פלאַכטעס שניי און אין די אויגן האָבן זיך געצונדן גרינלעכע נעפּלען. די לבֿנה איז זיי נאָכגעגאַנגען. באַשע, אַ טרויעריקע, אַ האַלב־דערפרוירענע, איז געשטאַנען פאַרן שטיבל, אָפּגעוואַרט אירע מאַנסבילן. און אַז זי האָט זיי דערזען, דערזען דאָס זעקל בײַם מאַן אויף די פּלייצעס, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב אײַך געזאָגט, אַז איר וועט קריגן אין הויף אַן עוף, אַז די שְׂרָרהסטע האָט קיין בייז לב ניט.

אַ פּערד־מגפה

ס'איז נאָך געווען גוט פינסטער, ווען זלמן איז אַראָפּ פון בעט. שטייענדיקערהייט איז ער אַרײַן אין די הויזן. דערנאָך האָט ער זיך צוגעזעצט אויפן בעט־פּאַרענטשע און גענומען אַרויפֿציִען די שטיוול. דאָס בעט, דער דיל, די שטיוול — אַלץ האָט געקרעכצט און געסקריפּעט. פון דעם בעט, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער און וווּ ס'ווײַב איז געשלאָפן, האָט זיך געטראָגן אַ צוגעשפּאָלטן און איבערגעשראָקן קול:

— וואָס וועקסטו זיך אַזוי פרי, זלמן?

— ס'טרײַבט מיך פון געלעגער.

— און דו מיינסט, אַז איך האָב אַ גאַנצע נאַכט אַן אויג צוגעמאַכט? — האָט זלמנס ווײַב זיך אַ רוק געטאָן צו דער וואַנט, געמאַכט פּלאַץ פאַרן מאַן, — לייג זיך נאָך אַ ביסל, כ'בעט דיך.

ער האָט ניט געענטפערט. די פינגער האָבן נערוועז געקנעפּלט דעם רויטן שפּענצער, אים געשטופּט אין די הויזן אַרײַן, זיי פאַרצויגן מיט אַ פּאַסעק. ס'ווײַב איז מער ניט צוגעשטאַנען צום מאַן. ביידע האָבן זיך געשראָקן פאַר דער קללה, וואָס איז ניט אָפּגעשטאַנען פון זייער שטוב. אַ פּערד־מגפה האָט געבושעוועט אין פּלאָצקער גובערניע. ווי אַ פּויער, ווי אַ באַלעגאָלע — איז געפאַלן אַ פערד. אויף אַזאַ גזר אָבער, אויף אַזאַ אומגליק האָט זיך זלמן ניט געריכט. פון זײַנע צען פערד זײַנען בלויז געבליבן צוויי. ער האָט מורא געהאַט צו ברענגען עס איבער

די ליפּן. ס'האַרץ האָט אים איינגערוימט, אַז די מגפה האָט שוין ביי אים אויך צוגענומען די לעצטע צווײ פערד.

זלמן איז אַרויס אויפן הויף. צעוואָרפענע שטערן, ווייטע, האָבן זיך געהאַלטן אין לעשן. אין מערב איז נאָך געשטאַנען אַ רעפטל לבנה. דער טוי איז פול געווען מיט בעז־ריחות, מיט שאַרפע פערד־מיסט־גערוכן. זלמן איז געבליבן שטיין צווישן די „דראָנגאָווע" וועגענער. ער האָט געציילט: איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף. היינט קען ער בלויז איינשפּאַנען איין וואָגן. קען ער טאַקע? אַלץ אין אים האָט זיך אַ ציי געטאָן. דאָס רעפטל לבנה איז פאַרגאַנגען. ער האָט אַלץ געוואָלט ביי זיך קלאָר־מאַכן, צי ער קאָן טאַקע איינשפּאַנען אַפילו איין וואָגן.

ערשט נעכטן, דאַכט זיך, איז זלמן נאָך געווען אַ יונג אַן איינרייסער. צו זעכצן יאָר האָט ער שוין אָנגעלאָדן און אויסגעלאָדן וואַגאָנעס סחורה, געפירט משא פון דער באַן אין שטאָט אַריין. באַלעגאָלעס האָבן זיך געשלאָגן איבער אים. ווען אַנדערע יונגען אין זיין עלטער האָבן געאַרבעט פאַרן בלויזן עסן, איז פאַר זלמנען גאָר קיין פּרייז ניט געווען. איין באַלעגאָלע האָט זלמנען אויגעדונגען ביים צווייטן, ווי מען דינגט אויס אַ יום־טובדיקן מפטיר. פון צען גילדן אַ וואָך האָט ער אַרויפגעשרויפט די שכירות ביז פערציק גילדן. אַזאַ געהאַלט האָט דער שטאָט־לערער ניט גענומען.

זלמן האָט ניט אויסגעזען צו זיין אַזאַ איינרייסער, צו זיין אַ יונג אַ גבר. ניט קיין הויכער, ניט איבעריק ברייט אין די פּלייצעס, ניט איבעריק ברייט אין געזעס. ס'פּנים לענגלעך און דאַר. אין די גרויע אויגן — נעפּלען. דערצו האָט ער כמעט ווי ניט גערעדט. די יונגען אַרום דער ראַמפּע, וווּ מען האָט געלאָדן די סחורה, האָבן אָבער געציטערט פאַר אים. מען זאָל פרעגן אַ יונג, פאַרוואָס ער ציטערט פאַר זלמנען, וואָלט ער ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. זלמן האָט זיך קיינמאָל ניט געשלאָגן, ניט דערלאָזט ער זאָל זיך דאַרפן מיט עמיצן שלאָגן. אַז ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, האָט ער אויסגעצויגן זיין רעכטע האַנט, אַ געווײנלעכע האַנט, און אַ זאָג געטאָן צו די יונגען:

— חברה, ווער פון ענק עס וועט אײַנבייגן מײַן האַנט, דער קריגט אַ גילדן. עץ מעגט זיך נעמען צו דער האַנט מײַנער אין צווייען, אין דרײַען, אַפילו אַלע זאַלבאַנאַנד.

די שטאַרקסטע דרײַ יונגען האָבן זיך אַ נעם געטאָן מיט כּוחות. זיי האָבן זיך אָנגעהאַנגען אויף דער האַנט, זי געשטופּט אַרויף, אַראָפּ — די האַנט, ווי אַ פּאַרפּעסטיקטע אײַזערנע שטאַבע, האָט זיך קיין בויג ניט געטאָן, האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן. זלמן האָט ניט געסאָפּעט, ניט געדעכעט, אויסגעזען ווי ער שפּילט זיך מיט די יונגען. בלויז די אויגן, גרויע אויגן, האָבן אַרויס־געפּלעמלט פון די נעפּלען. דער אַרומיקער עולם האָט געגאַפט:

— וואָס זאָגט איר אויף אַזאַ הענטל?

— קיין לויט פלייש ניט.

— ביינער און מוסקולען.

— אויפן בליק זעט ער ניט אויס צו זײַן אַזאַ גבור.

— לייגט ער אָבער, ברודערל, אַ חתימת־יד...

— ברענט עס!

אַזוי איז זלמנס שם געוואַקסן. ס׳איז געגוג געווען זיך צוצוקוקן, ווי ער לאָדט אָן אַ וואָגן מעל, אַ וואָגן זאַלץ, אַ וואָגן נאַפט, מען זאָל ניט בלויז דרך־ארץ קריגן פאַרן יונג, נאָר אויך גרויס הנאה האָבן פון זײַן גבורה. דאָס איז געווען אַ שפּיל מיט פינף־פודיקע זעק, מיט פעסער נאַפט.

צו צוואַנציק יאָר האָט זלמן חתונה געהאַט. ער איז געוואָרן באַלעבאָס פאַר זיך — האָט געטראַסקעט צו דער ראַמפּע אויף אַן אייגענעם דראַגנאָוון וואָגן. אַ צווייטן יונג וואָלט עס אַזוי לײַכט ניט אָנגעקומען. אין שטאָט זײַנען סײַ־ווי־סײַ געווען צופיל באַלעגאָלעס. זלמנען האָט מען קיין וואָרט ניט געזאָגט. מען האָט זיך גאָר געגרויסט מיט אים. צום יאָר, ווען ס׳ווײַב האָט אים געבוירן אַ זון, האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ גבאַי פונם באַלעגאָלישן בית־המדרש. ווי אַלע באַלעגאָלעס האָט זלמן אויך ניט געהאַלטן פאַר קיין חטא אונטערצושלאָגן בײַם אויסלאָדענען וואַגאָנעס — אַ זעקל מאַנדלען, אַ זעקל ניס, אַ פעסל שמאַלץ־הערינג. זלמנס שטוב איז געווען אָנגעפילט מיט כּל־טוב. חברים

זיַינען צו אים געגאַנגען. מען האָט ליב געהאַט זלמנען, מען האָט ליב געהאַט זלמנס וויַיב. זי האָט אויסגעזען גאָר יונג. האָר — שוואַרצע, געדיכטע, די הויט — גלאַטיק און מאַט. און די אויגן — קליינע, ליכטיקע, האָבן אויף קיין מאַנסביל ניט געקוקט. דערפאַר האָט זי שטענדיק צעשטעלט אַ טיש מיט כיבוד. ווי מען האָט נאָר אַריבערגעשמעקט די שוועל, האָט זי שוין געשטעלט אַ שנאַפּס, הערינג, אייערקיכלעך. אין מען זיך פאַרזעסן—האָט זי דערלאַנגט טיי, ניס, מאַנדלען, טייטלען. אַזוי איין יאָר, צוויי יאָר, דריַי יאָר. זלמן איז ניט בלויז געווען דער אָנגעזעענסטער בעל=עגלה, ער איז אויך געוואָרן דער ריַיכסטער. פאַר די דריַי יאָר האָט ער צוויי מאָל געלאָזט איבערבויען דאָס פערד=שטאַל, ווו עס זיַינען געשטאַנען צען פערד, ווי די לייבן. פיר יונגען האָבן ביַי אים געאַרבעט. מיטן שפּראָך=אויף=טאָג, אַחוץ שבת און זונטאָג, האָבן פינף געשפּאַן זיך געטראָגן פון זלמנס הויף צו דער ראַמפּע.

ציַיט אָבער די פערד=מגפה האָט געבושעוועט און אין איין חודש זיַינען ביַי אים אַכט פערד געפאַלן, האָט זיך אין זלמנען עפּעס גענומען איבעראַנדערשן. ער איז געווען פון די פאַרשוויגענע, וואָס ווען זיך גיכער ברעכן, איידער בויגן. און זלמן האָט זיך ניט געבויגן. ער האָט אָנגעהאַלטן שטאַט ווי פריִער. די יונגען האָט ער ניט אַוועקגעשיקט, זיי געצאָלט שכירות, זיך געקליבן קויפן אַנדערע פערד. ס'האָט אים אָבער געאַרט, וואָס גאָט האָט זיך דווקא אויף אים אָנגעזעצט. דער ברייט=בייַניקער הערשל האָט אויך אַכט פערד, זרח — זעקס, פיַיוועקע — זיבן. ביַי זיי אַלע איז געפאַלן בלויז צו פערד, און ביַי אים, ביַי זלמנען — אַכט שטיק. פאַרוואָס? ער געדענקט ניט דעם שבת, ס'זאָל ביַי אים ניט זיַין קיין אורח. ווער שנודרט נאָך מיט אַזאַ ברייטער האַנט, ווי זלמן? און ציַיט ער איז גבאַי, האָט דאָך ס'בית=המדרש באַקומען אַן אַנדער פּנים, ס'זעט אויס ווי ניַי. דערפאַר שטראָפט גאָט?

זלמן האָט זיך געדרייט צווישן די ווע געגנער. פון פערד=שטאַל האָט זיך געטראָגן אַ פאַרבענקט הירזשען. דאָס האָט דער „שימעל" געהירזשעט. זלמן האָט געוואַרט די קאָבילע זאָל אים ענטפערן. זי האָט ניט געענטפערט. דעם שימעלס הירזשען איז

איבערגעגאַנגען אין אַ געוויין. ס׳האָרץ ביי זלמנען האָט זיך אַ הייב געטאָן, אים ניט געלאָזט אין שטאַל אַריין. ער האָט זיך צעפּיפּט, הייך, העכער, געוואַרט די קאָבילע זאָל אים ענטפערן. געענטפערט האָט דער שימעל. ס׳האָט פון אים אַרויסגעשריגן:

— נאָך אַ פגר!

ער איז אַריין אין פערד־שטאַל. די קאָבילע איז געלעגן אויפן רוקן. די שטייפע פיס, ווי קראָקוועס, אין דער לופטן. דער שימעל איז געשטאַנען איבער דער טויטער קאָבילע. דאָס פיסק אָפן, די רויטלעכע נאָזלעכער צעפּאָרן, און די אויגן, גרויסע אויגן, האָבן זיך געשפּאַרט פון קאָפּ. דער שימעל האָט דערזען דעם באַלעבאָס און זיך צעוויינט, ווי אַ קינד וואָלט געהעשעט.

זלמן איז צו צום שימעל. ער האָט אים אַ גלעט געטאָן איבער די באַקעס, האָט אים אַ נעם געטאָן פאַר דער מאָרדע, זיך צערעדט:

— הער, גאָט, קיין טובות פון דיר וויל איך ניט. האָסט זיך אָנגעזעצט אויף מיר, האָסט מיר אַוועקגעהרגעט ניין פערד, ווילסט מיך מאַכן פאַר אויס קאַפּעליוש־מאַכער — מאַך. פון היינט אָן זיינען מיר אויס מחותנים. כ׳דאַרף ניט דיינע טובות, גאָט, דיין עשירות אויך ניט. און אויב דו דאַרפסט טויטע פערד, נאַ דיר נאָך איינס, נאַ!

זלמן האָט אַ הייב געטאָן די פויסט, זי אַראָפּגעלאָזט איין־מאָל, נאָכאַמאָל דעם שימעל צווישן די אויגן. דאָס פערד האָט גיך אַ וואַקל געטאָן, געקוקט אויפן באַלעבאָס און איז אַוועק־זעפאַלן אויף דער קאָבילע.

זלמן איז אַרויס פון שטאַל. אין מזרח האָט שוין געטאָגט.

אויף סמאָטשע גאַס

מיטן גרויען פאַרטאָג איז לייזער אָנגעפאָרן מיט זײַן וועגעלע קוילן אויף סמאָטשע גאַס. די טויערן פון ביידע זײַטן גאַס זײַנען שוין געווען האַלב אָפן און ס'אָרעמקייט האָט זיך געשאָטן אין גאַס אַרײַן. זעקל=יידלעך, וואָס האָבן אויפגעקויפט אויף די וואַרשעווער גאַסן שמאַטעס, לאַכעס, האָבן דאָ, אויף זייער אייגענער גאַס, אויסגעפּרובירט די העלדזער, זיך סתם צעשריען: „אַלטוואַרג קויף איך, אַלטוואַרג". שנײַדערס, שוסטערס— די פאַרשמאָלצנע טלית=זעק אונטער די אָרעמס — זײַנען שוין צוריקגעלאָפן פון דאַווענען. איינער האָט געקויפט אַ בינטל יונגע ציבעלעס, אַ צווייטער — אַ בינטל ראש=חודש=רעטעכלעך. די באַלמעלאָכעס האָבן זיך געאײַלט אַהיים, ווו די אָנבײַסנס זײַנען שוין געשטאַנען גרייט אויף די וואַרשטאַטן.

לייזער האָט פעסט פאַרצויגן די לייצעס און ס'פערד=און=וועגעלע האָבן זיך באַרג=אַראָפּ אָפּגעשטעלט. ער האָט אַראָפּגענומען פון וואָגן אַ זאַק קוילן און זיך געלאָזט דערמיט אין אַ הויף אַרײַן. דעם זאַק קוילן האָט לייזער געטראָגן צום שכן זײַנעם, וואָס ס'האָט אים געטראָפן אַ גרויס אומגליק, ס'איז בײַ אים געשטאָרבן אַ יעריק קינד. פון קעלער=שטוב האָט אַ שלאָג געטאָן מיט יאָדעפאָרם, מיט בית=עולם. לייזער האָט געלאָזט ליגן דעם זאַק קוילן אינם פינסטערן קעכל און אַליין האָט ער אַרײַנגעקוקט אינם צווייטן חדר. אויף איין בעט זײַנען געשלאָפן די קינדער.

צוקאָפּנס — צוויי יינגלעך; צופוסנס — דריי מיידלעך. אינם צווייטן בעט איז די מוטער געלעגן אין די קליידער, געלעגן איינגעדרייט ווי אַ בייגל און געהעשעט פון שלאָף. דער פּאָטער איז געזעסן לעבן קינד, וואָס איז געלעגן אין אַ שוואַרץ בערגע־לע אויפן דיל. דאָס ליכט, וואָס האָט געברענט אין אַ גלעזערן לייכטערל, האָט געדיכטער געמאַכט די שאָטנס, איבערגעטראָגן ס'קינד אויף דער וואַנט אַרויף. ס'בערגל האָט זיך געטרייסלט, אויסגעזען, אַז ס'וועט יעדע רגע זיך אַראָפּגליטשן פון דער וואַנט.

לייזער איז צוגעגאַנגען צום שכן, האָט זיך אַ בויג געטאָן איבער אים:

— הער, פּישל, אַרום נײַן אַזייגער זאָלסטו צולויפן אין דער גמינע אַרײַן נאָך אַ טויטן־קוויטל.

צען אַזייגער האָט לייזער שוין געהאַט אָפּגעלייגט ס'פורל קוילן. ער איז אַרײַנגעפאָרן צו זיך אין הויף אַרײַן, האָט אויף גיך אויסגעשפּאַנט ס'פערד, עס אַרײַנגעפירט אין שטאַל אַרײַן און פאַרמישט אַן אָברעק. אַן אויסגעשמירטער, מיט טיפע, שוואַר־צע רייפן אונטער די אויגען, איז לייזער אַרויס פון שטאַל. די שוואַרצע האָר צעפּאַטלט, די נאָך שוואַרצערע באָרד צעפּאַטלט. ס'דאַרע פּנים מיט די שפּיציקע באַקן־ביינער, ווי ביי אַ יאַג־הונט. ער האָט פאַרשלאָסן דאָס פערד־שטאַל און געפינטלט ער־געץ אינם פרימאָרגן אַרײַן, וואָס האָט געאָטעמט אי מיט ניי־לעבן, אי מיט טויט.

דער ניין־יעריקער שמחה, דעם שכנס עלטסטער יינגל, איז אָנגעקומען פון הויף־פּליגל. לייזער האָט אים אָפּגעשטעלט:

— ווו איז דער טאַטע? ער איז שוין צוריקגעקומען?

— ער איז צוריקגעקומען אָן אַ טויטן־קוויטל.

— פאַרוואָס?

— זיי ווילן געלט.

— געלט ווילן זיי? אַ לופט זיי אין די אויגן, די קהילה־גראַבלערס!

ס'איז אונטערגעקומען שמחהס פאָטער. ס'פּנים אָן מראה. די באַקן, די ליפּן, בלוילעך, ווי לונג, און ס'געשטעל — הויט און ביינער — געבויגן. בלויז די אויגן, גרויע, גרויסע אויגן, האָבן געפיבערט. ער האָט צענומען בײדע הענט, איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, אַ דערשלאָגענער, געשטאַנען אַזוי אַ ווײַל, דער־נאָך האָבן די אויגן, די הענט, ס'גאַנצע געשטעל זיך געביטן בײַם שכן:

— וואָס הייבט מען אָן טאָן? כ'האָב נישט קיין גילדן בײַ דער נשמה, און דאָ פאַרלאַנגט מען דרײַסיק גילדן פאַר אַ טויטן־קוויטל. ווו וועל איך עס נעמען?

— ווּעסט זיי געבן ס'חולי־מעים מיט ריפּקוכן!

— וועלן זיי נישט מקבר זײַן!

— זיי וועלן מקבר זײַן, די גאָרגל־שנײַדערס!

— אָן געלט?

— יאָ, אָן געלט!

דעם שטילן לייזער, וואָס איז נישט בלויז מיט מענטשן, נאָר אַפילו מיט פערד, איז ער זיך ס'גאַנצע לעבן באַגאַנגען מיט גרויס אײַנזעעניש, דעם לייזער האָט איצט די נכפּה געגעסן. דאָס שוואַרצע, אויסגעשמירטע פּנים איז נאָך איצט פינסטערער גע־וואָרן. די ברעמען — צעבערשטלט און אין די אויגן — רציחה. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם שכן אין אַ זײַט, אים קיין סוד נישט אײַנגערוימט, נאָר זיך צעשריען:

— פישל, נעם ס'קינד און קום מיט מיר אין דער גמינע!

— ס'טויטע קינד?

— יאָ, סטויטע!

— און די מוטער?

— זאָג איר, אַז מיר וועלן ס'מתל צוריקברענגען.

לייזער האָט ערגעץ דערטאַפּט אַ הילצערן קעסטל, אַ שמאָלס, אַ לענגלעכס. ער האָט ס'קעסטל אויסגעבעט מיט אַ שוואַרצער פלאַכטע, אַרײַנגעלייגט אַהין ס'קינד און ווי אַ קברן עס אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם. די מאַמע מיט די קינדער האָבן קיין צײַט נישט געהאַט זיך אַנטקעגנצושטעלן. זיי האָבן זיך אַ לאָז

געטאָן נאָך לייזערן ביז איבער דער שוועל, זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ פאַרשפּיצט געשריי, און אַזוי זײַנען זיי געבליבן שטיין, פּאַראַליזירטע מיט גלעזערנע אויגן.

לייזער האָט געשפּאַנט אויף אַפריַער. נאָך אים — פישל. זיי האָבן כמעט ווי נישט גערעדט. נאָר דאָרט, ווּ אויטאָמאָ=בילן און לאַסט=וועגענער זײַנען פאַרלאָפן דעם וועג און מען האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן, בלויז דאָרט האָט לייזער געהאַלטן אין איין איבערחזרן, ווי ער וואָלט זיך אַליין מער פאַרזיכערט, ווי פישלען:

— זיי וועלן מקבר זײַן! זיי וועלן! אַזוינע גאָרגל=שנײַדערס! אַזוינע ווייצענע הינטנס!

דאָס גמינע=פעדערהויז איז געווען געפּאַקט. לייזער איז אַרײַן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דער המון האָט זיך גענומען פונאַנדעררוקן, אים דורכגעלאָזט און איינער האָט זיך געפרעגט בײַם אַנדערן:

— וואָס זאָגט עס צו דער בהלה?

— צום געלאַף?

— אָסור דעם מלאך=המוות שטעפּעט!

לייזער האָט מיט דער לינקער האַנט אַ מאַך געטאָן צו פישלען. דאָס אויסגעשמירטע פּנים איז לענגער געוואָרן און די אויגן האָבן געהאַט צו זאָגן:

— ווּ? ווּ זיצט ער, דער קוויטל=געבער?

— דאָרט, — האָט פישל געוויזן מיט אַ פינגער, — אָט יענער אין די ברילן.

לייזער האָט נישט געוואַרט, מען זאָל אים פרעגן, וואָס ער וויל. ער האָט זיך אַ שאַר געטאָן צו אַ טיש באַשלאָגן מיט טונקל=בלויען טוך. האָט ער אַוועקגעשטעלט ס'קעסטל? האָט ער אַראָפּגענומען ס'צודעקל? ער האָט אַ רוק געטאָן ס'קעסטל מיטן טויטן אָפּגעדעקטן קינד צום פאַרשוין אין די ברילן און ס'קול זײַנס, אַ פרעמדס, האָט געציטערט:

— בײַ מײַן שכן (און ער האָט געוויזן אויף פישלען) איז געשטאָרבן אַ קינד. מײַן שכן איז אַ גרויסער אָרעמאַן. ער האָט

נישט פאַר די לעבעדיקע קינדער אויף קיין ברויט. בעט איך אײַך, הער לעבן, איר זאָלט אים אַרויסגעבן אַ קוויטל אָן געלט.

דער פאַרשוין האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, געוואָלט וואָס ווײַטער זײַן פון טויטן קינד, און די נאָז הינטער די ברילן איז דינער און לענגער געוואָרן. ער האָט באַטראַכט לייזערן, דערנאָך פישלען און מיט אַ בייזן אימפּעט האָט ער אַ שאַר געטאָן פון זיך ס׳קעסטל.

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז אַ טויטן־קוויטל גיבן מיר נישט אומזיסט!

— און איך זאָג, אַז איר וועט יאָ געבן ס׳קוויטל אומזיסט!

— האָט לייזער צוריקגעשאַרט ס׳קעסטל צום פאַרשוין.

— איר וועט מיך אפשר נייטן? — האָט דער פאַרשוין אַ רוק געטאָן פון זיך ס׳קעסטל און פון אויפרעגונג זיך געטרייסלט אין גאַנצן.

— יאָ, כ׳וועל דיך נייטן! — האָט לייזער מיט אימפּעט אַ שאַר געטאָן ס׳קעסטל צום פאַרשוין.

— וועט מען טאַקע זען!

דער פאַרשוין האָט געוואָלט אַ שאַר טאָן פון זיך ס׳קעסטל מיטן טויטן קינד. לייזערס האַנט, אַן אָפּגעאַרבעטע, אַ שווערע, איז געבליבן ליגן אויפן קעסטל מיט אַזאַ משא, אַז דער גמינע־אָנגעשטעלטער האָט עס נישט געקאָנט רירן פון אָרט. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט אַ רגע, צוויי, דרײַ. לייזער האָט אים איבערגעשריען:

— הינטישער זון, דו! וועסט זיך וואַרפן מיט אַ מת?

דער גמינע־אָנגעשטעלטער האָט געוואָלט אַ קוועטש טאָן ס׳עלעקטרישע קנעפּל, וואָס איז געווען אויפן טיש, געוואָלט רופן וועמען צו הילף. ער האָט קיין מוט נישט געהאַט. לייזער האָט אים שוין מיט איין האַנט געהאַלטן פאַרן גערדיק, געזען ווי ברילן פאַלן אויפן דיל, ווי אויגן קריכן פון קאָפּ, ווי אַן אַרויסגעבלעקטע צונג פלאָנטערט זיך איבער בלויע ליפּן:

— הינטישער זון, דו! וועסט זיך וואַרפן מיט אַ מת?

אויף קראָכמאַלנע גאַס

רבקהלע האָט זיך געווישט די אויגן, וואָס זײַנען געווען טרוקן ווי פֿײַער און האָט שטאַרק געליטן פֿאַרוואָס זי וויינט נישט. די שטוב איז געוואָרן הפקר. שכנים, ווײַטע קרובים און סתם מענטשן פֿון דער גאַס זײַנען געגאַנגען, זײַנען געקומען. דער פֿאָטער, וואָס האָט שוין יאָרן ניט געאַרבעט, וואָס האָט זיך יאָרן אַרומגעדרייט, ווי אויפֿן עולם־התוהו, איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און אויף שטום־לשון אײַנגעטענהט מיט זיך. ס׳פּנים — אָן מראה. די גלעזערנע אויגן — אויסגעלאָשן. בלויז דאָס געלב־לעכע בערדל, אַ ווילדס, וואָס האָט זיך געהויבן אין מויל אַרײַן, האָט געהאַט טענות צום אַרומיקן עולם:

— נו, טאַקע, וואָס איז מען זיך צונויפֿגעלאָפֿן ווי אויף אַ בייז וווּנדער? און אַז ס׳ליגט אַ מת אין שטוב, ווערט שוין אַלץ הפקר? אויס מאַן, אויס טאַטע, אויס קינדער? לאה, וואָס האָט מיט אַ וואָך צוריק זיך אַרומגעשלעפּט איבער די וואַרשעווער גאַסן מיט אַ קאָש פּלעצלעך, געשפּײַזט די קינדער, זי, לאה, איז געשטאָרבן און ער, משה, וואָס איז שוין יאָרן אַ מת, לעבט! לעבט ער טאַקע?

ער האָט אַרײַנגעלאָזט צוויי פֿינגער אין דעם געדיכטן בערדל און גענומען אויף גיך רײַסן אַ האָר נאָך אַ האָר. פֿונם ווייטאָג האָט בײַ משהן אין קאָפּ, ווו עס איז שוין חדשים געזעסן אַ פֿינסטערע מרה־שחורה, גענומען אויפֿטוקן אַ פֿאַסיקל ליכט. ער

האָט געוואַרט מען זאָל אים אויך הייסן עפּעס טאָן, מען זאָל כאָטש אים שיקן אַ גאַנג. קיינער איז צו אים נישט צוגעגאַנגען. עס איז גענוג געווען אַ קוק צו טאָן אויף אים מען זאָל זיך אָנשטויסן, אַז דער מענטש האָט אַ ריץ אין קאָפּ, אַז די גלעזערנע אויגן בליקן אין אַן אַנדער וועלט אַרײַן. און מען האָט אים אויסגעמיטן.

דער עולם, וואָס האָט זיך געדרייט אַרײַן און אַרויס, האָט זיך געהאַלטן אין איין איבעררײדן מיט רבקהלען, וואָס איז נאָך נישט אַלט געווען קיין דרייצן יאָר. אַ דינע איז רבקהלע געווען, אַ הויכע, אַזוי הויך פֿאַר אירע יאָרן, אַז די שמאָלע פּלייצעס האָבן זיך געבויגן, ווי אַן איבערגעלאָדן ברעטל. דער מוטערס טויט האָט צעשטערט אַלע אירע פּלענער. איצט וועט זי שוין ניט ענדיקן די פֿאָלקס-שול, וועט שוין ניט פֿאָרן אין סאַנאַטאָריום אַרײַן אויף קיין פֿיר וואָכן. און וויפֿיל רבקהלע האָט צעבעט מען זאָל זי שיקן אויף פֿיר וואָכן אין סאַנאַטאָריום אַרײַן! זי איז כּמעט יעדן טאָג נאָך שול געווען בײַ דער לערערין, וואָס האָט געוווינט אויפֿן זעלבן הויף. זי האָט צעוואַשן בײַ דער לערערין ס'געפּעס, צעוואַשן דעם דיל, איז געלאָפֿן אַ גאַנג. און אַז דער פֿאָטער האָט געהאַט אַ ריץ אין קאָפּ, און אַז די מוטער, אַ קראַנקע, האָט זיך גאַנצע טעג אַרומגעשלעפּט מיט אַ קאָש פּלעצלעך, און אַז די צוויי קליינע שוועסטערלעך זײַנען אַ גאַנצן ווינטער געזעסן אין שטוב, ווײַל זיי האָבן ניט געהאַט קיין שיך — דאָס אַלץ האָט רבקהלע דערציילט דער לערערין, דערציילט מיט טרערן אין די אויגן. און אַז רבקהלע האָט געהאַט אַ דין, הייזעריק הוסטל, — דאָס האָט זי שוין דער לערערין ניט געדאַרפֿט דערציילן. און איצט — אויס שול, אויס סאַנאַטאָריום. זי האָט וועגן דעם אַלעם ניט געטראַכט, אַפֿילו ניט געטראַכט, וואָס ס'וועט זײַן מיטן פֿאָטער, מיט די צוויי קליינע שוועסטערלעך. זי האָט געהאַט איין שטאַרקן באַגער, — ניט דערלאָזן מען זאָל באַגראָבן די מאַמע אין פּראַגע, אויפֿן בית-עולם פֿונעם „חסד של אמת". זי האָט אַרײַנגעטענהט אין אַ ווײַטן קרוב, ווו דורך דער אויבערשטער צעשפּאָלטענער ליפּ האָט בײַ אים אַרויסגעשטאַרט אַ פּאַר-

וואָרלאָזטער צאָן באַוואַקסן מיט אַ וואָנצע. רבקהלע האָט זיך בײַ אים געבעטן:

— די מאַמע האָט זיך פאַרדינט זי זאָל ליגן אויף געגנשער בית־עלמין.

— אויף געגנשער, רבקהלע, קאָסט געלט, — האָט דער קרוב שוין עטלעכע מינוט געטענהט זײַנס, — און דאָ טראַכט איך, ווו צו נעמען פאַר דער מאַמען אויף תכריכים.

— ווו מען וועט נעמען אויף תכריכים, וועט מען אויך נע־מען אויף אַ שטיקל קרקע — האָט רבקהלע געטענהט אירס.

— און דו, רבקהלע, מיינסט טאַקע, אַז ס'איז אַזאַ גרויסער חילוק, ווו מען לייגט דעם מת? — האָט די צעשפּאָלטענע ליפּ בײַם קרוב זיך ברייטער צעשפּיגלט. — גלויב מיר, אַז די קבצנים, וואָס רוען אויפן פּראַגער „חסד של אמת", זײַנען בײַ מיר חשובער ווי די געגנשער געלט־זעק.

— און איך וועל ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל די מאַמע מײַנע לייגן אין פּראַגע — האָט רבקהלע זיך אַ שאַר געטאָן פונם קרוב, בדעה געהאַט אַריבערצוגיין אין דער וואַרשעווער גמינע מיט אירע טענות און ניט באַמערקט, ווי איר פאָטער איז צוגעקומען.

דער פאָטער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. דאָס וואָס ס'איז בײַ אים אין מוח מיט אַמאָל ליכטיק געוואָרן נאָך אַזוי פיל חדשים מרה־שחורה, דאָס האָט אים שטאַרק אָפּגעשוואַכט. ער האָט געהאַלטן מיט דער טאָכטער, גערעדט צו איר אויף שטום־לשון, דערציילט, אַז ער, משה, איז אַ געבוירטיקער אַ וואַר־שעווער, זײַן טאַטע, זײַן זיידע זײַנען וואַרשעווער, וועט ער ניט דערלאָזן מען זאָל לאָזן פירן קיין פּראַגע. ער האָט אומדערוואַרט אַ צעגעם געטאָן די הענט און די ווערטער זײַנען בײַ אים אַרויס־געפאַלן ווי אַ באַפעל:

— וואַרשע איז ניט חולה צו לייגן לאָזן אויפן געגנשער בית־עלמין!

דאָס וואָס משה האָט זיך צערעדט און גערעדט צו דער זאַך, דאָס איז בײַ אַלעמען געווען אַן איבערראַשונג. מען האָט אין דעם געזען אַ געהיימען צייכן, אַז לאָזן וועט מען קיין פּראַגע שוין ניט פירן. אַ שכן האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— ר'האָט דאָך צוריק באַקומען ס'לשון.

— וואָס איז ס'חידוש? אַזאַ אומגליק וואָלט אַפילו אַ שטיין צעטרייסלט.

— גאַנץ מעגלעך, אַז ער וועט שוין איצט בלײַבן בײַם קלאָרן זינען.

— הלוואי.

— רבקהלע, ווי רבקהלע, נאָר די צוויי קלענערע קינדער דאַרפן אַ טאַטע.

אין דער טיר איז געשטאַנען רבקהלעס לערערין — אַ פאַר־חושכט מיידל אין די יאָרן. זי האָט פאַרקוועטשט די ליפּן, אַבי זיך ניט מונאַנדערצוווייַנען אויפן קול, און זיך געווישט די אויגן. רבקהלע איז אונטערגעקומען. די באַקן, די ליפּן — אַלץ האָט בײַ איר געשרפעט, טריקענער געווען, ווי פײַער. ס'קול, וואָס האָט קיין ציטער ניט געטאָן, איז געווען באַפעלעריש:

— לערערין, ווו גייט איר? אין שולע אַרײַן?

— יאָ, רבקהלע.

— בעט איך אײַך, לערערין, איר זאָלט אָפּטרעטן אין דער גמינע און זיי זאָגן מען זאָל די מאַמע לייגן אויפן געגנשער בית־עולם, ניט אויף פּראַגער. איר זענט דאָך זייערע אַ לערערין, וועט איר בײַ זיי פּועלן. זאָגט איר מיר צו?

די לערערין האָט זיך פאַרלוירן פאַר איר שילערין. איז דאָס געווען די זעלבע רבקהלע, וואָס האָט כמעט יעדן טאָג צע־וואַשן בײַ דער לערערין ס'געפּעס, צעוואַשן דעם דיל, איז געלאָפן אַ גאַנג? און אַלץ דערפאַר, אַז זי, רבקהלע, זאָל קאָנען פאָרן אויף פיר וואָכן אין סאַנאַטאָריום אַרײַן? און איצט, אַז ס'איז אויס סאַנאַטאָריום, איז געשטאַנען פאַר דער לערערין אַן אַנדער רבקהלע. פון וואַנען אַזאַ פעסטקייט? האָט דאָס אויסגעשמידט די נויט, דער הונגער? די לערערין האָט אַרומגענומען די תלמידה, ווי מען נעמט אַרום אַ חברטע, וואָס איז איר אַן אומגליק געשען:

— יאָ, רבקהלע, כ'וועל אַריבערגיין, נאָר צי די גמינע וועט זיך צוהערן צו מיר, ווייס איך ניט.

— זי וועט זיך צוהערן, לערערין, איז דאָס מיידל געווען זיכער, אַז די לערערין וועט אַלץ פועלן.

— אין דער גמינע זיצן דאָך יידן, ניט קיין גזלנים, — האָט אַ יידענע מיט שמייליק פּנים זיך צערעדט — און אַז ס'איז שוין דערגאַנגען צו אַ מת, וועט איר בײַ יידן אַלץ פּועלן.

— אַ שווערע חברה אין דער גמינע!

— קברנים!

— באַגרעבער!

— געשמדטע העלדזער!

— ווי אַלע חברה־קדישא־לײַט!

— מען זאָל זיי ניט קענען, רבונו של עולם!

— און מען זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו זיי!

— מיר וועלן ניט אָנקומען צו זיי, — איז רבקהלעס פּאָטער אַרײַן אין די רייד — מיר וועלן קויפן בײַ דער גמינע אַ קרקע.

— ס'קומט טאַקע פון משהן, אָבער ס'איז גאָר ניט קיין קרומע זאַך!

— פּאַר פופציק גילדן קריגט מען אַ קרקע.

— און פּאַר פינף און צוואַנציק אויך.

— ס'זאָל ניט זײַן קיין חילול המת, איז כדאי צו קויפן.

פונם עולם האָבן זיך אויפן אָרט אויסגעטיילט צווי פּאַר־שוין — אַ מאַנסביל מיט אַ טיכל אין דער האַנט און אַ יידענע מיט אַ טיכל אין דער האַנט.

— איך גיב צוויי גילדן פּאַר מצוות המת, — האָט דער ייד אויסגעשריען מיט אַ „צדקה תציל ממות"־ניגון.

— און איך גיב דרײַ גילדן,—האָט די יידענע נאָכגעניגונט.

דער „צדקה תציל ממות"־ניגון האָט צוגענומען בײַ רבקהלען די זיכערקייט. די יסורים־פרייד, וואָס איז געקומען פון אַ גרויסן בראָך, האָט רבקהלען אַזוי צעטרייסלט, אַז זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן פּאָטערס אַקסל. אירע שמאָלע, געבויגענע, פּליי־צעס זײַנען שמעלער געוואָרן, האָבן זיך געקאָרטשטעט און אַ ציטער האָט זיך געטראָגן איבערן גאַנצן גוף, אים צעטרייסלט.

פ י ש

שפּעט נאָכמיטאָג, צו-אָוונט-צו, איז פּנחס דעם פישערס אָנגעלאָפן מיטן פאַרפרוירענעם טײַך אויף אַ פּאָר פינקלדיקע גליטשערס. די ליפּן זײַנען בײַ אים געווען רויט, די באַקן — רויט, די אויערן — רויט, די אויגן און ס'דינע וואָנצעלע אויף דער אויבערשטער ליפּ — שוואַרץ, פּעך-שוואַרץ. ס'באַראַנקאָווע היטל האָט זיך בײַ אים ווילעריש אַ רוק געטאָן אויפן רעכטן אויער. ער האָט זיך געוויגט איבערן אײַז און די פיר שפּאָרע העכט מיט די געפרוירענע אויגן, וואָס זײַנען געהאַנגען פון ביידע זײַטן לינקן אַקסל, האָבן זיך מיט פּנחסן מיטגעוויגט. דאָס האָט ער געטראָגן אויף שבת פיש אין הויף אַרײַן. דער פאַרפרוירענער טײַך איז פאַרבײַ געלאָפן די הויפישע טאָפּלטע פענסטער וווּ צווישן די שויבן איז דער גרינלעכער מאָך געווען דורכגעוואָרפן מיט קאָלירטע שטיקלעך וואַטע. דער נײַנצן-יעריקער פּנחס האָט פון גרויס רחבות אַזש צעקנעפּלט דאָס האַלבע שמוישענע פּעלצל און וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען צו די הויפישע פענסטער, אַלץ העכער האָט ער זיך צעפּײַפט. דער פישער האָט געהאַט ייִנגערע זין, וואָס האָבן יעדן דאָנערשטאָג געקאָנט צעטראָגן די פיש אין הויף אַרײַן. געטאָן האָט עס אָבער פּנחס. ס'האָט אים געצויגן צום דינסטמיידל, וואָס האָט זיך געררויטלט, ווען פּנחס האָט געקוקט אויף איר. און אַז זי האָט געוויגן די פיש, האָבן זיך בײַ איר די הענט געטרייסלט, און ס'איז שטענדיק

אויסגעקומען מיט אַ פונט, מיט אַנדערהאַלבן פונט מער. און אַז פּנחסעס שוואַרצע אויגן האָבן זי דורכגענומען, האָבן אירע פינגער, פאַרלוירענע, זיך גענומען שאַרן איבער דער בלוזקע, צי אַ קנעפּל איז אַמאָל ניט אָפּן. זי האָט אָפּגעצויגן ס'קליידל, האָט זיך פאַרריכט די האָר און פון דער זײַט אַ קוק געטאָן אויף פּנחסן מיט אַ פּאָר צעבליטע אויגן, וואָס האָבן געהאַט צו זאָגן:

— לאָמיר זיך טרעפן בײַם מעלקן די קי.

זי האָט עס אָבער ניט געזאָגט. זי האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אין דער שטיל אָפּגעזיפצט. און אַז פּנחס איז אַוועק, האָט זי זיך געשוווירן מיט כּלערליי שבועות, אַז זי האָט אים ליב, שטאַרק ליב, אַז פּנחס איז דאָס שענסטע און באַטעמטסטע ייִנגל, אַז זי, לאה, וועט זײַן גליקלעך מיט אים.

פון דערווײַטנס האָט פּנחס שוין באַמערקט לאהן אין פענסטער. ער האָט גענומען אויסשנײַדן האַלבע קרײַזן, זיך געבומען דרייען פון איין פוס אויפן צווייטן. און מיטאַמאָל האָט ער זיך צעיאָגט איבערן אײַז, גיך, גיכער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַרויסשפּרינגען פון טײַך, און אין סאַמען אימפּעט איז ער געבליבן שטיין אויף איין פוס און גענומען אויסשנײַדן אַן אַכט. דאָס האָט ער זיך געוואָלט איבערנעמען פאַר לאהן. און לאה? לאה איז צוגעפּאַלן מיטן הייסן פּנים צו דער פאַרפרוירענער שויב און האָט זיך אײַנגאַנצן געטרייסלט.

פּנחס האָט אַראָפּגענומען די גליטשערס. און אַזוי — אויף איין אַקסל די פיש, אויפן צווייטן די גליטשערס — האָט ער זיך געלאָזט אין קיך אַרײַן.

— גוטן אָוונט, לאה — האָט ער מיטן גראָבן פינגער אַראָפּגענומען פונם אַקסל ס'בינטל פיש און עס אַ שטעק געטאָן לאהן, וואָס איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— פּנחס — האָבן אירע פינגער גענומען לויפן איבערן קלייד, איבער דער בלוזקע, איבער די האָר, און ס'איז געווען קאָנטיק, אַז זי ווייסט ניט וואָס פריִער צו זאָגן — די מאַדאַם האָט זיך שוין געפרעגט אויף דיר. וואַרט דאָ צו אַ ווײַל, כ'וועל בלויז ווײַזן די פיש דער מאַדאַם.

פּנחס האָט שפּילעווידיק איר פֿאַרשטעלט דעם וועג און זי אַ נעם געטאָן פֿאַר אַ האַנט. די האַנט, אַן אויסגעאַרבעטע פֿון מעלקן קי, פֿון שיילן קאַרטאָפֿל, פֿון שלעפּן טעפּ, האָט בײַ פּנחסן אויסגעזען קליין און ווייך. לאה האָט כּלומרשט אַ ריס געטאָן די האַנט, אָבער די אויגן, וואָס זי האָט אַ הייב געטאָן אויף פּנחסן, האָבן אַלץ צוגעזאָגט. דער יונג האָט געקוקט ווי לאה פֿאַרשווינדט אין אַ זײַטיק צימער, און עס איז אים וואַרעם געוואָרן אונטערן האַרץ, ווי נאָך אַ גוטן טרונק בראַנפֿן.

פֿונם קאַכל=אויוון, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ דריטל קיך, האָט געשמעקט מיט געפּרעגלטע פֿליישן. די ריחות האָבן פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. פּנחס, אַ צעוואַרעמטער, האָט טיף אַרײַנגעצויגן די ריחות און אַ הונגער, ניט אַזוי נאָך עסן, ווי נאָך לײַב, האָט זיך אַ וועק געטאָן אין אים. ער האָט זיך אַ שאַר געטאָן צום קאַכל=אויוון און ס׳פּנים האָט זיך בײַם יונג צעטיילט אין צווייען. איין אויג האָט געניששטערט צווישן די בראָטפּאַנען און טעפּ און ס׳צווייטע האָט מער זיך אײַנגעהערט, ווי געקוקט, צי ס׳קומט עמיצער ניט אָן. און ווי ער האָט זיך געיישובט וואָס פֿרי׳ער אַ כאַפּ צו טאָן — אַ קאָטלעט, צי אַ רעפּטל פֿון אַ ביפֿשטיק — האָט ער דערפֿילט אויף זיך אַ פּאָר אויגן און ס׳בלוט איז בײַ אים אָפּגעלאָפֿן פֿון די שלייפֿן. ס׳האַרץ האָט זיך אַ הייב געטאָן מיט אַ צאַפּל, געוואָלט זיך צוריק אַוועקלייגן, און ס׳האָט ניט געקאָנט געפֿינען ס׳פּלאַץ.

אין קיך איז געשטאַנען חנהלע, דעם שררהס זיבעצן=יעריקע טאָכטער. די הענט, ס׳פּנים אָפּגעסמאַליעט, ווי אין דרויסן וואָלט געברענט די זון, ניט דער פֿראָסט. קליינערהייט זײַנען זיי צוזאַמען געוואַקסן. שפּעטער, אַז מען האָט חנהלען אַוועקגעשיקט קיין וואַרשע, זײַנען זיי ביסלעכווײַז אָפּגעפֿרעמדט געוואָרן. די לעצטע יאָרן האָבן זיי זיך כּמעט ווי ניט געזען, און אַז מען האָט זיך אין די זומער=חדשים אַמאָל באַגעגנט, איז מען זיך פֿאַרבײַגעגאַנגען ווי ווילד=פֿרעמדע. און איצט שטייט ער אויג אויף אויג מיט חנהלען. אויף דערויף האָט ער זיך אינגאַנצן ניט געריכט.

פּנחס האָט זיך אַ רוק געטאָן פונם קאַכל־אויוון און די אייגענע הענט און פיס זײַנען מיטאַמאָל בײַ אים געוואָרן איבעריק. זאָל ער זיך יאָ באַגריסן? זאָל ער זיך ניט באַגריסן? און וואָס טוט זי אין מיטן ווינטער אינדערהיים? זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. און אַז פּנחס האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, האָט חנהלעס בליק אים אַ גלעט געטאָן:

— ווייסט, פּנחס, ביסט דאָך אַ ערשטקלאַסיקער גליטשער.

— וואָס בין איך? — האָט ס'אָפּגערונענע בלוט זיך צוריק אַ שפּאַר געטאָן צו אים אין די שלייפן.

— דו גליטשסט זיך אויסגעצייכנט.

— איך? — האָט ער זיך פאַרלאָרן און זי גענומען אירצן — איר האָט מיך געזען גליטשן? ווו האָט איר מיך געזען גליטשן? דאָ אויפן טײַך? דאָס איז גאָרנישט, חנהלע. איר ווייסט, אַז כ'וויל, קאָן איך מאַכן די דרײַ וויאָרסט פון אונדז צו אײַך אין צוועלף, פופצן מינוט.

— און ווי לאַנג דאַרף עס נעמען צו דער מיל?

— צו דער מיל? — איז פּנחס געוואָרן אויפגערוימטער און דרייסטער — צו דער מיל דאַרף נעמען אַ קנאַפּע האַלבע שעה.

— אויב דו ביסט ניט פאַרנומען, — האָט חנהלע זיך געוויגט אויף אירע דינע, בויגיקע פיס, — וואָלט איך דיך געבעטן דו זאָלסט מיך צופירן אין דער מיל אַרײַן.

— וואָס הייסט, פאַרנומען? — האָט פּנחס געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט געווען פאַרנומען.

פּנחס האָט אַראָפּגענומען די גליטשערס פון אַקסל. ער האָט זיי אַ גלעט געטאָן, ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויף דער האַנטפלאַך, ווי פייגל. אויף אַזאַ גליק האָט ער זיך גאָר אינגאַנצן ניט געריכט. וואָס הייסט פאַרנומען? וואָס הייסט צופירן? ער איז דאָך גרייט געווען צו נעמען חנהלען אויף די הענט, אויף ביידע הענט, און אַזוי, איינס, צוויי, אַוועקפּאַטשן צו דער מיל. און הענט האָט פּנחס געהאַט שטאַרקע, גאָר שטאַרקע, וואָס האָבן לײַכט געקאָנט הייבן פינף פוד, זעקס פוד, געקאָנט הייבן די משא פון דער ערד אויפן אַקסל, פונם אַקסל אין אַ דראָנגאָוון וואָגן

אַרײַן. און אַזוי אַ גאַנצן פרימאָרגן, און אַזוי אַ גאַנצן נאָכמיטאָג. און דאָ — חנהלען. העגט און פיס זײַנען בײַ אים שטײַף געוואָרן. אַ באַהאַלטענע גבורה האָט זיך געגאָסן איבער די פּליי־צעס און דער מוח איז געוואָרן אַזוי לײַכט, אַזוי לופטיק. ווו איז חנהלע? זי איז זיך געגאַנגען איבערטאָן?

דאָס דינסטמיידל איז אָנגעלאָפן מיט די פיש. זי האָט זיי אַרײַנגעלייגט אין אַ ווייק־שעפל און אַן אויפגעלייגטע אים אַ פרעג געטאָן:

— וויפל, זאָגסטו, ווען זיי?

— כ׳ווייס, צען פונט?

— צוועלף, — האָט זיך ס׳דינסט־מיידל צעלאַכט.

זי האָט אים געגעבן אַ קוויטל אויף צוועלף פונט און שטאַרק געוואָלט זאָגן, ער זאָל זי באַגעגענען בײַם מעלקן די קי.

חנהלע, אין אַ קאַראַקולן היטל, די גליטשערס אויף די הענט, איז אָנגעלאָפן ווי אַ ווינט. זי איז פאַרבײַ דאָס דינסט־מיידל, ווי זי וואָלט זי ניט געזען, האָט געעפנט די טיר צום הויף, און מיטן קלוגן קאָפּ אַ רוף געטאָן פנחסן:

— ביסט פאַרטיק?

— שוין, — האָט פנחס אַרײַנגעשטופּט אין אַ וועסטל־קעשענע דאָס קוויטל און אַ זאָג געטאָן צום דינסט־מיידל: — דאָס גיי איך אָפּפירן חנהלען צו דער מיל.

דאָס דינסט־מיידל איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צו דער פאַר־פרוירענער שויב. זי האָט געקוקט, ווי פנחס טוט חנהלען אָן די גליטשערס, ווי ער נעמט זי פאַר די הענט, צעפּאָרט זיך מיט איר איבערן אײַז. אַ פײַכטע היץ האָט איר אַ שפּאַר געטאָן אין די אויגן אַרײַן. זי האָט זיך געבראָכן די פינגער, זיך אויסגעקנײַפּט שטיקער פלייש, און זיך געגעסן, וואָס ער האָט איר אַפילו קיין גוטע נאַכט ניט געזאָגט.

קרובים

גליקסמאַן, פּראָפעסאָר פון סעמיטישע שפּראַכן אין קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט, איז שוין די דריטע וואָך געווען אין וואַרשע. ער האָט געלייענט אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט אַ לעקציע איבער די נײַסטע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין פּאַלעסטינע. ער איז אויך צוויי מאָל עפנטלעך אַרויסגעטראָטן אינעם גרויסן זאַל פונם שטאָט־ראַט, האָט געלייענט לעקציעס איבער יידישער פילאָלאָגיע. די וואַרשעווער יידישע אינטעליגענץ האָט זיך איבערגענומען מיט איר לאַנדסמאַן און פּראָפעסאָר גליקסמאַנס טעלעפאָן האָט גאַנצע טעג ניט גערוט.

ס'איז געווען אַ שבת פאַר מיטאָג. אַ האַלב אָנגעטאָנענער איז דער פּראָפעסאָר געשטאַנען בײַם שפּיגל און זיך געגאָלט. דאָס טעלעפאָן־גלעקל האָט זיך צעקלונגען. גליקסמאַן האָט מיטן האַנטעך אַ וויש געטאָן די רעכטע אָנגעזייפטע באַק און אַ כאַפּ געטאָן דאָס טרײַבל צום אויער:

האַלאָ!

אַ מיידלש קול, אַ דורכזיכטיקס, מיטן קלימפּער פון גוט געשליפן גלאָז, האָט זיך אָנגערופן:

— ווער רעדט? פּראָפעסאָר גליקסמאַן? אין בין פון דער היים אויך אַ גליקסמאַן, כ'בין דעם פּראָפעסאָרס אַ גליד־שוועסטערקינד. כ'בין שמעון גליקסמאַנס יינגסטע טאָכטער.

דער פופציק־יאָריקער פּראָפעסאָר האָט זיך אויפן אָרט ניט געקאָנט פונאַנדערקלײַבן ווער דער שמעון גליקסמאַן איז. דעם פּראָפעסאָרס פאָטער האָט געהאַט נײַן ברידער. יעדער פון די ברידער האָט געהאַט איבער אַ האַלב טוץ קינדער. איז ווער איז ער, דער שמעון? און ווער איז זײַן טאָכטער? ס׳קול אָבער, אַזאַ יונגס, אַזאַ דינס, און דער עיקר אַזאַ מיידלש, האָט אויף אים אַ בלאָז געטאָן מיט יוגנט, מיט זײַן אייגענער יוגנט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין לובלין און אַ זיכערקייט, אַז ער קען שמעונען, אַז ער קען שמעונס טאָכטער, איז אויפגעגאַנגען אינם פּראָפעסאָר. ער האָט מעשה פעטער אַ זאָג געטאָן:

— אַזוי, זענט איר שמעונס יינגסטע טאָכטער? וואָס מאַכט דער טאַטע?

— וואָס מאַכט הײַנט אַ ייד אין פּוילן?—איז דאָס מיידלשע קול געוואָרן שפּילעוודיקער — מאַטערט זיך. אויב דער פּראָפעסאָר האָט צײַט, וועל איך אַרויפקומען אויף עטלעכע מינוט.

— ביטע, ביטע, מיט פאַרגעניגן, קומט אַרויף! — האָט זיך דער פּראָפעסאָר דערפילט יינגער און געזוכט אַ פּאַסיק וואָרט, — ווו זײַט איר איצט? בײַ זיך אין דער היים?

— ניין, כ׳בין בײַ אײַך אין האָטעל. קאָן איך גלײַך אַרויפקומען?

— קומט אַרויף אין אַ פינף מינוט אַרום, גוט?

— גוט.

די פּריש־געגאָלטע באַקן האָבן געשמעקט מיט פּרילינג־ווינטעלעך. די פיס זײַנען געוואָרן רירעוודיקער, לײַכט געטראָגן די פופציק יאָר. דער פּראָפעסאָר האָט אויף גיך זיך אַרומגעוואַשן, זיך צעקעמט, פאַרקנעפּלט כ׳געפּאַסטע רעקל. ס׳לענגלעכע, מאַטע פּנים האָט זיך געביטן, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ צוואַנציק יאָר. בלויז אין די אויגן, שוואַרצע, לענגלעכע, איז פאַרבליבן אַ קלוגער, ווײַטער טרויער.

מען האָט אָנגעקלאַפּט.

דער פּראָפעסאָר האָט געעפנט די טיר.

אַ געוויקסיק מיידל — דין אין די פּלייצעס, דינער אין דער טאַליע—איז אַרײַן אין צימער. ס'וויַיך פּילצן היטל, אַ טונקל־רויטס, איז ווי־לעריש געזעסן אויף אַ קאָפּ שוואַרצע לאָקן, וואָס זײַנען געפאַלן איבער די שלייפן, איבערן האַלבן שטערן, איבערן בויגיקן ווײַסן האַלדז. די באַקן — רויטלעך, די ליפּן — רויטלעך, די ברוינע אויגן — קינדיש צוריקגעהאַלטן.

דער פּראָפעסאָר האָט געהאַט אַ מינע, ווי ער וועט זיך צעקושן מיט זײַן גליד־שוועסטערקינד. ער האָט זיך אָבער ניט צעקושט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן איר האַנט אין זײַנער. זי האָט קינדיש־פאַרשעמט אַ קוק געטאָן אויפן פּראָפעסאָר, איינמאָל, נאָכ־אַמאָל, ווי זי וואָלט געוואָלט אין גאַנצן זיכער זײַן, צי דאָס איז טאַקע פּראָפעסאָר גליקסמאַן. דערנאָך האָט זי לײַכט אַרויסגענומען איר האַנט פון זײַנער און איז געבליבן שטיין מיט די פּלייצעס בײַם פענסטער. דער האַלדז, די אויגן האָבן אויפגעלויכטן און אין צימער איז ליכטיק געוואָרן. פון די רויטלעכע ליפּן האָבן זיך געקײַקלט ווערטער, ווי פּערל:

— ווי ענלעך דער פּראָפעסאָר איז אויף מײַן פאָטער!

— איר זאָגט אײַער פאָטער הייסט, — האָט דער פּראָפע־סאָר איר צוגערוקט אַ שטול.

זי האָט זיך געזעצט און אים געפרעגט:

— אײַער פאָטערס עלטסטן ברודער האָט איר געקענט?

— משהן?

— יאָ.

— מײַן פאָטער שמעון איז משהס יינגסטער זון.

— זאָגט־זשע, אַז איר זײַט שמעונס טאָכטער, — האָט דער פּראָפעסאָר נעענטער אַ רוק געטאָן זײַן שטול צו אירן, — וואָס טוט איר אין וואַרשע? איר שטודירט? גיי ווייס, אַז שמעון, וואָס איז יינגער פון מיר, האָט שוין אַזאַ דערוואַקסן מיידל! און ווי הייסט איר?

— איך הייס טאָטשע און כ'בין שוין אַ מאַמע פון אַ צוויי־יעריק יינגעלע.

— אַ מאַ־מע? — האָט דער פּראָפעסאָר זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ — ווי אַלט זײַט איר?

— צוואַנציק יאָר.

— דער טאַטע האָט אײַך אַזוי פרי חתונה געמאַכט?

זי האָט אַ ווײַל געשוויגן. די אויגן זײַנען געוואָרן גרעסער, ליכטיקער. ס'פּנים אָבער האָט זיך געהאַלטן אין איין בײַטן — זאָל זי יאָ זאָגן, צי נישט זאָגן? זי האָט גערעדט שטיל:

— כ'האָב זיך אַליין חתונה געמאַכט. אין דער מלחמה האָט דער טאַטע אַלץ פאַרלוירן. און דאָ האָט זיך אונטערגערוקט אַ רײַכער יונגערמאַן, אַ סוחר, וואָס שיקט וואַגאָנעס פוטער, וואַ־גאָנעס קעז קיין לאָנדאָן. ס'האָט געהייסן אַ גליק־שידוך. כ'האָב דעם יונגנמאַן נישט ליב געהאַט. כ'בין אָבער געווען זיכער, אַז איך, די ייִנגסטע טאָכטער, וועל דעם טאַטן שטעלן אויף די פיס. פון די אַלע גליקן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. באַלד נאָך דער חתונה האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מײַן מאַן איז נישט רײַך, אַז מײַן מאַן איז מוראדיק קאַרג, ציילט מיר צו דעם גראָשן, אַז מײַן מאַן איז אַן אוממענטש.

— אויב אַזוי, אויב אײַער מאַן איז אַן אוממענטש, — איז דער פּראָפעסאָר געוואָרן געריירט, — ווער הייסט אײַך וווינען מיט אים? מען צעגייט זיך!

— וווהין זאָל איך גיין? — האָבן אירע אויגן, קינדישע, פאַרלאָפענע, געקוקט דעם פּראָפעסאָר אין פּנים אַרײַן, געזוכט בײַ אים הילף, — אַהיים, צום טאַטן? צו די פיר מינדיקע טעכ־טער, וואָס זיצן איבער זײַן קאָפּ, זאָל נאָך צוקומען אַ גרושה מיט אַ ייִנגעלע?

— נו, און אַזוי איז בעסער?

— אַזוי, — האָט טאַטשע אַ פיר געטאָן מיט די לענגלעכע פינגער, ווי איבער סטרונעס, און ס'פּנים איז בײַ איר געוואָרן רעדעוודיק, — כ'וואָלט שוין שלום געמאַכט דערמיט, וואָס ער איז קאַרג, וואָס ער איז אָרעם. ער דערגייט מיר אָבער די יאָרן, איז מיך חושד, אַז כ'בין אים ניט געטרײַ. גיי איך ערגעץ, רעד איך מיט עמעצן — שפּירט ער מיך נאָך. מיר פעלט בלויז אַ יאָר צו

ענדיקן אויף דענטיסטקע, בעט איך זיך בײַ אים: „לאָז מיך ענ־דיקן", און ער — ניין און ניין און ניין! ווען איך האָב הײַנט אַ טויזנט גילדן, וואָלט איך אַוועק פון אים, און כ'וועל אַוועק פון אים!

— טויזנט גילדן, — האָט דער פּראָפעסאָר זיך אויפגעשטעלט און אַ נעם געטאָן טאָטשען פאַר אַ האַנט, — וויפיל איז עס? אַ צוויי הונדערט דאָלער? איך באָרג דיר די טויזנט גילדן, און שיק דײַן מאַן צו אַלדע יאָר!

טאָטשע האָט זיך אויך אויפגעשטעלט. זי האָט אַ הייב געטאָן אויפן פּראָפעסאָר אירע אויגן — פײַכטע, ליכטיקע אויגן, און די ליפּן אירע — רויטע, גאָר רויטע — האָבן געצוקט פון הונגער. דער פּראָפעסאָר האָט זי אַ צי געטאָן צו זיך:

— קינד מײַנס!

טאָטשע האָט זיך אַ רוק געטאָן צו אים, איז געבליבן אָנ־געשפּאַרט אויף זײַן אָרעם. דער פּראָפעסאָר האָט זי געשטראָפט און געפּיעשטשעט:

— אַזאַ שיין יונג מיידל דאַרף זיך נישט פאַרבן די ליפּן.

— איך פאַרב נישט, — האָט זי אים אונטערגעטראָגן די ליפּן, ווי אַ צײַטיקע קאַרש.

ער האָט זי אַרומגענומען, לײַכט אונטערגעהויבן, איינמאָל, נאָכאַמאָל, און געפּילט, ווי אירע ליפּן צעגייען בײַ אים אין מויל. ער איז געווען גליקלעך, האָט געפּלאַפּלט פון גליק:

— קינד מײַנס, ווו האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזוי גוט קושן?

— דאָס לערנט זיך יעדער איינער אויס.

— קום צו מיר הײַנט אין אָוונט.

— כ'וועל קומען.

— קום אַכט אַזייגער.

— גוט!

בײַ דער טיר האָבן זיי זיך ווידער אַרומגענומען, ווידער זיך צעקושט, ווידער געפּלאַפּלט:

— וועסט זײַן מײַנע?

— דײַנע.

— הײַנט נאָך?

— הײַנט.

אַזאַ טאָג האָט דער פּראָפעסאָר שוין לאַנג ניט געהאַט. אַלץ אין אים האָט געזונגען, אַלץ אין אים האָט זיך געגרייט צום אָוונט. ווי אַ באַקאַנטער, ווי אַ באַקאַנטע — דער פּראָפעסאָר האָט אַלעמען אָנגעקלונגען, געלאָזט וויסן טעלעפאָניש, אַז ער פאָרט אַוועק פון וואַרשע אויף אַ טאָג, אויף צוויי טעג. זיבן אַזייגער איז ער שוין געווען אין האָטעל. ער האָט צוגערוימט ס׳צימער. דערנאָך האָט ער זיך אײַנגעוואַשן, האָט זיך איבערגעטאָן און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון פענסטער, געקוקט פון הינטער אַ פאָרהאַנג, צי טאָטשע קומט נישט אָן. אַ פרייד האָט זיך געטראָגן מיט אַ ציטער פון די פיס אין דער חוט־השדרה אַרײַן. אַלץ אין אים האָט געשעפּטשעט:

— וואָס קומסטו נישט? קינד מײַנס, כ׳וואַרט שוין אויף דיר איבער אַ שעה.

ער האָט זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן. האָט מען אָנגעקלאַפּט? ער האָט ברייט געעפנט די טיר. ס׳איז קיינער נישט געווען. ס׳האָט אים איצט אינגאַנצן נישט געאַרט, וואָס מיט אַזאַ הונגעריקן ציטער האָט דער אַלטער קאַראַמאַזאָוו געוואַרט אויף דער שיינער קרושענקען. דער ציטער איז אים ליב געווען. ער האָט געשפּרײַזט איבערן צימער, גערעדט צו זיך, און מיט אַמאָל — קלאַפּ, קלאַפּ, קלאַפּ. ער האָט געעפנט. אויף אַפריער איז אַרײַן טאָטשע. דאָס גאַנצע געשטעל געבויגן. אין די אויגן — הכנעה, ווי בײַ איינעם וואָס ריכט זיך, אַז מען וועט אים איבער דער שוועל ניט לאָזן. נאָך איר — אַ יונגערמאַן, וואָס דערמאָנט אי אַ פריזיער, אי אַ פידלשפּילער. טאָטשע האָט אים פאָרגעשטעלט:

— דאָס איז מײַן מאַן.

דעם פּראָפעסאָר האָט פון פאַרדראָס אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן. ער האָטביידן געוואָלט אַרויסטרײַבן, און זיך צעשמייכלט:

— אַזוי, דאָס איז טאָטשעס מאַן! — און ער האָט גענומען שלעפּן שטולן — וואָס שטייט איר? זיצט!

— אַדאַנק — האָט דער עלעגאַנטער יונגערמאַן זיך פאַרנייגט, — מיר וועלן בײַ אײַך קיין סך צײַט ניט צונעמען, מיר ווילן אײַך בלויז דאַנקען, וואָס איר האָט אונדז געשטעלט אויף די פיס מיר וועלן עס שטענדיק געדענקען.

— כ'בעט אײַך, רעדט נישט דערפון, ס'איז אַ קלייניקייט, — האָט דער פּראָפעסאָר, אַן אָפּגענאַרטער, געשאַרט מיט די אויגן פון דעם יונגנמאַן אויף דער נאָך ייִנגערער ווײַב, וואָס איז געשטאַנען אַזאַ שמאָלע, אַזאַ דינע, אַזאַ פאַרלוירענע.

אין זאַמאָשטש

אַ טרוקענער, שטעכיקער שניי, וואָס איז אָנגעלאָפן מיט אַ ווינט, האָט זיך געטראָגן איבער די גאַסן און געסלעך, ווי אַ בעזים. דאָ האָט דער שניי אָפּגעקערט די שטיינער, דאָרט האָט ער אָנגעטראָגן ווײַסע בערג, זיי געשניטן אין פּריזמעס, אין קברים. עס איז געווען שבת נאָכמיטאָג, ווען יידן פאַרקלײַבן זיך אונטער פּערינעס, כאַפּן פון גרויס תענוג אַ דרימל.

פון אַ האָטעל־פענסטער אויפן פערטן שטאָק האָט דוד נאַרקיס אַרומגעכאַפּט ס׳גאַנצע שטעטל. אויף די שמאָלע גאַסן, אויף די נאָך שמעלערע געסלעך, האָט מען קיין לעבעדיקן נפש נישט געזען. בלויז דער ווינט, ווי אַ נישט־גוטער, איז פון מאָל צו מאָל אָנגעלאָפן אין מיטן מאַרק אַרײַן מיט הורבעס שניי, וואָס האָבן זיך געקייקלט, געמאַכט קאָזשלקעס און זײַנען געבליבן ערגעץ ליגן אין זײַטיקע געסלעך.

נאַרקיסן האָט מען אַראָפּגעבראַכט קיין זאַמאָשטש אויף צוויי לעקציעס. הײַנט, שבת אָוונט, האָט ער געדאַרפט רעדן וועגן דעם היסטאָרישן ראָמאַן, און זונטאָג אָוונט — וועגן פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. ס׳האָט אים נישט געאַרט, וואָס אין דרויסן האָט זיך צעשפּילט אַ זאַווערוכע, וואָס איז שווער צו זאָגן, צי עס שנייט פון אויבן, צי פון אונטן, צי מען וויל גאָר פאַרשיטן די וועלט מיט פוך־פעדערן. ס׳האָט אים אויך ניט געאַרט, וואָס אין אַזאַ הינטיש וועטער וועט קיינער צו דער לעקציע נישט קומען.

ווו אַ קער מיטן קאָפּ — שניי, ווינט, זאַווערוכע. און אין שניי דער יידישער ישוב — איין־און צוויי־גאָרנדיקע שטיבלעך, ווו מען בענטשט נאָך פרײַטאָג־צו־נאַכט ליכט, ווי מען האָט געבענטשט מיט דרײַ הונדערט, מיט פינף הונדערט, מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק. די מקווה הייצט זיך — מאַמעס זאָלן קינדלעך אָן אַ חשבון. ס'יונגוואַרג רײַסט זיך קיין וואַרשע, קיין פּאַריז, קיין ארץ־ישראל, קיין מאָסקווע. און דער שניי? דער שניי הייבט זיך איבערן פענסטער, טראָגט זיך פאַרבײַ אין ליליע־פּאַסמעס. און אין דרויסן רײַסט דער ווינט שטיקער, פאַרקלײַבט זיך אין שפּאַרעס, אונטער די דעכער, ווי הינט וואָלטן געהײַלט.

נאַרקיס האָט אַרײַנגעשטעקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און גענומען שפּרײַזן איבערן צימער. אַ וואַרעמקייט איז אין אים אויפגעגאַנגען. יאָרן ווי ער האָט אַרומגעזוכט שלמה מולכוס „ספר המפואר", עס נישט געקענט קריגן. און דאָ אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל וווינט אַ מלמד, וואָס האָט דאָס ספרל. די וואַרעמקייט איז איבערגעגאַנגען אין אַ ציטער, ווי דאָס וואָלט ניט געווען קיין ספרל, נאָר אַ געליבטע. ער האָט זיך געערגערט, וואָס דער אַראַנזשירער פון די לעקציעס, וואָס האָט אים אויך געדאַרפט פירן צום מלמד, איז נאָך נישטאָ. פאַרוואָס איז ער טאַקע נישטאָ? זאָל דאָס האָבן געווען אַ שפּיצל? ספקות האָבן גענומען באַפאַלן נאַרקיסן. ס'איז אים אויפן זינען געקומען הערצלס אויפנאַמע בײַם איטאַליענישן קיניג. האָט ער עס ערגעץ געלייענט? ווו האָט ער עס געלייענט? נאָך דעם ווי דער איטאַליענישער קיניג האָט אויסגעהערט דאָקטאָר הערצלס פּלענער וועגן אַ יידן־שטאַט, האָט דער קיניג צו אים געזאָגט:

— איר דערמאָנט מיר שלמה מולכון, דעם יידישן משיח וואָס האָט געחלומט זײַנע חלומות אין די גאַסן פון רוים.

דאָקטאָר הערצל, וואָס האָט קיינמאָל פון שלמה מולכון ניט געהאַט געהערט, איז רויט געוואָרן פון בושה.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. נאַרקיס האָט געעפנט. אַ פאַררויכלטער בחור האָט אָפּגעשאָקלט דעם שניי פונם קאַראַקולענעם היטל, פון דעם קאַראַקולענעם קאָלנער, האָט אָפּגעקלאַפּט

דעם שניי פון די קאַלאָשן און אַרײַנגעבראַכט צו נאַרקיסן אין צימער אַרײַן דעם פרישן ריח פון ווינטער־עפּל. דער בחור האָט אַ זאָג געטאָן:

— די זאַווערוכע זאָל אַזוי אָנהאַלטן, וועלן מיר צו דער לעקציע קיין עולם נישט האָבן.

נאַרקיס, וואָס איז שוין געשטאַנען אין די קאַלאָשן, אינם שווערן ווינטער־מאַנטל, האָט אויפן בחורס רעד גאָרנישט געענט־פערט. ער האָט אָן עפן געטאָן די טיר, אַרויסגעלאָזט דעם בחור און, ווי ער וואָלט געוואָלט זיכער זײַן, האָט ער זיך אַ פרעג געטאָן:

מיר גייען צום מלמד?

— אַוודאי צום מלמד.

אויף דער גאַס האָט דער ווינט געקערט וועלטן. ער האָט געהויבן פלאַכטעס שניי, זיי געשאָטן אין די פנימער, געצונדן פלעמלעך אין די אויגן. די פאַרשנייטע גאַסן האָבן אויסגעזען לענגער.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ הינטער־געסל. אַן אײַנ־געהויקערט שטיבל. דער שניי האָט אָנגעיאָגט ביז צו די נידעריקע פענסטער. זיי זײַנען אַרײַן אין פינסטערן פאָדער־הויז. ס'בחורל האָט אַ הייב געטאָן אַ קליאַמקע, געעפנט אַ טיר. אויף אַפּריפּער איז אַרײַן אַ ווײַסער וואָלקן, דערנאָך — נאַרקיס. נאָך נאַרקיסן — ס'בחורל מיט אַ ברייטן גוט־שבת. ס'האָט אַ שלאָג געטאָן אין פנים אַרײַן מיט טשאָלנט.

אַ ייד אין די פופציקער, וואָס איז געזעסן בײַם טיש איבער אַ ספר, האָט זיך אַ הייב געטאָן. דאָס איז געווען דער מלמד. נישט קיין הויכער. ס'גרוילעכע בערדל שיטער. די בלויע, אויסגעוואָשענע אויגן, ווי בײַ אַ יינגל, זײַנען געווען בלויז חידוש. דער מלמד האָט אַ שמייכל געטאָן צום בחורל, דערנאָך האָט ער געגעבן נאַרקיסן שלום־עליכם און אים צוגערוקט די איינציקע שטול, ער זאָל זיצן.

די דירה איז באַשטאַנען פון איין ברייט חדר, ווו דער אויוון האָט פאַרנומען אַ דריטל שטוב. אַרום אויוון זײַנען גע־

שטאַנען לאַנגע בענק. פון הינטער אַ פאָרהאַנג האָבן זיך אַרויס־געזען אַ בעט און אַ שלאָפבאַנק. פון דער שלאָפבאַנק האָט זיך פריִער אַרויסגעכאַפּט אַ יונג מיידל, פאַרפלאַמט ווי אַ מערן־צימעס. נאָך איר — אַ צווייטע, אַ דיקע, אַ קורצע, ווי אַ צוגע־ברוינט טשאָלנט. די מיידלעך האָבן זיך אָװעקגעשטעלט מיט די פּלייצעס לעבן דעם וואַרעמען אויוון און געוואָרפן פאַרשעמטע בליקן צום טיש. דער מלמד האָט זיך איינגעקוקט אין נאַרקיסן, ווי ער וואָלט געזוכט אַ שטיקל שייכות צווישן זיך און אים. דערנאָך האָט ער אים געפרעגט:

— דאָס זײַט איר געקומען אַ קוק טאָן אויפן „ספר המפואר״?

— יאָ, איך — האָבן די אויגן בײַ נאַרקיסן אויפגעלויכטן.

דער מלמד האָט געריבן אַ ווײַל איין האַנט אין דער אַנדערער, ווי פרומע יידן רײַבן די הענט נאָכן אָפּגיסן די נעגל. נישט געאײַלט איז ער צוגעגאַנגען צום ספרים־שענקל, האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַן אַלט ספרל און עס דערלאַנגט נאַרקיסן:

— אָט האָט איר דעם „ספר המפואר״.

נאַרקיסן האָט פאַרפעלט אָטעם. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס ספרל און עס גלײַך נישט געעפנט. ער האָט עס געהאַלטן מיט ביידע האַנט־פלאַכן, ווי מען האַלט אַ פעקל איידלגעשטיין. דערנאָך האָט ער אויפגעמישט דעם שער־בלאַט, איבערגעלייענט מיט די אויגן — „ספר המפואר״, געדרוקט אין קראָקע, אינם יאָר ש״ל, און צוגעגעבן אויפן קול — „אינם יאָר 1570״. ס׳האַרץ האָט זיך בײַ אים אַ הייב געטאָן, זיך נישט געוואָלט מער אָװעק־לייגן און ס׳בלוט, הייס בלוט, האָט זיך פון די פיס, פון די הענט געגאָסן בײַ אים אין די באַקן אַרײַן, אין מוח אַרײַן.

— ווי לאַנג בלײַבט איר אין זאַמאָשטש? — האָט דער מלמד אַן אויפגערוימטער געפרעגט נאַרקיסן.

— הײַנט און מאָרגן.

— וועל איך אײַך עס געבן אַהיימגעבן אויף צוויי טעג.

— אויף צוויי טעג? — האָט ס׳קול זיך געענדערט בײַ נאַרקיסן, ווי מען וואָלט שוין זיך געקליבן בײַ אים צוצונעמען דאָס ספרל. — און ווען כ׳גיב אײַך פאַרן ספרל צוואַנציק גילדן?

דער מלמד האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. נאַרקיס איז געווען זיכער, אַז ער האָט ווייניק באַטראָטן, האָט ער גע־האַלטן איין באַטרעטן מער:

— נו, און דרײַסיק, און פערציק, נו, און פופציק גילדן?

נאַרקיס האָט באַטראַכט די אָרעמע שטוב, באַטראַכט די צוויי מיידלעך, וואָס האָבן זיך געוואַרעמט בײַם אויוון, זיך גע־שושקעט און געשמייכלט, באַטראַכט דעם מלמדס פאַרחידושטע אויגן. ער האָט געוואַרט אויף אַ תשובה. דער מלמד האָט זיך פאַרענטפערט, ווי ער וואָלט געהאַט עגמת־נפש, וואָס ער קאָן דאָס ספרל נישט אַוועקגעבן.

— איר פאַרשטייט, כ׳האָב בקבלה נישט צו פאַרקויפן קיין ספרים און כ׳האָב נאָך אויף מײַן לעבן קיין ספר נישט פאַרקויפט. כ׳קען עס אײַך געבן לייענען, און נישט בלויז אויף צוויי טעג, אַפילו אויף לענגער, נאָר בתנאַי איר זאָלט עס מיר צוריקשיקן.

דאָס בלוט פון נאַרקיסעס באַקן האָט געהאַלטן אין אָפּרינען. ער האָט אויסגעזען דערשלאָגן. דער מלמד האָט עס באַמערקט און נעענטער אַ רוק געטאָן די לאַנגע באַנק צו נאַרקיסעס שטול:

— איר וועט מיר מוחל זײַן, יונגערמאַן, וואָס גייט אײַך אַזוי אין לעבן צו קריגן דאָס ספרל? קיין גרויסער ירא־שמים זעט איר נישט אויס צו זײַן.

נאַרקיס האָט זיך אַ הייב געטאָן פון שטול, זיך אַריבער־געזעצט צום מלמד אויף דער באַנק, זיך צערעדט, לאַנג גערעדט.

— דורות, דורות, דורות. ערגעץ ווײַט איז געבוירן גע־וואָרן אַן אויסגעוויינטאָגטער געדאַנק. ס׳איז געווען שלמה מולכוס אַ וואָרט און דער מענטש האָט דערפילט דעם צער פון דער וועלט. אָן ליבע, אָן מעשים־טובים קען די וועלט קיין קיום נישט האָבן. מעשים־טובים ווערן אַלץ ווייניקער און איבער דער וועלט גייט אַ קרירה. וואָס מער מעשים־טובים, וואָס מער ליבע — די וועלט מוז אַ קיום האָבן.

ווער האָט דאָס געזאָגט — שלמה מולכו, נאַרקיס, דער מלמד? די מיידלעך מיט די פאַרפלאַמטע פּנימער זײַנען שוין

אויך געשטאַנען בײַם טיש, אָנגעקוואָלן, וואָס דער פֿאָטער באַגלייט אַרויס נאַרקיסן, האַלט אין איין איבערחזרן:

— נעמט דאָס ספֿרל, כ׳בעט אײַך. נאָך אונזער שמועס גיב איך עס אײַך אַ מתנה.

שניי, ווינט, זאַווערוכע. אין נאַרקיסן איז אויפֿגעגאַנגען אַ געזאַנג, געמאַכט לײַכטער דעם טראָט, וואָס האָט זיך געוועקט אינם בלויען ווינט, אינם נאָך בלויערן שניי.